ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# ר' ישראל
# בעש"ט
אידיש

**694**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

אין דער בחינה פון „יאמינו בה׳ ובמשה עבדו״, דורך דעם וועט ממילא פאַרשטאַרקט ווערן די אמונה צו השי״ת.

איך האָב אַדורכגעקוקט דאָס דאָזיקן בוך „דאָס לעבן פון בעל שם טוב״ און כ׳האָב געזען, אַז עס איז באַשריבן אין אים גאַר וואונדערלעכע דערציילונגען, וועלכע אַלע מעגן און דאַרפן וויסן, מעשיות, וואָס זענען ממש וואונדער איבער וואונדער. האָב איך באַשלאָסן עס אַרויסצוגעבן און עס פאַרשפּרייטן צווישן אחינו בני ישראל.

איך פאַרהאָף, אַז ייִדן לומדי־תורה, אויך ישיבה־בחורים וועלן אַריינגעמען דאָס בוך צווישן זייערע ספרים און וועלן עס אויך פאַרשפּרייטן צווישן אַלע ייִדן איבעראַל. עס איז געוואָרן איבער־געזעצט אויף ייִדיש פון אַ לשון־הקודשדיקן טעקסט, בכדי עס זאָלן אים אויך קענען לייענען די אַלע וועלכע קענען גרינגער ייִדיש און אויך פרויען.

אַזוי ווי דער עיקר און יסוד פון ייִדישקייט איז „אמונה״, איז גאָר וויכטיק דערביי אמונת צדיקים, לויט ווי איך האָב פריִער גע־שריבן. איז דערפאַר מיין ווונטש, אַז דאָס בוך זאָל געלייענט ווערן פון די אַלע ביי וועלכע עס איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלאָשן דער ייִדישער פונק, ממילא וועט דורך דעם ווערן פאַרשטאַרקט אמונה בה׳ און אויך אין די צדיקי־הדור, וואָס דאָס וועט מאַכן דערנענטערן די גאולה שלימה פאַר אונדז אַלע ייִדן במהרה בימינו אמן.



רבינו ישראל בעל שם טוב זצ"ל.

# דער געבורט פון דעם גרויסן צדיק
# רבי ישראל בעל־שם־טוב

אַ פּאַלאַץ איז פאַראַן אין די הימלען און ער הייסט דער „ליכט־פּאַלאַץ". זיין פּאַלאַץ איז נאָענט צום כסא־הכבוד.

פאַרוואָס הייסט ער דער „פּאַלאַץ פון ליכט?"

ווייל אַ העלע ליכטיקייט גייט אַרויס פון אים און צעשפּרייט זיך אויף דער גאַנצער וועלט אויבן און אונטן.

אין דעם פּאַלאַץ געפינט זיך דער אוצר פון די נשמות און די נשמות — זענען דאָרט אַלע לויטערע, ריינע; אַלע שיינען זיי; די זינד האָבן נאָך נישט פאַרטונקלט זייער גלאַנץ; קיין שום נאַריש־קייט פון אונדזער וועלט האָט זיי נאָך נישט אָנגערירט. איז ווי אַזוי זאָלן זיי נישט שיינען?

און די נשמות — אַלע לויטערע ריינע; אַלע שיינען זיי, און דאָך זענען זיי נישט גלייך איינע צו די צווייטע אין זייער פראַכט און שיין.

פאַראַן דאָרטן נשמות, וועלכע זענען נאָר קליינע פונקען פון די אויבערשטע וועלטן, וואָס ווערן פון דאָרט אַראָפּגעבראַכט, און זייער שיין איז ווי פון אַ קליין ברענענדיק ליכטל; און פאַראַן נשמות,

וואָס זייער ליכט איז ווי אַ פלאַקער פון אַ שטורקאַטש; אייניקע ווי די ליכט פון דער לבנה און אויך אַפילו ווי די ליכט פון דער זון.

און אַז עס קומט די שעה, ווען דער מענטש דאַרף געבוירן ווערן, שטעקט דער מלאך גבריאל אַריין זיין האַנט אין „ליכט־פאַלאַץ", נעמט אַרויס אַ נשמה, וועלכע קומט אַריין אין זיין האַנט, באַקליידט זי מיט אָדערן און הויט, פלייש און ביינער, גיט איר צו פאַרשטאַנד און שכל, וואָס ער שעפּט אַרויס פון די אויבערשטע וועלטן, און עס קומט אַראָפּ אויף אונדזער וועלט אַ מענטש גאַנץ און פּערפעקט.

האָט דער מענטש גליק, — קומט אַריין אין מלאך גבריאלס האַנט אַ גרויסע נשמה; האָט ער נישט קיין מזל — קומט אַ קליין פונקעלע צו באַזעצן זיך אין גוף.

אַלץ איז לויטן זכות פון טאַטע־מאַמע.

און צווישן די מיליאָנען נשמות, וואָס זענען פאַראַן אין „ליכט־פאַלאַץ", געפינט זיך אַ באַהאַלטענע נשמה, וועלכע לייכט מיט איר שיין פון אָנהייב ביזן סוף וועלט.

איר ליכט איז ווי דאָס ליכט פון די זיבן זונען.

און יעדעס מאָל, וואָס דער מלאך גבריאל נעמט אָן די נשמה, כדי זי אַראָפּברענגען אויף אונדזער וועלט, קומט דער שטן און שטערעמט אויף די אויבערשטע וועלטן און רעדט אָן אויפן קינדס פאָטער...

און אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין צדיק אויף דער ערד, וואָס זאָל טאָן בלויז גוטס און נישט זינדיקן, געלינגט שטענדיק דעם שטן מאַכן שווייגן די מלאכים, וועלכע זענען געקומען רעדן גוטס אויפן מענטשן, אַזוי אַרום איז די נשמה געבליבן אַ סך יאָרן אין „ליכט־פאַלאַץ".

איינער אַ ייִד האָט אין יענע צייטן געוווינט אין לאַנד וואַלאַכיא מיטן נאָמען רבי אליעזר. באַליבט און געשעצט איז דער מאַן

געווען אין די הימלען און אויף דער ערד. אַלס קינד נאָך איז ער שטענדיק געווען צופרידן. האָט געשיינט די זון, איז ער פול געוואָרן מיט פרייד:

— „די גאַנצע וועלט איז אויסגעפוצט אין גינגאָלד!״

פלעגן שוואַרצע כמאַרעס באַדעקן דעם הימל, פלעגט ער פריי־לעך אויסרופן:

— די הימלען שפּילן זיך מיט אונדז: זיי פאַרדעקן זייער אויס־זען און באַלד וועלן זיי זיך ווידער אָפּדעקן.

צופרידן איז ער געווען מיטן רעגן, מיטן האָגל און שניי, מיט די בליִענדיקע ביימער אין פרילינג, מיט די גרינע בלעטער און גראָזן אין זומער, מיט די נאַקעטע ביימער און אַפילו מיט די קעלטן ווינטער.

עס פלעגט אָבער אויך טרעפן, אַז דער צופרידענער יינגל פלעגט וויינען. זעענדיק, אַז אַ קינד שלאָגט זיין חבר, פלעגט ער גלייך טרויעריק ווערן.

און נישט אויפן געשלאָגענעם פלעגט אים ערגערן, נאָר אויפן שלעגער: — דעם געשלאָגענעם וועט זיין ווייטאָג פאַרגייך, אָבער דער שלעגער — ווי איז צו אים! — ער איז דאָך אַ שלעכטער, אַ רשע איז ער!

אַלס בחור האָט ער געלערנט אין בית־מדרש און געלערנט האָט ער אויך אַנדערע.

פאַר זיך פלעגט ער נאָר ג־ט בעטן, אַז ער זאָל זיין כשר און ערלעך; ער פלעגט אויך בעטן פאַר זיינע חברים, אַז זיי זאָלן זיין גוטע, ערלעכע מענטשן. אַז זיינע חברים פלעגן זיך קריגן איינער מיטן אַנדערן, פלעגט ער זיך וווּנדערן און פרעגן:

— ווי אַזוי קענט איר פאַרשאַפן ערגערניש איינער דעם צווייטן?

האָט ער געזען, אַז איינער באַשוולט זיין חבר, פלעגט ער האָבן דעם טיפסטן מיטלייד מיט דעם, וואָס באַגייט די עוולה.

— ער פאַרדאַרבט זיין נשמה! — פלעגט ער וויינענדיק זאָגן.

אין אַ צייט אַרום האָט אים זיין פאָטער חתונה געמאַכט, און כדי אַליין צו פאַרדינען חיונה, איז ער געוואָרן אַ קרעמער. פלעגן די קרעמער שטיין יעדער ביי זיין טיר, רופן און צוציִען יעדן פאַרבייגייער צו זייער קלייט; אויך רבי אליעזר איז געשטאַנען אין טיר פון זיין קלייט, אָבער נישט קיין קונים האָט ער אויסגעקוקט, נאָר אויף די הימלען פלעגט ער קוקן, אויף דעם גאַנצן באַשאַף, און באַוואונדערן זייער שיינקייט. אַ סאַך מאָל פלעגט ער זיך צוקוקן צו די מענטשן פון זיינס גלייכן און זען, ווי זיי יאָגן זיך נאָכן געלט.

פלעגט ער ביי זיך טראַכטן:

— די וועלט איז דאָך אַזוי שיין און די מענטשן זענען דאָס אַזוי גייציק נאָכן צירונג און גאָלד!... ברענגט ג־ט אַרויס זון, איז דאָך זיין וועלט פיל מיט גאָלד; ביינאַכט, ווען ער נעמט אַרויס פון זיין אוצר די לבנה און די שטערן, איז דאָך זיין וועלט פול מיט זילבער!...

איז אויפגעשטורעמט געוואָרן דער הימל פון אַ קול, וואָס האָט געשריגן:

— מאַכט אַ וועג! מאַכט פלאַץ!

מלאכים האָבן געקלאַפּט מיט זייערע פליגל, דערגרייכנדיק דעם כסא־הכבוד. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די גוטע מלאכים, די מליצי־יושר, און פון צווישן זייערע פליגל האָט זיך געהערט אַ געבעט:

— האַר פון אַלע וועלטן, גיב מיר אַ זון! אַ זון, וואָס זאָל מיט זיין חכמה באַלייכטן די אויגן פון די מענטשן, אַז זיי זאָלן דערזען דאָס גוטע; איך קען זיי נישט געבן צו פאַרשטיין; זאָל קומען מיינס אַ זון און מיט זיי לערנען, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט!

דער מלאך גבריאל האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום „ליכט־פּאַלאַץ“, כדי צו נעמען די באַהאַלטענע נשמה, וואָס לייכט ווי זיבן זונען.

די גאַנצע אויבערשטע וועלט האָט געפּאַטשט פון פרייד; די הימלען האָבן זיך אויסגעשפּרייט. אָבער פּלוצלינג זענען די הימלען שוואַרץ געוואָרן; מיט איין פלי איז אָנגעקומען דער שטן, שרייענדיק:

— לאָז אָפּ!

אַ קלאַפּן פון פליגל און אַ הייליקע תפילה האָט זיך געהערט;

— דערבאַרעם דיך אויף מיר, האַר פון אַלע וועלטן, האָב רחמנות! די מענטשן זענען דאָך אומגליקלעך; זייער מי און אַרבעט איז דאָך ווינט־יאָגעניש, נאַרישקייטן: זאָל מיינס אַ זון זיי לערנען און ווייזן זיי דעם וועג!...

— רבי אליעזר בעט אויף אַזאַ נשמה! — האָבן אויסגערופן די מליצי־יושר, — ער האָט עס פאַרדינט.

— רבי אליעזר, רבי אליעזר! — שרייט אויס מיט שפּאָט דער שטן, — פאַרוואָס קומט דאָס אים? און וואָס באַשטייט דאָס זיין דערהויבנקייט און גרויסקייט?

די מלאכים האָבן אויפגעהערט צו קלאַפּן מיט זייערע פליגל און עס האָט זיך ווידער דערהערט די שטימע:

— די מענטשן יאָגן זיך נאָך געלט! זיי אינטערדריקן איינער דעם צווייטן! זיי פאַרדאַרבן זייערע נשמות! זאָל קומען מיין זון דערלייכטן זייערע אויגן, אַז זיי זאָלן דערקענען זייער באַשעפער.

— דאָס איז דאָך אַ ריינער געבעט, וואָס קומט אַרויס פון אַ ריינעם האַרצן פון אַן ערלעכן מאַן! — האָבן צוגערעדט די גוטע מלאכים.

און דער שטן לאַכט אָפּ פון זייערע רייד:

— א ריין האַרץ, אַן ערלעכער מאַן!... מיט וואָס, אַ שטייגער,

איז ער דאָס בעסער פון די אַנדערע מענטשן? זיי האָבן ליב אמתדיק גאָלד און ריכטיק זילבער און ער האָט ליב דאָס גאָלד פון דער זון און דאָס זילבער פון דער לבנה...

— ער האָט אַ גוט האַרץ און איז פול מיט רחמנות! — האָבן איינגערעדט די גוטע מלאכים.

און דער שטן האָלט אין איין אָנרעדן:

— ער ווינט צווישן ייִדן; זאָל ער נאָר קומען צווישן די גויִים, וועט ער זיך אויסמישן מיט זיי; ער גלוסט נישט צו קיין געלט, ווייל ער איז אָרעם; זאָל ער נאָר רייך ווערן, וועט זיין האַרץ פאַר־שטיינערט ווערן...

די מלאכים האָבן זייערע פנימער פאַרדעקט מיט די פליגל; זיי האָבן אָפּגעשטעלט זייערע טענות, און גבריאל איז געווען גע־צווּנגען אָפּצולאָזן די גרויסע נשמה.

***

און אַז רבי אליעזר האָט דערזען, אַז זיין געבעט איז נישט אָנגענומען געוואָרן און עס לויפן די יאָרן און ער און זיין פרוי ווערן אַלט, און אַ זון, וואָס זאָל באַשיינען די וועלט, האָט זיי נאָך ג״ט נישט געגעבן און די מענטשן טוען שלעכטס, ווייל זיי דערזעען נישט די ליכט פון טאָן גוטס, איז זיין האַרץ פול געוואָרן מיט ווייטאָג און צער אָן אַ סוף. האָט ער גענומען זיין פרוי און פאַרלאָזט די שטאָט מיט אירע אומגליקלעכע מענטשן און אַוועק וווינען אין וואַלד. דאָרטן, האָט ער געטראַכט, איז נישטאָ קיין קנאה־שנאה: אַלץ געניסט דאָרטן פון ג־טס שיינער וועלט און פון אַלעם רעדט אַרויס זיין כבוד. די פייגל מיט זייער געזאַנג, די חיות מיט זייער ברומען. פון אַלע פיר עקן לאַנד לאָזט דער ווינט זיך הערן, דאָס וואַסער פון די טייכן פליסט און קלאַפּט רוישנדיק — אַזוי! אַזוי!

אַזוי איז ווײַל און פּײַן! און די ביימער בוקן זיך, בעטנדיק שטיל.

רבי אליעזר האָט צונויפגעקליבן צווײַגן און געמאַכט אַביידל צו שיצן זיך פון רעגן און שטורעם. זײַן עסן איז באַשטאַנען פון גרינס און פרוכט, זײַן געטראַנק — פונעם וואַסער פון טײַך; אין דעם טײַך פלעגט ער זיך אויך טובלען זיבן מאָל אין טאָג.

אַזוי האָט רבי אליעזר געוווינט אין וואַלד, פאַרגעסנדיק די מענטשן מיט זייערע נאַרישקייטן.

אין איינעם אַ טאָג זענען אַהין צוגעקומען באַנדיטן און גע־פאָדערט פון אים געלט. אַזוי ווי זיי האָבן אין ביידל גאָרנישט גע־פונען, האָבן זיי געוואָלט דערמאָרדן אים מיט זײַן פרוי.

דאַן האָט רבי אליעזר מיט זײַן טיפן בליק אַרײַנגעדרונגען אין די אויגן פון עלטסטן פון די רויבער, וועלכער האָט פּלוצלינג חרטה געקריגן און אויסגערופן צו די איבעריקע:

— פאַרגיסט נישט קיין בלוט!

די באַנדיטן האָבן זיך פאַרוווּנדערט און אַ פרעג־געטון זייער עלטסטן:

— ביסט גאָר פּלוצלינג געוואָרן אַ צדיק?

האָט דער עלטסטער מורא באַקומען פאַר די גזלנים פון זײַן באַנדע, וועלכע קענען אים דערמאָרדן פאַר אַזאַ „ווייכהאַרציקייט“, האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט:

— וואָס וועלן מיר האָבן פון דעם, אַז מירן טויטן די אַלטע? דער אַלטער איז דאָך זייער אַ שיינער מאַן, לאָמיר אים פאַרקויפן און מיר וועלן פאַר אים אָפּנעמען אַ גרויסע סומע געלט, און די אַלטע — זאָל זי גיין!

די גזלנים איז געפעלן געוואָרן די עצה; זיי האָבן באַפרייט די פרוי, און רבי אליעזרן האָבן זיי געבונדן און אים געבראַכט אין אַ לאַנד מעבר לים.




דאָס בילד ווייזט דעם קבר פון דער מוטער פון הייליקן בעל שם טוב.

די רויבער האָבן זיך מיט אים אָװעקגעשטעלט אין אַ מאַרק, וווּ מען פאַרקויפט און אויסגערופן צו די דורכגייער און קויפער:

— זעט, מיר פאַרקויפן דאָ אַ גרויסן מאַן, אַ חכם! זיין שכל און איידלקייט קענט איר זען אויף זיין פּנים!

פּונקט איז דאָרטן פאַרבייגעגאַנגען אַ גענעראַל פון יענעם לאַנד, און ווען ער האָט דערזען דעם שיינעם ייִדן, רבי אליעזרן, מיט זיינע קלוגע און טיפע אויגן, מיט זיין פּאַטריאַרכאַלער שניי־ווייסער באָרד, איז ער אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער באַצאָלט די באַנדיטן די געפאָדערטע סומע און געבראַכט רבי אליעזרן צו זיך אין פּאַלאַץ.

און דער פּאַלאַץ האָט אויפגעשיינט מיט היימישקייט און היי־טערקייט פון רבי אליעזרס אָנוועזנהייט. דער גענעראַל האָט רבי אליעזרן אַריינגעפירט אין זיין הערלעכן גאָרטן, און די ביימער און קוסטעס האָבן פאַר אים אַראָפּגעוואָרפן אַלערליי פרוכטן און בלו־מען; די פייגל האָבן פון צווישן די ביימער אויפגענומען דעם שיינעם גאַסט מיט זיסע פּישטשערייען. אַז דער גענעראַל האָט עס באַמערקט, האָט ער רבי אליעזרן באַשטימט פאַרן גאַנצן פאַרוואַלטער איבער זיין פּאַלאַץ און פאַרמעגן, ווי אויך איבער זיינע קנעכט און דינסטן. יעדן פרימאָרגן פלעגט רבי אליעזר איינטיילן די אַרבעט פאַר די קנעכט און דינסטן און יעדער איינער איז געווען מיט אים צופרידן. אַליין איז ער געווען באַשעפטיקט אין גאָרטן. האָבן די פייגל גע־זונגען, האָט ער מיט זיי מיטגעזונגען; פלעגט זיך צעברומען דער ווינט אויף די שלעכטע זינדיקע מענטשן, פלעגט ער אויך טרויע־ריק מיטברומען. תורה פלעגט ער לערנען אין הימלס בוך; זיין עסן איז באַשטאַנען פון קערנער; זיין געטראַנק — פון ברונעם־וואַסער. און די טייערע עסנס פון גענעראַלס טיש פלעגט ער פאַרבאָרגענער־הייט וואַרפן פאַר די הינט און די בעסטע געטראַנקען פלעגט ער אויסגיסן.

אין איינעם אַ טאָג איז דער גענעראַל געקומען פון אַ באַראַ־טונג ביים קעניג זייער אומעטיק און דערשלאָגן.

ראַטעווע מיך דו געטלעכער מאַן! — האָט ער געבעטן ביי רבי אליעזרן און אים אַרומגענומען אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע דינער. — דער קעניג האָט מיר, אַלס העכסטן מיליטערמאַן, באַ־פוילן אַרויסגייען אין מלחמה, מיט זיינע פיינט. דער פּראָגראַם פאַר דער מלחמה איז שוין גרייט, און אויך האָט מיר דער קעניג גע־זאָגט, אַז איך מוז אַרויסגיין רער זיגער. אָבער אַ גרויסע פּעס־טונג איז פאַראַן אין שונאס לאַנד און איך האָב קיין שום אַנונג נישט, ווי אַזוי איינצונעמען די פעסטונג. ווייל אַ גרויס וואַסער רינגלט זי אַרום, און קיין שיף קען אַהין נישט צוקומען, ווייל אַלע שיפן, וועלכע זענען שוין אַהין געשיקט געוואָרן פול מיט מילי־טער, כדי איינצונעמען די פעסטונג, האָבן זיך איבערגעקערט נאָך איידער זיי זענען אַהין צוגעקומען. און איצטער, פאַרלאַנגט פון מיר דער קעניג, אַז איך, זיין הויפטגענעראַל, זאָל איינגעמען די דאָזיקע פעסטונג, און אויב נישט, פאַרליר איך מיין הויכן פּאָסטן! און אפשר צוזאַמען מיט מיין קאָפּ...

— די זאַך איז דאָך גאָר איינפאַך! — האָט זיך אָנגערופן רבי אליעזר. — געוויס האָט דער שונא אַרומגעצוימט די פעסטונג מיט אייזערנע דראָטן. טאָ זאָל מען באַזייטיקן די דראָטן, וועט מען דאַן קענען צוקומען מיט די שיפן און איינגעמען די פעסטונג.

דער גענעראַל האָט זיך פאַרוואונדערט אויף רבי אליעזרס איינ־פאַל. ער איז שנעל געלאָפן צום קעניג און אים געזאָגט, אַז די אורזאַך דערפון, וואָס די שיפן קענען נישט צוקומען צו דער פעס־טונג, איז ווייל די דראָטן לאָזן נישט צו.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? אַז די אויסשפּירער, וואָס איך האָב אַהין געשיקט, האָבן נישט דערגאַנגען דעם סוד, ווי אַזוי ביסטו אים דערגאַנגען?

דאַן האָט דער גענעראַל דערציילט דעם קעניג וועגן קנעכט, וואָס ער האָט געקויפט, אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן, און אַז דאָס איז זיין מיינונג אָדער איינפאַל וועגן די דראַטן אין דער דאַזיקער פעסטונג.

— אויב אַזוי, — האָט באַפוילן דער קעניג, — זאָל דיין קנעכט גיין דער ערשטער פאַרויס פון אונדזער מיליטער און זאָל ער אָנווייזן דאָס פלאַץ, ווו עס געפינען זיך די אייזערנע דראַטן און ווי אַזוי מיר קענען זיי באַזייטיקן און צוקומען צו דער פעסטונג מיט אונדזערע שיפן מיט מיליטער.

דעם קעניגס באַאַמטע האָבן אַריינגעזעצט רבי אליעזרן אין איינער פון זייערע שיפן און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער פעסטונג, לויטן קעניגס באַפעל.

ווי נאָר רבי אליעזר האָט פאַרלאָזט דעם גאָרטן, אַזוי זענען נאָך אים אַרויס אַלע פייגל. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן איבער דער שיף, איבערן פלאַץ ווו רבי אליעזר איז געזעסן, און וועלכע איז געשוווּמען פאָרויס פאַר די אַנדערע שיפן, און זיי האָבן פאַרהילכט די לופט מיט זייער פריילעכן סווישטשען. אָבער פלוצלונג זענען די פייגל פאַרשווּנדן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער פון ים און באַלד דאָרטן צוריק אַרויס און מיט זייערע שנאָבלען האָבן זיי געשלאָגן אין די פּנימער פון די מאַטראָסן, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די רודערס, כדי זיי אָפּצוטרייבן.

— בלייבט שטיין! — האָט רבי אליעזר אויסגעשריגן, — רירט נישט מער פון דאַנען די שיפן, ווייל זיי וועלן זיך איבערקערן און מיר אַלע וועלן אַריינפאַלן אין וואַסער!...

די מאַטראָסן האָבן אָפּגעשטעלט די שיפן און רבי אליעזר האָט באַפוילן תיכף צו ברענגען גרויסע צוואַנגען און מיט זיי אויסצוהאַקן די אייזערנע דראָטן, וואָס זענען געווען אין וואַסער.

די מאַטראָסן האָבן געטאָן ווי רבי אליעזר האָט זיי געהייסן. די פייגל האָבן זיך אויפגעהויבן מיט אַ הילכיקן פּישטשעריי, פאַר־הילכנדיק די לופט אַרום.

— פאָרויס! — האָט רבי אליעזר געשריגן צו די מאַטראָסן.

און זיי זענען אָנגעקומען בשלום מיט די שיפן ביז צו דער פעסטונג און זי איינגענומען אָן שום ווידערשטאַנד.

ווי אַ זיגער האָט זיך רבי אליעזר אומגעקערט צום קעניג, וועלכער האָט באַוווּנדערט דעם גרויסן נס, וואָס איז צו אים גע־טאָן געוואָרן.

— ביסט ווירקלעך אַ געטלעכער מאַן! — האָט דער קעניג אויסגערופן, אים אַרומנעמענדיק און קושנדיק.

דער קעניג האָט דאַן אַראָפּגענומען דעם רינג פון זיין פינ־גער, אים אָנגעטאָן רבי אליעזרן און געזאָגט צו אים:

— פון היינט אויף ווייטער שטייט מיין גאַנץ פאַרמעגן אָפן פאַר דיר! און מיין טאָכטער וועל איך דיר געבן פאַר דיין פרוי!

רבי אליעזר איז פאַרציטערט געבליבן, דערהערנדיק דעם קע־ניגס רייד.

— גנעדיקער קעניג, — האָט רבי אליעזר זיך אָנגערופן, — ווער בין איך דאָס, אַז איך זאָל ווערן דעם קעניגס איידעם?...

— נישטאָ נאָך אַזאַ קלוגער און פאַרשטענדיקער מאַן ווי דו! נאָר דו פאַרדינסט צו זיין מיין איידעם.

— איך בעט דיך, מיין האַר קעניג, הער מיר אויס! — האָט ווייטער גערעדט אליעזר. — איך וועל חתונה האָבן מיט דיין טאָכ־טער, ווען איך אַליין וועל איינגעמען אַ צווייטע פעסטונג, אָן קיין שום מענטשלעכער הילף!

ווען דעם קעניגס מיניסטאָרן און עצה־געבער האָבן דאָס דער־הערט, איז דאָס זיי זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן

צוגערעדט דעם קעניג, אַז ער זאָל אָפּוואַרטן, ביז רבי אליעזר וועט איינגעמען די צווייטע פעסטונג און דאַן וועט ער אים געבן זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי.

רבי אליעזר האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיף און אַליין זיך געלאָזט אין אָפענעם ים. איבער זיין קאָפּ האָבן מחנות פייגל פריי־לעך געפישטשעט. זיבן טעג און זיבן נעכט איז ער געפאָרן, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ברעג.

ער איז אַראָפּ פון דער שיף. די פייגל איבער איבער האָבן זיך געלאָזט פליען אין אַ ריכטונג, און רבי אליעזר איז זיי נאָכגע־גאַנגען, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ דאָרף. דאָרטן האָבן זיך די פייגל אָפּגעשטעלט אַרום איינעם פון די געצעלטן, וואָס זיינען דאָרט געווען אויפגעשטעלט. רבי אליעזר איז אַריין אין דעם דאָ זיקן געצעלט, און דאָרטן געטראָפן זיין פרוי, וועלכע איז געזעסן און געזאָגט תחינות.

און ווידער איז אַנטשטאַנען אַ רעש אין די הויכע הימלען.

עס קלאַפּן די מלאכים מיט זייערע פליגל און עס הערט זיך ווידער רבי אליעזרס אַלטע תפילה און געבעט:

— דערבאַרעם דיך, פאָטער אין הימל, גיב מיר אַ זון!...

דער שטן איז געקומען אָנריידן שלעכטס, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין ווערטער; זיין פּנים איז געווען פאַרשעמט, און גלייך איז ער נעלם געוואָרן אין דער טיפעניש פון אַ גרוב.

און דער מלאך גבריאל האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אין „ליכט־פּאַלאַץ" און אין באַגלייטונג פון געזאַנג פון מלאכים־כאָר האָט ער אַרויסגענומען די גרויסע נשמה, וואָס איז דאָרטן געווע באַהאַלטן פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ער האָט זי

באַקליידט מיט אָדערן, פלייש און ביינער און זי אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער וועלט.

און צו ענדע יאָר איז צו רבי אליעזרן געבוירן געוואָרן אַ זוי און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישראל. און אָט־דער זון איז דאָס טאַקע רבי ישראל בעל־שם־טוב, וואָס איז געווען פאַר זיין פאָלק ווי אַ ליכט־טורעם.

# פאַרוואָס האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן ישראל?

דאָס איז פאַרלאָפן אין אַ נאַכט פון חודש טבת. אַ לאַנגע און אַ פינצטערע נאַכט איז דאָס געווען.

עס איז דאַן געגעבן געוואָרן דערלויבעניש צום מלאך פון פינצטערניש אויסצושפרייטן זיין געוועלטיקונג אויף דער ערד. איז ער אָנגעקומען און פאַרדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס דעם הימל. לבנה און שטערן.

די נאַכט ציט זיך און די געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס צע־שפרייטן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. און דער גאַנצער אַרום איז געוואָרן שוואַרץ און פינצטער.

האָט דער מלאך פון די ווינטן נישט פאַרגונען דעם מלאך פון פינצטערניש זיין געוועלטיקן איבער דער ערד. האָט ער אַרויס־גענומען פון מזרח־זייט אַ שטאַרקן ווינט־שטורעם, וועלכער האָט מיט אַ ווילדן פייפן און געריש אַרויסגעריסן ביימער, אַראָפּגעריסן דעכער, קוימענס, זיי געשליידערט און פאַרוואָרפן צום מערב־זייט.

איז שנעל אַרויס אַ מערב־ווינט און ער האָט זיך אויך צע־שטורעמט און צעבושעוועט, רייסנדיק און פליקנדיק אַלץ אויף זיין

וועג און עס צוריקגעשלידערט צום מזרח־זייט. האָט זיך אַריינגע־ריסן מיט אַ שרעקלעכן וואָיען דער דרום־ווינט, און מיט אַ פראָס־טיקער קעלט געוואָרפן און געשלידערט אַלץ צום צפון.

האָבן די אויסגעריסענעביימער, די אַראָפּגעטראָגענע דעכער און צעבראָכענע קוימענס זיך איינגעוויקלט אין ווייסן און צוזאַמען אַרויס אין אַ צירקל־טאַנץ, אַ ראָד אין אַ ראָד, ווי דאָס טאַנצן פון די „חסידים“, ווייל די ווינטן זענען אַרויס איינער קעגן אַנדערן צום טאַקט פון פייפן און וואָיען פון שטורעם.

עס איז דאַן פאָרגעקומען ווי אַ מין טויטן־טאַנץ אויף דער וועלט, און דאָס לעבן האָט זיך באַהאַלטן: — דער מענטש אין זיין שטוב; די פייגל אין זייער נעסט; די חיות אין היילן; די בהמות אין שטאַלן און די מייז אין נאָרע.

אָבער מיטאַמאָל איז די פינצטערניש אַוועק און אַ גרויסע שיין האָט אויפגעלויכטן. ליכטיק - איז געוואָרן אין דרויסן, אין שטוב, אין נעסט און אין שטאַל, אין הייל און אין נאָרע.

און אומעטום איז געוואָרן פול מיט ליכט און געזאַנג, ווי נאָך קיינמאָל נישט אַזוי.

דער שטורעם פון די ווינטן און זייער גערויש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קולות פון טראָמפּייטן; די הענער האָבן געקרייעט ווי מיט טענער פון פלייטן; די וואָראָנעס האָבן געקראַקעט מיט טענער פון פויקן; די בהמות האָבן געמוקעט מיט פידל־טענער; אַפילו די קראָען און די מייז האָבן אַרויסגעגעבן טענער ווי פון מוזיק און די פייגל האָבן אַלעמען איבערגעשטיגן מיט זייער געזאַנג.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז אַלץ געוואָרן צוריק ווי פריער. עס פינקלען און שיינען די שטערן, און די קעלט איז שטאַרק, ס׳איז די קעלט פון חודש טבת.

# אַ מלחמה אויף דער ערד און אַ מלחמה אין הימל

אַ גרויסער טומל איז פּלוצלונג אַנטשטאַנען און דערגאַנגען ביז צו די אויבערשטע וועלטן. עס פליט דער מלאך המוות מיטן בלויזן שווערד אין זיין האַנט. זיינע טויזנט אויגן זענען געווענדט צו אַ קליינער נידעריקער הייזקע, וואָס געפינט זיך אין ראָג פון אַ געסל אין אַ שטעטל פון וואָלאַכיאַ, צום שטיבל, וווּ עס וווינט רבי אליעזר.

עס האָט אַ ציטער געטאָן דער הימל, איבערגעשראָקן דעם מלאך רפאל און אים געמאַכט אויפשפרינגען פון זיין פּלאַץ, און מיט אַ האַסטיקן פלי האָט דער מלאך רפאל אָנגעיאָגט דעם מלאך־המוות און אָנגעכאַפּט זיין שווערד.

האָבן זיך געראַנגלט: דער מלאך־המוות מיטן מלאך רפאל, וועלכער האָט אויסגעשפּרייט זיין מאַנטל און פינצטער געמאַכט די ליכטיקייט. אָט־דאָס איז עס געווען די פינצטערניש, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער וועלט. האָט זיך דער מלאך־המוות גע־צאַפּלט מיט אַלע זיינע גלידער — דאָס זענען דאָס געווען די ווינטן, וואָס האָבן געוועלטיקט אין דער וועלט.

איז צוגעקומען גבריאל צו רפאלן אוןביידע האָבן זיי צוגע־האַלטן דעם מלאך־המוות און אים נישט אָפּגעלאָזט.

— לאָזט מיך אָפּ! — שרייט דער מלאך פון טויט. — לאָזט אָפּ! איך האָב אַ באַפעל און וועל אים אַדורכפירן!

— ניין, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן! — שרייט רפאל, — ניין! האָט אַ ברום געטון דער מלאך־המוות מיט אַ שרעקלעכן ברום, וואָס זיין קול האָט זיך געהערט פון אָנהייב ביזן סוף וועלט, און באַלד זענען אָנגעקומען די מלאכי חבלה פון אַלע פיר עקן וועלט מיטן בוך פון לעבן און טויט אין זייערע פליגל.

— לייגט אַוועק דאָס בוך פאַר מיכאלן און גבריאלן! — האָט דער מלאך־המוות אויסגעשריגן.

זיי האָבן געפּאַכעט מיט זייערע פליגל, און דאָס בוך האָט זיך געעפנט און דער מלאך המוות האָט ווידער אויסגעשריגן:

— קוקט אייך איין, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן: חנה, ראובנס טאָכטער, דאַרף לעבן זיבעציק יאָר, זיבעציק טעג, זיבעציק שעה, און זיבעציק סעקונדן. און איצטער איז געקומען דער מאָמענט! לאָזט מיך אויספּאָלגן דעם באַפעל פון מיין באַשעפער!

— אויב אַפילו ס'איז ווי דו זאָגסט, וועלן מיר דיך נישט אָפּ־לאָזן.

רפאל האָט איינגעהאַלטן דעם מלאך־המוות שווערד און גבריאל האָט איינגעהאַלטן זיינע מעכטיקע פליגל.

דער מלאך־המוות האָט זיך געראַנגלט מיט זיי, זיך וואַרפנ־דיק מיט אַלע זיינע אברים; שרייענדיק און רייסנדיק זיך האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן:

— איך מוז אויספירן דעם באַפעל!

און אז די צוויי מלאכים האָבן דערשפּירט, אַז אָט באַלד וועט ער זיי באַזיגן, האָבן זיי אים אויפגעפּאַדערט מיטגיין מיט זיי זיך שטעלן פאַרן בית־דין פון די אויבערשטע וועלטן.

און געטענהט האָבן די מלאכים:

— אַט, נאָר־וואָס איז געבוירן געוואָרן דער בעל־שם־טוב דער וועלכער איז באַשטימט צו באַלייכטן דעם גלות, און אַט דער דאָ־זיקער מלאך־המוות קומט איצטער אָוועקרויבן זיין מוטער.

— ס'איז געקומען די שעה! דער מאָמענט איז געקומען! — שרייט דער מלאך־המוות.

— דער צדיק דאַרף ברענגען דער וועלט לעבן און ליכט; וועט אים איצטער שטאַרבן זיין מוטער, ווען ער איז נאָר־וואָס גע־בוירן געוואָרן?

— דאָס איז אַ גזירה און מען קען דאָס נישט אָפּלייגן! — האָט דער מלאך־המוות געהאַלטן אין איין שרייען.

אָבער די גוטע מלאכים רפאל און גבריאל גיבן נישט נאָך.

— דער זויגלינג מוז האָבן זיין מוטער, וועלכע דאַרף אים זויגן און האָדעווען, און אויב נישט, איז זיין לעבן קיין לעבן נישט. עס איז נישטאָ אַזאַ דין, יואָס זאָל פאַריתומען דאָס זויג־קינד, פון וועלכן עס דאַרף אַרויסקומען ליכט אויף דער וועלט.

און דער מלאך־המוות האַלט זיך ביי זיינס:

— דאָס איז אַ גזירה, און אַזוי איז דאָס באַשערט!

און דאָ איז אָנגעקומען דער שטן און אָנגערעדט:

— ג־טס גזירה קאָן מען נישט אַנדערש מאַכן; צו ראובנס טאָכטער, צו חנהן, האָט ג־ט איבערגעגעבן אַ נשמה, וועלכע גע־הערט דעם הימל און אַז די צייט איז געקומען, דאַרף מען אומקערן דעם פאַנד — דאָס אַנטליִענע; דאָס, וואָס מען אַנטלייט, דאַרף מען צוריק אָפּגעבן.

האָבן זיך אַ לאָז געטען די גוטע מלאכים זוכן און וועקן רחמנות; זענען זיי אַריין אין גן־עדן און אויפגעוועקט אַלע צדיקים אַז זיי זאָלן זוכן אַן עצה, כדי צו ראַטעווען פון טויט דעם בעל־

שם־טובס מוטער. זענען מיט זיי אויך מיטגעגאַנגען די אבות אַברהם, יצחק און יעקב, און אַלע זענען זיי געקומען אין בית דין.

— דער בעל־שם־טוב איז ווערט, אַז מען זאָל צוגעבן יאָרן זיין מוטער! — האָבן אויסגערופן רפאל און גבריאל.

און דער שטן מסרט:

— עס איז שוין געטאָן געוואָרן צו איר אַ גרויסער נס: זי האָט אויף דער עלטער געבוירן אַ זון, און דאָס אַליין האָט צוגענו־מען אירע אַלע זכיות און פאַרדינסטן.

דאַן איז יעקב, אונדזער טאַטע, צוגעגאַנגען צום בית־דין און געזאָגט:

— מיין פאָטער, יצחק, האָט געלעבט הונדערט אַכציק יאָר, און איך האָב נאָר געלעבט הונדערט זיבן און פערציק יאָר.

— אַזוי איז עס געווען באַשערט! — האָט געשריגן דער שטן.

— דאָס איז געווען באַשערט אויף יעקבן, אָבער נישט אויף ישראלן!*) — האָט דער פאָטער יעקב געענטפערט, — מיין פאָטער האָט געלעבט הונדערט און אַכציק יאָר, איז פאַרוואָס האָט מען מיר אַראָפּגענומען דריי און דרייסיק יאָר פון מיין לעבן? — דערפאַר גיב איך דריי יאָר פון מיינע יאָרן אַ מתנה צו חנהן, ראובנס טאָכ־טער, די מוטער פון בעל־שם־טוב, — וועלכער וועט אָנגערופן ווערן מיט מיין נאָמען: ישראל.

באַלד האָבן אָפּגעשטעלט זייערע טענות דער שטן און דער מלאך־המוות, און זיי זענען נעלם געוואָרן און די גוטע מלאכים, די מלאכים פון יושר, האָבן אַרומגערינגלט אונדזער טאַטן יעקב אין מיט פרייד און געזאַנג אים אַריינגעבאַגלייט אין גן־עדן.

---

*) יעקב האָט אויך געהייסן ישראל.

# ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב אין זיין קינדהייט

דאָס קינד ישׂראל האָדעוועט זיך און וואַקסט און באַגלייך מיט אים וואַקסן די וווּנדער, ווי עס האָבן פאָרויסגעזען די, וועלכע האָבן אים געקענט.

האָט ער נאָר דערהערט דעם קול פון תורה, האָט ער געהאַט גרויס הנאה. צו ערלעכע מענטשן האָט ער זיך דערנענטערט און צו זיי געקלעפּט, און פון שלעכטע און פאַלשע זיך אויסבאַהאַלטן. אַז עס פלעגט טרעפן אַן אומגליק אין שטעטל, פלעגט ער ביטער וויינען. אין דער צייט, ווען זיין מוטער פלעגט געבן אַן אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ פּרוטה, פלעגט ער זיך פרייען און לאַכן מיטן גאַנצן מויל; ווען ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס און אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער דער שטוב, האָבן דאַן אַלע געזען, אַז מלאכים שטייען אים צום דינסט און היטן אים אָפּ פון אַלעם בייז. אָט האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטיק האָלץ, אָן אַ שטיין און נישט אומגעפאַלן; זיך אַ שטאַרקן גליטש געטאָן, זיך אַ וואַקל־ און אַ בויג־געטאָן, אָבער נישט געפאַלן.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון לערנען אים דעם „אלף־בית“, האָט זיך די גאַנצע וועלט ווי איבערגעביטן. זיין פאָטער

האָט אויף אַ ווייסן טאָוול אויסגעכתיבהט די אותיות פון „אלף־בית“ און דעם טאָוול אַוועקגעשטעלט פאַרן קינד ישראל, און אָט זענען זיינע אויגן געוואָרן ווי צוויי גרויסע בריליאַנטן און אַ גרויסע ליכטיקייט איז פון זיי אַרויס אַזש דורך די פענצטער, דורך די שפּאַרונעס, וואָס אין די ווענט, און זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, און די אויגן פון די מענטשן זענען באַשטראַלט געוואָרן. זיי האָבן דערזען, אַז די תורה איז זייער גוט און אז צדקה און גוטע מעשים פירן אירע אויספירער צום העכסטן גליק, בעת די בטלנות, די ליידיקגייערײ און די שלעכטע מעשים ברענגען זייערע אויספירער ווי די גאַנצע וועלט צו גרויסע אומגליקן און אונטערגאַנג; האָבן די מענטשן פאַרלאָזט דאָס ליידיקגייערײ, דאָס פּוסטע לעבן, און זיך אַ נעם געטאָן צו טאָן גוטע מעשים: באַזאָרגן דעם יתום נישט נאָר מיטן שטיקל ברויט, נאָר ער זאָל אויך קענען לערנען תורה; העלפן דעם אָרעמאַן מיט אַ גמילות־חסד און גרינדן שולן. יעדן טאָג האָבן זיי געזוכט צו טאָן אַ גוטע זאַך.

איז געוואָרן אַ טומל אין די אויבערשטע וועלטן. דער שטן האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געזאָרגט פאַר ג־טס באַשעפעניש און בעטנדיק פאַר זיין כסא־הכבוד, האָט ער אויסגעשריגן:

— האָר פון אַלע וועלטן! אַ גרויס אומגליק ברענגען רבי אליעזר מיט זיין זון אויף דיינע מענטשן!

די מלאכים האָבן זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט:

— רבי אליעזר ברענגט שלעכטס זאָגסטו? צוליב אים און זיין זון האָט זיך דאָך געענדיקט דאָס רשעות און אַלע מענטשן האַלטן זיך אָפּ פון טאָן אומרעכט; זיי האָבן זיך צוגעקלעפּט צו דער תורה און טוען לויטער גוטע מעשים!

און דער שטן האָט ווידער אָנגעהויבן טענהן:

— רבונו של עולם! דו האָסט די מענטשן באַשאַפן און זיי געגעבן צוויי וועגן: דעם גוטן און דעם שלעכטן וועג, כדי יעדע־

רער פון זיי זאָל זיך אַליין אויסקלייבן דעם וועג, וואָס ער וויל גיין אין אים און יעטווידער איינער פון זיי וועט באַקומען אויף יענער וועלט זיין חלק שכר, וואָס ער האָט פאַרדינט, דעם גוטן — לויט זיין גוטס, און דעם שלעכטן — לויט זיין שלעכטס. אָבער איצטער, ווען דער שיין פון רבי אליעזר מיט זיין זון ווערט פאַרשפרייט איבער דער וועלט און די מענטשן דערזעען דאָס גוטע און שיינע, וועלן זיי דען טאָן שלעכטס, כדי דערנאָך באַשטראָפט צו ווערן?

— איז דאָך טאַקע זייער גוט! — ענטפערן די מלאכים. — אויב די מענטשן וועלן מער קיין שלעכטס נישט טאָן, וועט דאָך אַלץ זיין גוט און ווויל!

— אָבער ווער וועט באַקומען דעם שכר פאַר גוט און וווילזיין? — האָט דער שטן געפרעגט, זיך מאַכנדיק, ווי ער האָט רחמנות אויף דער מענטשהייט. — דאָס איז דאָך נישט מער ווי דאָס קינד ישראל: פאַרן שיין, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיינע אויגן, ווען זיין פאָטער לערנט אים דעם „אַלף־בית", האַלטן זיך אָפּ די מענטשן פון טאָן שלעכטס, איז אויב אַזוי, איז דער גאַנצער שכר נאָר פאַר זיי, און פאַר די אַלע אַנדערע מענטשן איז נישטאָ קיין שטראָף, אָבער אויך נישט קיין שכר!

די מלאכים זענען אַנטשוויגן געוואָרן, נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן אויף זיינע רייד.

— זיי האָבן פאַרדינט דעם טויט! — האָט געשריגן דער שטן. — רבי אליעזר און זיין זון דאַרפן שטאַרבן!

דאַן איז געוואָרן אַ רעש אין די אויבערשטע וועלטן. אַלע גוטע מלאכים, די מליצי־יושר, האָבן זיך געאיילט צו קומען און דערגרייכן צום כסא־הכבוד און רעדן גוטס אויף רבי אליעזרן מיט זיין זון.

— אויב דער צדיק רבי אליעזר און זיין זון זאָלן שטאַרבן, איז וואָס וועט ווערן פון די פריידן און גליק, וואָס ישראל דאַרף ברענגען פאַר דער וועלט?

— אויב אַזוי, — האָט זיך ווידער דער שטן צעטענהט, — זאָל דאָס קינד ישראל זיך האָדעווען אַליין, אָן זיין פאָטער, וועלן מיר זען, וואָס פאַר אַ גרויסער צדיק ער וועט אויסוואַקסן...

— מיט וואָס האָט זיך רבי אליעזר פאַרזינדיקט? — פרעגן די מלאכים, די מליצי־יושר...

— ער איז שוין גענוג אַלט און זיין נשמה גאַרט שוין צו גע־ניסן פון דער שכינה־ליכט, — טענהט דער שטן, און עס העלפן אים צו די שלעכטע מלאכים, די מלאכי־חבלה.

די מליצי־יושר האָבן זייערע קעפּ אַראָפּגעלאָזט און אַ קול פון דער הויך האָט זיך געטראָגן:

— מאַכט אַ וועג! מאַכט אַ וואַרע! די נשמה פון צדיק רבי אליעזר דאַרף אַהערקומען!

דאָס קול פון די הויכקייטן האָט דערגרייכט צו רבי אליעזרן, וועלכער האָט איינגעלערנט מיט זיין קינד דעם, „אלף־בית" און אין דעם מאָמענט האָט ער באַמערקט, ווי מלאכים קלייבן זיך אַרום אים, כדי צו באַגלייטן זיין נשמה אין גן־עדן. איצטער האָט ער געוווּסט, אַז עס איז געקומען די צייט זיך צו שיידן פון דער וועלט און אַז קיין שום געבעט און תפילה וועט איצטער שוין ניט העלפן אים ראַטעווען פון טויט און אים לאָזן לעבן, ביז ער וועט זוכה זיין זען זיין זון גרויס אין תורה.

האָט ער זיין קינד גענומען אויף זיינע אָרעמס און געזאָגט צו אים:

— איך ווייס, מיין זון, אַז דו דאַרפסט דער וועלט ברענגען פרייד און ליכט, אָבער אַ סך שטרויכלונגען און ליידן וועסטו אָנ־

טרעפן אויף דיין שווערן וועג. נאָר געדענקען זאָלסטו דיין גאַנצן לעבן, אַז ג־ט איז מיט דיר און זאָלסט זיך נישט שרעקן און נישט מורא האָבן פאַר קיין שום שלעכטע באַגעגעניש אין דיין וועג, ווייל ג־ט איז שטענדיק מיט דיר.

און ווי נאָר רבי אליעזר האָט פאַרענדיקט רעדן מיט זיין זון די ווערטער, האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה צו די הויכ־קייטן און דאָס יינגל ישראל איז געבליבן אַ יתום.

# אין חדר

די מענטשן האָבן געדענקט דעם צדיק אליעזר און געטאָן חסד מיט זיין זון, דעם יתום; זיי האָבן אים אָפּגעגעבן אין חדר, צו אַ גוטן מלמד, וואָס איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס פרומער ייִד. דאָס קינד האָט זיך געלערנט אין חדר און אַלע האָבן באַוואונדערט זיינע פעיִקייטן. אין איינעם טאָג האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען אין אַ סידור, און געלייענט האָט ער און געדאַוונט ווי אַן אַלטער. זיין מלמד האָט אים באַלד אָנגעהויבן לערנען חומש, און אויך מיטן חומש־לערנען האָט ער איבערראַשט דעם מלמד מיט זיין באַנעמען און פאַרשטאַנד. דאָך האָט זיין מלמד זיך באַקלאָגט אויף אים און נישט אומזיסט. אַ גאַנצן טאָג איז ישראל דער יתום געזעסן פאַרטראַכט און אָפּטמאָל זיך נישט צוגעהערט צום מלמדס רייד.

— אין וואָס טראַכט ער? — פלעגט דער מלמד פרעגן. — מיט וואָס איז אַזוי פאַרנומען זיין מוח בשעת מען לערנט מיט אים?

דער מלמד האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס קינד, דער יתום, זעט אין חומש אַ סך מער פון דעם, וואָס ער לערנט אים, און דערפאַר איז ער אַריינגעטאָן און פאַרטראַכט אין דעם, וואָס ער זעט.

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז פלוצלונג פלעגט ער זיך פונאַנדערוויינען אָן אַ שום סיבה; ער פלעגט וויינען הויך אויפן קול. פלעגט זיין מלמד נאָך מער אויפגערעגט ווערן:

— „פונקט ווי איך וואָלט אים געשלאָגן אָדער מיט עפּעס אַנדערש אים באַשטראָפט; איך היט זיך אַפילו אָנצורירן אים און איך טו דאָס צוליבן כבוד פון זיין פאָטער, דעם צדיק, און אויך דערפאַר, ווייל ער איז אַ קיילעכדיקער יתום", — פלעגט זיך פאַר־ענטפערן דער מלמד.

ער האָט נישט געוווּסט, אַז דעם קינדס נשמה לעכצט און גאַרט צו יענער גרויסער ליכטיקייט, וואָס פלעגט אים אַרומנעמען, ווען זיין הייליקער פאָטער פלעגט מיט אים לערנען דעם אלף־בית. נאָך דעם האָט ער שטאַרק געבענקט און דערפאַר פלעגט ער אַזוי בי־טער וויינען.

— אַ יתום נעבעך! ער בענקט נאָך זיין טאַטן, דעם צדיק; אויף זיין פינצטערן מזל וויינט ער, ער האָט אויף וואָס צו וויינען!

— דערמיט פלעגן די מענטשן באַרעכטיקן זיין פּלוצלינגן צעוויי־נען זיך.

אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ישׂראל דער יתום אָנגעהויבן אָפּטאָן זאַכן גאַרנישט קיין שיינע און די מענטשן פון שטאָט האָבן דאָס מער נישט געקענט באַרעכטיקן.

ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע טעג און נישט קומען אין חדר. דער מלמד פלעגט אים אַרומזוכן און נישט געפינען. אויך זיינע חברים פלעגן אים אַרומזוכן און נישט געפינען. און אַז ער פלעגט זיך אומקערן אין חדר, פלעגט אים דער מלמד פרעגן:

— ווּ ביסטו געווען?

פלעגט ישׂראל נישט ענטפערן, נאָר שווייגן ווי אַ שטומער. דאָס זעלבע האָבן אים געפרעגט די חברים, אָבער אויך זיי האָט ער גאָרנישט געענטפערט.

דער מלמד האָט געטראַכט, אַז אפשר איז עס געווען אַ צופאַל, און איצטער, אַז ער האָט זיך שוין אומגעקערט אין חדר, וועט ער שוין מער נישט פאַרפאַלן ווערן.

אָבער דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אַ צווייטן, אַ דריטן און אַ פערטן מאָל. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד פלעגט ער קומען אין חדר און דערנאָך עטלעכע טעג נעלם ווערן.

דער מלמד האָט אים אויסגערעדט, אים געמוסרט מיט שטראָף־רייד, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

איז דער מלמד אַוועק און דערציילט די זאַך די שטאָט־מענטשן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט קהלשע זאַכן; זיי האָבן ישראלן אויך אויסגערעדט און געמוסרט, אָבער אויך זייערע מוסר־רייד האָט נישט געהאָלפן. ער האָט אַלץ אויסגעהערט און מיט קיין איינציקן וואָרט נישט געענטפערט. האָבן זיי געדענקט, אַז פון איצטער אויף ווייטער וועט ער שוין מער נישט אַוועקלויפן, אָבער קוים איז אַריבער עט־לעכע טעג איז ער ווידער נעלם געוואָרן.

צוליבן גרויסן רעספּעקט און ליבשאַפט, וואָס די שטאָט־מענטשן האָבן געפילט צום צדיק, רבי אליעזר, האָבן זיי באַשלאָסן מיט גוטן אומקערן דעם יתום אויפן דרך־הישר. זענען זיי אַוועק אים זוכן. זיי האָבן אים לאַנג געזוכט, ביז זיי האָבן אים געפונען אין איינעם פון די וועלדער, זיצנדיק אַליין, און אַזוי שטאַרק פאַר־טראַכט און אַריינגעטאָן אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט גע־מערקט, ווי זיי קומען אָן.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָבן די מענטשן אויסגערופן, און זייער שטימע האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן וואַלד און פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט דער עכאָ:

— וואָס טוסטו דאָ?!

און דאָס יינגל ישראל האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן: ער האָט נישט געהערט נישט די שטים און נישט דעם עכאָ. האָבן די מענטשן אים אָנגענומען, אים אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן און גע־שריגן צו אים:

— וואָס טוסטו דאָ? קער דיך אום אין חדר!

דאַן האָט זיך דאָס ייִנגל אויפגעכאַפּט ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, און אויפן הויכן קול זיך צעוויינט.

די מענטשן האָבן אים ליבלעך געצערטלט און איינגערעדט, אַז ער זאָל גיין אין חדר און שוין מער נישט אַנטלויפן.

אָבער אַז עס איז אַריבער בערך אַ חודש־צייט נישט מער, איז ישראל ווידער אַנטלאָפן פון חדר. און די טייערע גוטע מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום חדר און קיין שום מלמד אין דער וועלט וועלן אים נישט אויסלערנען דאָס, וואָס ער לערנט אין די וועלדער און פעלדער. ער הערט זיך דאָרטן צו צו דער שפּראַך פון פייגל און חיות; ער קוקט זיך דאָרטן צו צו די מלאכים, וואָס גיבן אַכטונג אויף יעדער פלאַנץ און גרעזל און ער הערט ווי זיי ריידן צו יעדן שפּראָץ און פלאַנץ: וואַקסט! בליט!

די מענטשן האָבן פון דעם אַלעם נישט געוווסט; האָבן זיי זיך מיאש געווען פון אים.

— ס'איז אוממעגלעך! נישטאָ קיין עצה צו דערציִען דעם צדיק רבי אליעזרס זון ווי עס באַדאַרף צו זיין.

האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט אויף הפקר, און אויפגעהערט צו צאָלן שכר־לימוד זיין מלמד.

איז דער יתום ישראל פריי געוואָרן פון חדר און פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהויבן גיין אין די וועלדער און פעלדער וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט און קיינער האָט אים מער נישט געשטערט. בלויז ווען נישט ווען פלעגט ער זיך אומקערן אין שטאָט. ער פלעגט אַריינקומען אין בית מדרש אַליין, זיך אַוועקזעצן לערנען חומש און ווייטער נעלם ווערן.

# ישראל ווערט אַ געהילף ביי אַ מלמד און באַזונגט דעם שמן

דאָס קינד ישראל איז געוואָרן אַ ייִנגל, אַ בחורל.

די מענטשן פלעגן זאָגן, אַז ער איז אַפּגעלאָזן, אַז ער לערנט נישט קיין תורה, אַז מער ווי אַ ביסל עברי און חומש קאָן ער נישט. אָבער בלויז מיט איין זאַך זענען זיי כאָטש געווען צופרידן: וואָס ער איז נישט צעלאָזן און איז נישט קיין שטיפער; ער פירט זיך נאָר אויף מאָדנע. און אַזוי ווי ער איז אַ צדיקס אַ זון, האָבן זיי נישט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט זייַן מאָדנער אויפפירונג.

איינער אַ מלמד האָט אים גענומען צו זיך, ער זאָל ביי אים ווערן זיין געהילף, זיין בעלפער אין חדר. דאָס איז ישראלן שטאַרק געפעלן געוואָרן. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער קומען אַהיים צו די קינדער, זיי העלפן אָפּגיסן נעגל־וואַסער, זיי העלפן וואַשן דאָס פּנים, זאָגן מיט זיי „מודה־אני" מיט די אַלע גויטיקע פרימאָרגן־ברכות און דערנאָך זיי פירן אין חדר. דאָרטן פלעגט ער מיט זיי איינלערנען דעם „אלף־בית" און די נקודות און נאָכן טאָג לערנען פלעגט ער זיי צוריק אַהיימפירן.

אָבער נישט ווי אַלע אַנדערע בעלפערס פון אַנדערע חדרים פלעגט ישׂראל פירן זײַנע תּלמידים, װעלכע זענען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן; ער פלעגט מיט די קינדער אײַנזינגען אַזוינע האַרציק־זיסע ניגונים און לידלעך, וואָס אַזוינס האָט די שטאָט אין איר לעבן נישט געהאַט פריִער געהערט. ישׂראלס זיסע און אײַנגענעמע שטימע פלעגט אַרײַנדרינגען אין יעדנס נשמה און דערהויבן דאָס געמיט; די מענטשן האָבן דערפילט, אַז הימל, ערד און בוים, די פייגל און בהמות, אַפילו די שטיינער פון ברוק, האָבן מיטגעזונגען מיט די קינדער און מיט זייער בעלפער; אין די הימלען פלעגן אַפילו די מלאכים פריילעך ווערן, ווען ישׂראל פלעגט מיט געזאַנג און שירה דורכפירן זײַנע תּלמידים איבער די גאַסן.

נאָר דער שטן מיט די מלאכי־חבלה זענען שטאַרק אומעטיק געוואָרן. ער איז געבליבן אָן מוט טרויעריק צו מאַכן די וועלט. און צו וואָס טויג איצטער דעם שטן זײַן לעבן? אַ שטורעם האָבן אויפגעהויבן די מלאכי־חבלה און די אַנדערע שדים; זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם שטן און געגוואַלדעוועט:

— העלף אונדז, האַר אונדזערער! אָט איז אויפגעשטאַנען אַ ייִדיש ייִנגל אונדז צו פאַרניכטן. און דו, שטן, דער עלטסטער פון די שדים און מלאכי־חבלה, זאָלסט נישט קענען בײַקומען דאָס ייִנגל?!

אין דעם מאָמענט איז דער שטן אַרויס פון גרוב און געקומען אין יענער שטאָט, ווו ישׂראל איז געווען בעלפער, און זיך אַרײַנגעטאָן אין גוף פון אײַנעם אַ מכשף פון דער שטאָט.

און ישׂראל, ווי זײַן שטייגער איז געווען, פירט די קינדער פון זייערע היימען אין חדר מיט ליד און געזאַנג, און די גאַנצע וועלט איז פול מיט געזאַנג.

אַז דער מכשף האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ווילדער חיה, וואָס פאַרצוקט קינדער, און זיך געשטעלט אין

גאַס, ווו די קינדער האָבן געדאַרפט דורכגיין. ווען די קינדער האָבן דערזען די ווילדע חיה, זענען זיי אין שרעק און אין פּאַניק זיך צעלאָפן, כדי זיך צו ראַטעווען. פון גרויס שרעק זענען אייניקע פון די קינדער קראַנק געוואָרן. האָבן די עלטערן נישט געוואָלט מער אָנפאַרטרויען זייערע קינדער ישראלן דעם בעלפער.

האָט צומאָרגנס אויפגעהערט דאָס געזאַנג און אַלץ איז טרויעריק געוואָרן.

אָבער ישראל דער בעלפער האָט גוט געדענקט, וואָס זיין פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט פאַרן שטאַרבן: — אַז ער זאָל געדענקען זיין גאַנץ לעבן, אַז ג־ט איז מיט אים און ער זאָל זיך נישט אָפּשרעקן פאַר קיין שום שלעכטער באַגעגעניש.

האָט ער זיך געמוטיקט און געשטאַרקט מיט דער הילף פון ג־ט און ער איז אַוועק באַזוכן אַלע היזער, אין וועלכע עס האָבן געוווינט די קינדער, און איינגערעדט די עלטערן, אַז זיי זאָלן אים ווידער אָנפאַרטרויען זייערע קינדער אָן שרעק און מורא, ווייל קיין שום בייז וועט זיי נישט טרעפן, און זיי פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַפילו די חיה בייקומען, אויב זי וועט זיך אים נאָר שטעלן אין וועג.

די מענטשן האָבן נאָך גוט געדענקט ישראלס פאָטער, רבי אליעזרן, און די נסים און ווונדער, וואָס ער האָט אין זיין לעבן אויפגעטון און ווי געטריי ישראל גופא, דער בעלפער, איז צו זייערע קינדער, ווי די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעלעבט מיט די קינדערשע געזאַנגען. דאָס אַלץ האָט זיי צוגעגעבן מוט צו אָנפאַרטרויען ווידער זייערע קינדער ישראלן, אַז ער זאָל זיי באַניים פירן אין חדר אַריין.

אָבער ווי נאָר דער מכשף האָט דערהערט דאָס פריילעכע געזאַנג פון די קינדער, איז ער ווידער געקומען אין יענער גאַס, ווו די קינדער האָבן געדאַרפט דורכגיין, אין געשטאַלט פון אַ ווילדער חיה. דער בעלפער, ישראל, האָט גלייך דערשפּירט דאָס אָנקומען

פון דער חיה און נאָך איידער די קינדער האָבן געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן, האָט ער מיט זיין שטעקן אַ זעץ געטאָן איר איבערן מוח און זי דערהרגעט.

און ווייטער פירט דער בעלפער די קינדער אין חדר זינגענ־דיק ווי פריִער, ווי גאָרנישט וואָלט געטראָפן...

און אין יענער צייט האָבן די איינוווינער פון שטאָט געפונען דעם מכשף ליגנדיק טויט.

# אין אַ ל״ג־בעומר

אַ שווערד איז דאַן געהאַנגען איבער ייִדישע קעפּ. קאָזאַקן האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער שטעט און שטעטלעך, אויסגערויבט די ייִדישע הייזער און געמאָרדעט ייִדישע מענער, פרויען און קינדער.

וויסט זענען פאַרבליבן די הייזער און די אַנטרונענע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, פעלדער, היילן און גריבער. אויס־געליידיקט, פאַריתומט איז געבליבן דער חדר און פאַרשטומט איז געוואָרן דאָס געזאַנג פון ישראלן מיט זיינע תלמידים.

ווו איז אַהינגעקומען ישראל דער יתום?

קיינער האָט נישט געוווּסט. באַהאַלט ער זיך ערגעץ אויס אָדער האָט מען אים דערמאָרדעט, ווי מען האָט אומגעבראַכט אַ סך? קיינער דערמאָנט אים נישט, ווייל וועמען איז אין אַזאַ צייט געלעגן אין זינען זיך צו דערמאָנען אין ישראלן דעם בעלפער, ווען די שווערד האָט פאַרפאָלגט יעדן ייִדן?

פּלוצלונג, אומגעריכט, האָט זיך אין אַ טאָג באַוויזן דער בעל־פער, ישראל.

אין די היילן און גריבער און אין אַלע ערטער, ווו נאָר עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן און ייִדישע קינדער, איז ער געקומען אָנזאָגן, אַז מאָרגן איז ל״ג־בעומר.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג.

וואָס ל״ג־בעומר? און ווען ל״ג־בעומר? טראַכט ער דען אַרויס־פירן די קינדער אויף אַ שפּאַציר ווי אין די פּאַריקע יאָרן?

ער האָט אָבער קיינעם גאָרנישט געענטפערט, נאָר פאַרטיילט צווישן די קינדער, יעדן קינד באַזונדער, ביקסלעך און פיילנבויגן מיט שפּיזלעך פון האָלץ.

— איר זענט די סאָלדאַטן! — האָט ער זיי געזאָגט, — און צוזאַמען וועלן מיר אַרויסגיין אָפּשטעלן די מאָרדן און די רוי־בערייען.

די עלטערן האָבן געדענקט, אַז דאָס גיט ער די קינדער אַ שפּילצייג, כדי זיי צו פאַרשפּילן אַ ביסל, און רעדט אַזוי צו זיי.

אָבער ער האָט אָנגענומען די קינדערשע הענטלעך און זיי אַלעמען אַרויסגענומען פון זייער באַהעלטעניש.

די עלטערן האָבן געדענקט, אַז ער איז נישט ביים קלאָרן גע־דאַנק און זיי האָבן אים געוואָלט אָפּהאַלטן, אָבער זיי האָבן עס נישט געקענט טאָן, ווייל זיי אַליין האָט זיך מיטאַמאָל פאַרגלוסט אַרויס־צוגיין פון זייערע באַהעלטענישן.

מאָדנע ליכטיקע שטראַלן האָבן אַריינגעדרונגען אין זייערע גריבער און זיי האָבן זיך איינגעפלאַכטן ווי שטריק אין האַנט פון אַ גבור, וואָס ציט מיט זיי אַרויס אַלץ, וואָס ער וויל, און יענע שטריק פון די צוזאַמענגענומענע שטראַלן האָט זיי אַלעמען אַרויס־געצויגן: — מאַן, פרוי און קינד, אַלע זענען זיי געבליבן שטיין אין דרויסן.

דער בעלפער האָט אָנגעהויבן גיין פאָרויס און די קינדער מיט די הילצערנע פיילנבויגן אין די הענט הינטער אים. נאָך די קינדער זענען אויך נאָכגעגאַנגען די גרויסע, ווי פאַרגעסנדיק די שרעק און גרויל.

זיי גייען און זעען נישט די ערד פון אונטן און נישט דעם שטח פון אויבן; די גאַנצע וועלט איז איין הימל; בערג, טאָלי ביימער — אַלץ איז בלוי, די גאַנצע וועלט איז לויטער בלוי.

דער בעלפער האָט אָנגעהויבן זינגען און אַלץ מיט אים האָט מיטגעזונגען.

ער האָט אַרומגענומען די קינדער, זיי געקושט און געהאַלדזט; די גאַנצע וועלט איז דאַן פול געוואָרן מיט געזאַנג און ליבשאַפט, און מאָרד מיט רויב האָבן אויפגעהערט.

# רבי אדם דער בעל־שם און רבי ישראל דער בעל־שם־טוב

אַ גרויסער צדיק האָט זיך דאַן געפונען אין לאַנד און געשעצט און געאַכט איז דער צדיק געווען אין די אויגן פון קעניג און פון אַלע אַדל-לייט. יעדערער, וואָס האָט זיך מיט אים באַקאַנט, האָט אים ליב באַקומען און רעספעקטירט.

און דער שטייגער לעבן פון צדיק איז געווען אַזעלכער: אין זיין קליין הייזקעלע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ ראָג אויסערן שטעטל, האָט ער טאָג און נאַכט געלערנט תורה. און אַזוי ווי עס איז נישט אַזוי גרינג און לייכט צו פאַרשטיין די רייד פון תורה, מוזן אַפילו גרויסע חכמים און צדיקים זי פיל לערנען, כדי גרינגלעך זי צו פאַרשטיין, מחמת די תורה איז פון ג־ט אַליין געגעבן געוואָרן, און די מענטשן, אַפילו די גרעסטע צדיקים צווישן זיי, זענען דאָך נישט מער ווי פלייש און בלוט, איז ווי אַזוי זאָלן זיי טאַקע אַזוי גוט פאַרשטיין די רייד פון ג־ט ב״ה אין דער צייט ווען זייער נשמה, ווי הייליק דערהויבן זי זאָל אַפילו זיין, איז זי דאָך באַקלײדט מיט אַ גוף, וואָס איז אינגאַנצן פון דער נידעריקער וועלט?!

דערפאַר פלעגט אויך טרעפן, אַז לערנענדיק תורה פלעגט רבי אדם אָנטרעפן ווערטער, וועלכע זענען ווי פאַרהוילן געווען פאַר אים, און ער האָט זיי נישט קלאָר פאַרשטאַנען.

איז וואָס האָט ער געטאָן?

ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט, זיין היים און פאַמיליע און זיך אָפגעזונדערט אין פלעצער פאַרלאָזענע פון מענטשן, אין וועלדער און אין היילן. דאָרטן פלעגט ער אַראָפוואַרפן פון זיך אַלע דאגות און זאָרגן און אַלע וועלטלעכע ענינים און זיך איבערגעגעבן צום לערנען די שווערע אומפאַרשטענדלעכע רייד אין תורה, וואָס זענען פאַר אים נישט קלאָר געווען. ער פלעגט בעטן ג־ט, אַז ער זאָל אים זיינע אויגן דערלייכטן, בכדי צו דערזען די ליכט פון תורה.

אין איינעם אַ טאָג, ווען רבי אדם איז אַרויס זיך אָפזונדערן פון מענטשן, ווי זיין שטייגער איז געווען, איז ער אַריין אין אַ הייל און דאָרטן געפונען אַ סך כתבים. האָט רבי אדם גענומען די שריפטן און זיי אָנגעהויבן לייענען, און מיט אַמאָל איז ליכטיק געוואָרן אין זיינע אויגן; אַ גרויס ליכטיקייט האָט ער דאָרטן דערזען, — די ליכט פון די געהיימענישן און סודות פון תורה. רבי אדם האָט, קוקנדיק אין די שריפטן, פאַרשטאַנען אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן פון תורה און ער האָט זיך דערוווּסט, ווי צו באַווייזן אַ סך וווּנדער און נסים; דורך די כתבים האָט ער אויך דערזען, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַנצער וועלט, פון נאָענט און ווייט. און די גרעסטע וווּנדער האָט מען דורך די כתבים געקענט באַווייזן.

ווען ער איז אַרויס מיט די כתבים פון הייל, האָט ער דערזען, ווי אין אַ וויטן לאַנד גרייט דער קעניג צו אַ גרויסן באַנקעט פאַר אַן אַנדער קעניג, וואָס איז געווען זיין פריינט און חבר, און די צוגרייטונגען זענען זייער רייכע, ציִען זיך שוין גאַנצע צוויי יאָר, כדי אויפנעמען דעם קעניג ווי עס פאַסט. פּאַלאַצן האָט דער קעניג זיך געלאָזט אויסבויען, וואָס קיין שענערע פון זיי איז נישט געווען.

אויף די פּאַלאַצן — קרישטאָלענע אויבערשטיבלעך; אין זיי — טייכלעך מיט קלאָרן וואַסער, אין וועלכע עס האָבן אַרומגעשווי־מען גאָלדענע פישעלעך. און שאַפעס האָט ער געלאָזט מאַכן פאַר די טיש־כלים, וואָס זענען געווען פון ריינעם זילבער באַצויגן מיט גאָלד.

און פון די בעסטע און געשמאַקסטע עסנס און געטראַנקען האָבן צוגעגרייט די קעניגלעכע קוכערס.

און אין די פּאַלאַצן האָט דער קעניג אַוועקגעשטעלט אַ סך דינער, וואָס זאָלן שטיין גרייט צו דערפילן דעם ווונטש פון יעדן גאַסט.

אַז רבי אדם האָט דאָס אַלץ דערזען, איז ער אַוועק צום קעניג פון זיין לאַנד און אים פאַרבעטן אויף אַ באַנקעט פונקט אין זעל־ביקן טאָג, וואָס יענער קעניג פון וויטן לאַנד האָט פאַרבעטן אַ צווייטן קעניג, זיינעם אַ חבר און פריינט.

דער קעניג האָט נישט אָפּגעזאָגט זיין באַליבטן רבי אָדמען און צום באַשטימטן טאָג איז ער אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט זיין קעניגלעכער סוויטע.

איינער פון די מיניסטאָרן, וועלכער האָט זייער פיינט געהאַט ייִדן, האָט נישט פאַרגונען רבי אדמען אזא כבוד. האָט ער איינגע־רעדט דעם קעניג, אַז ער זאָל זיך נישט דערנידעריקן און נישט פאָרן צו דער אָרעמער סעודה, וואָס דער ייִד האָט דאָרטן צוגעגרייט אין עפעס אַ ליימענער אָדער הילצערנער הייזקע. און אַזוי ווי דער קעניג האָט דעם ייִדנפיינט נישט געוואָלט פאָלגן און זיך שוין גע־לאָזט אין וועג צו רבי אדמען, האָט ער אים געהאַלטן אין איין איינ־רידן, אַז ער זאָל זיך אומקערן, כדי ער זאָל נישט בלייבן פאַר־שעמט אין די אויגן פון זיינע מיניסטאָרן און אין די אויגן פון דער גאַנצער מדינה.

דער קעניג האָט אויך דאָס מאָל זיך נישט צוגעהערט צו זיינע

ריִיד. דאָך האָט ער אַרויסגעשיקט איינעם פון זיינע עלטסטע, כדי צו זען, צי עס איז פאַראַן געוויס פלאַץ אין רבי אדמס שטוב פאַר אים און פאַר זיינע מיניסטאָרן און צי ער האָט שוין עפּעס צוגעגרייט צום באַנקעט.

דער שליח האָט זיך אומגעקערט און איבערגעגעבן:

אַ קליין שטיבעלע איז דאָרטן דאָ און קיין שום צוגרייטונג צום באַנקעט האָט ער דאָרטן נישט באַמערקט.

פונדעסטוועגן האָט זיך דער קעניג נישט אומגעקערט פון זיין וועג און ווייטער געפאָרן.

דערנענטערנדיק זיך צו דער שטאָט, האָט דער קעניג געשיקט אַ צווייטן שליח און אויך ער האָט געזאָגט דאָס נעמלעכע, וואָס דער ערשטער. דעם קעניג האָט געוווּנדערט אויף רבי אָדמען, וואָס ער האָט אַזוינס געוואַגט: — אים איינלאַדנדיק צו אַ באַנקעט אין אַ ליימענער הײַזקע, און דערצו נאָך גאָרנישט צוגעגרייט, זאָל זײַן אַפּילו אַן אָרעמע סעודה.

אָבער אַזוי ווי דער קעניג האָט שטאַרק געשעצט רבי אדמען און אים ליב געהאַט, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז רבי אָדם וועט פון אים נישט חוזק מאַכן און איז פאַרפאָרן אַהין.

פלוצלונג — שאַ!

דער קעניג מיט זיין סוויטע שטייען אין וווּנדערן זיך: זיי קוקן אָן איינער דעם אַנדערן און באַוווּנדערן דאָס בילד פאַר זייערע אויגן: אָט שטייען דאָ פאַר זיי גרויסע און שיינע פּאַלאַצן, אַ סך שענערע פון די פּאַלאַצן, וואָס ביים קעניג אין זיין הויפּטשטאָט. אַ גרויסער באַקוועמער הויף מיט אַ סך באַדינער שטייען ביי די טויערן.

— צו ווען געהערט דאָס אַלץ אין מיין לאַנד? — האָט דער קעניג געפרעגט.

און יענע שליחים, וואָס דער קעניג האָט פריִער אַרויסגעשיקט אַנקוקן רבי אדמס שטוב, האָבן אים געענטפערט:

— מיר זענען דאָ געווען אויפן זעלבן פלאַץ און קיין שום געביידע,* אויסער אַ קליינע ליימענע שטיבל האָבן מיר דאָ גאָרנישט געזען.

דער קעניג און זיינע באַגלייטער האָבן זיך נאָכמער געוווּנדערט; זיי זענען געווען איבעררעאַשט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

און אַזוי ווי זיי שטייען דאָ ווי פאַרגאַפט, קומט זיי אַנטקעגן רבי אדם און הינטער אים אַ גאַנצע רייע באַדינער אָנגעטאָן אין ספּעציעלע אוניפאָרמען, און ער בעט דעם קעניג און זיינע באַגלייטער אַריינצוגיין אין די פּאַלאַצן. די באַדינער האָבן שנעל אַריינגעפירט די פערד און די קאַרעטעס אין הויף און רבי אדם האָט אַריינגעפירט דעם קעניג מיט זיינע מיניסטאָרן אין די פּאַלאַצן.

אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַנדערע דינער צו באַדינען יעדן איינציקן פון די געהויבענע געסט, אָבער אַלע זענען זיי געווען שטומע און קיין וואָרט נישט גערעדט.

און די זאַלן זענען געווען אויסגעפּוצט מיטן שענסטן אין טייערסטן; אויך די טישן זענען געווען קעניגלעך צוגעגרייט און רבי אדם שטייט און בעט זיך ביי די געסט:

— זיצט, זיצט, איך בעט אייך זייער!

און דער קעניג מיט זיינע מיניסטאָרן שטייען ווי צעטומלטע פאַרן וווּנדערלעכן בילד, וואָס זיי זעען.

דער קעניג און זיינע מענטשן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די טייערע געבעטע שטולן אַרום די לאַנגע געגרייטע טישן, און רבי אדם בעט ווייטער:

— עסט, און טרינקט, איך בעט אייך, און לאָזט אייך ווילגיין!

דער קעניג מיט זיינע באַגלייטער פאָלגן; זיי עסן און טרינקען,

באַוווּנדערן די געטראַנקען און פּאַטראַוועס, וואָס קיין בעסערע פון זיי האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט.

פון וואַנען קומט דאָס אַלץ? פון וואַנען? — פרעגן די געהויבענע׳ געסט איינער דעם אַנדערן.

און אַזוי ווי רבי אָדם האָט געטראַכט, אַז טאָמער וועט איינער פון די געסט אָדער אפשר דער קעניג אַליין וועלן מיטנעמען עפּעס אַ זאַך פון די פּאַלאַצן; אַז זיי וועלן דאָס אפשר וועלן באַהאַלטן אויף אַן אָנדענק פון די גרויסע ווונדער, וואָס זיי האָבן דאָ געזען, האָט ער זיך געווענדט צו זיי און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן דאָס נישט טאָן, צוזאָגנדיק זיי, צו געבן יעדן איינעם עפּעס צום אָנדענק פון דעם ווונדערשיינעם פּאַלאַץ.

— ווער עס וועט מיר זאָגן, וואָס פאַר אַ זאַך ער וויל קריגן צום אָנדענק, וועט אַריינטאָן זיין האַנט אין קעשענע פון זיין פּראַק און ער וועט עס געפינען! — אַזוי האָט זיי צוגעזאָגט רבי אָדם.

דער קעניג און זיינע שררים האָבן געטאָן ווי רבי אדם האָט זיי געהייסן, און יעדער איינער האָט געפונען אין זיין קעשענע דעם אָנדענק, וואָס ער האָט געוואָלט.

דערנאָך איז צוגעקומען דער מיניסטער, וואָס האָט פיינט געהאָט די ייִדן, און אויך אים האָט רבי אדם געהייסן אַריינטאָן די האַנט אין קעשענע, אָבער נישט קיין טייערע זאַך האָט ער פון דאָרטן אַרויסגענומען, נאָר אַ מיאוסע זאַך, וואָס האָט פאַרשפּרייט זייער אַ שלעכטן ריח. דער מיניסטער האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט אין דער קעניג מיט די אַנדערע געסט האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים.

דער פאַרשעמטער מיניסטער איז איילנדיק אַריין אין באָד־צימער, ווו ער האָט זיך געוואַשן, איינמאָל און צוויי מאָל, אָבער דער שלעכטער גערוך איז אַלץ נישט אַוועק. ער האָט זיך צוריקגעקערט אין זאַל, זיך אַנידערגעשטעלט אין טיר און געבעטן רבי אדמען, אַז ער זאָל פון אים אָפּטאָן די צרה.

האָט רבי אָדם צו אים אַזוי געזאָגט:

— שווער פאַר מיר, אַז דו וועסט מער נישט דריקן די ייִדן, וועלכע טוען דיר נישט קיין שום שלעכטס. דעמאָלט וועסטו געהיילט ווערן.

דער מיניסטער האָט געטאָן, וואָס רבי אָדם האָט פון אים פאַרלאַנגט און באַלד איז פון אים אַוועק דער געררוך.

אַז דער קעניג האָט דאָס דערזען, איז רבי אדם ווי דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק נאָכמער געשטיגן אין זיינע אויגן.

— אָבער פון וואַנען קומען אַהער די פּאַלאַצן, זייער רייכע אויסשטאַטונג און די כלים, און די באַדינער?

דער קעניג האָט דאָס אַלץ נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן און ער האָט באַשטימט אויסצופּרווון רבי אדמען. ער האָט נישט אויסגעפאָלגט זיין וואָרענונג, גענומען צוויי זילבערנע כוסות און זיי באַהאַלטן אין די קעשענעס פון זיין אָנצוג.

„לאָמיר זען, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען; אפשר וועל איך עפּעס דערגיין פון רעטעניש פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן״, — האָט דער קעניג ביי זיך געטראַכט.

עס זענען אַריבער אַ פּאָר וואָכן און דער קעניג האָט געלייענט אין איינער פון די צייטונגען, אַז אין אַ שטאָט פון דער און דער מדינה זענען פּלוצלונג נעלם געוואָרן פּאַלאַצן, וואָס אַ קעניג האָט געלאָזט אויסבויען, און אַלץ וואָס אין זיי איז געווען. און אַז ערשט נאָכדעם ווי עס איז אַריבער אַ פּאָר שעה, האָט מען זיי ווידער גע־טראָפן אויפן זעלבן פּלאַץ, און קיין זאַך האָט אין זיי נישט געפעלט, אויסער צוויי זילבערנע בעכערס.

עס איז אין געטראַנקען איז געווען זייער אַ סך צוגעגרייט און די געסט האָבן גענוג איבערגעלאָזט.

דאַן האָט דער קעניג פאַרשטאַנען, ווען עס זענען געווען די פּאַלאַצן, וועלכע האָבן אין איין ווײַלע פאַרנומען דאָס אָרט פון

רבי אדמס ליימענער הייזקע, און אַז דערפאַר האָט רבי אדם גע־וואָרנט די געסט, אַז זיי זאָלן פון פּאַלאַץ גאָרנישט מיטנעמען... די פּאַלאַצן און אַלץ, וואָס אין זיי איז געווען, זענען געבראַכט געוואָרן פון יענעם ווייטן לאַנד דורך אַ נס, וואָס רבי אדם האָט באַוויזן און אויך, וואָס שייך די מאכלים און געטראַנקען, וועלכע זענען דאָך גע־ווען זייער פיל און זענען אויך געבראַכט געוואָרן פון דאָרט, ווייל אַ גרויסער און אַ רייכער קעניג וועט זיך דאָך נישט אָפּגעבן מיט קליינינקייטן! אָבער ווען איינער וואָלט גענומען אַ כלי פון גאָלד און זילבער, ווי די, וועלכע זענען געווען אין יענע פּאַלאַצן, וואָלט דאָך די גנבה בלייבן ביי דעם, וואָס נעמט זי צו...

דאַן האָט דער קעניג, וועלכער איז געווען אויף דער סעודה ביי רבי אָדמען און וועלכער האָט צוגענומען די צוויי כוסות, אָנגעשריבן אַ בריוו צום קעניג פון די פּאַלאַצן און אים צוויסן געגעבן, אַז ביי אים אין לאַנד געפינט זיך אַ ייִד, אַ גרויסער צדיק און חכם, וועלכער קען באַווייזן אויסערגעוויינלעכע וווּנדער, און אַז טאַקע אָט־דער צדיק מיטן נאָמען רבי אדם האָט געבראַכט צו זיך די פּאַלאַצן און אַלץ, וואָס אין זיי איז געווען, אין דער צייט, ווען ער האָט אים, דעם קעניג, איינגעלאַדן מיט זיינע מיניסטאָרן אויף אַ באַנקעט.

„אָט גיב איך דיר אַ סימן, — האָט דער געשריבן דער קעניג צום שלוס פון בריוו, — איך שיק דיר אָפּ די צוויי בעכערס, וואָס פעלן דיר פון יענעם פּאַלאַץ; איך האָב זיי ביי מיר פאַרבאַהאַלטן, נישט אויספאָלגנדיק רבי אדמס וואָרענונג, אַז קיינער זאָל אַליין גאָרנישט נעמען...

דער דאָזיקער נס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. און רבי אדמס נאָמען האָט געשמט, ווו נאָר עס האָט זיך געפונען אַ מענטשלעכער ישוב.

⁂

דערווייל האָט ישראל דער יתום אויפגעהערט צו זיין אַ בעל־פּער אין חדר; ער איז שוין געוואָרן אַ בר־מצווה־בחור און עס האָט שוין נישט געפּאַסט פאַר אַזאַ גרויסן בחור צו זיין אַ בעלפער, איז ער געוואָרן אַ שמש אין שול פון זיין שטאָט און מיט דעם פאַרדינסט האָט ער זיך דורכגעלעבט.

און אין דעם בית־מדרש, ווי אין אַלע בתי־מדרשים אין יענע צייטן, פלעגן טאָג ווי נאַכט זיצן ייִדן און לערנען תורה. יונגע בחורים און אַלטע לייט פלעגן אַוועק פון זייערע היימען, ווי נאָר עס פלעגט פאַרגיין דער שבת, און זיי פלעגן זיך נישט צוריקקערן ביז ערב שבת נאָך האַלבן טאָג. די איבעריקע טעג און נעכט אויסער די שבתים האָבן זיי פאַרבראַכט אין בית־מדרש, וווּ זיי פלעגן זיך פאַרנעמען מיט תורה און תפילה. ווען זיי פלעגן הונגעריק ווערן, פלעגן זיי אָפּשטעלן זייער לערנען, אָפּשווענקען די הענט און זאָגן שאו ידיכם, עסן דאָס שטיקל ברויט אָדער דעם מאָלצייט, וואָס מען פלעגט זיי צוברענגען פון זייערע היימען, דערנאָך פלעגן זיי בענטשן, און זיך צוריקזעצן לערנען. ביינאַכט ווען דער שלאָף איז זיי באַפאַלן, פלעגן זיי אָנשפאַרן די קעפּ אויף זייערע הענט, אָדער זיך אויסציִען אויף דער האַרטער שול־באַנק, אַ כאַפּ טאָן אַ דרעמל, ווידער אָפּשווענקען די הענט און דאָס פּנים און זיך אומקערן צום לערנען און צו די תפילות.

ישראל, דער שמש, פלעגט זיי באַדינען; ער פלעגט זיי צוטראָגן וואַסער און זיי ברענגען עסן פון זייערע היימען. און אין די ווינטערדיקע טעג און נעכט פלעגט ער פאַר זיי הייצן די הרובע. און אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלן די מענטשן וואָס ער באַדינט, זיך דערוויסן, אַז ער קאָן אויך לערנען תורה נישט ווייניקער פון זיי, וועלן זיי דאָך נישט לאָזן פון אים זיך

באַדינען און אַזוי אַרום וועט ער פאַרלירן דעם שכר פון באַדינען תלמידי־חכמים, פלעגט ער זיך פירן אַזוי:

אין דער צייט, ווען אַלע שול־מענטשן פלעגן זיך, נאָכן דאַווענען מעריב, אומקערן אין שול לערנען, — נאָכן אָפּעסן וועטשערע, פלעגט ער זיך אויסציִען אויף דער באַנק און זיך מאַכן שלאָפנדיק. און די מענטשן זענען געווען זיכער, אַז ער שלאָפט. אבער ער פלעגט דאַן ליגן און אויסקוקן, אַז זיי זאָלן זיך צולייגן שלאָפן, און ווי נאָר ער פלעגט באַמערקן, אַז זיי שלאָפן איין, פלעגט ער גלייך אויפשטיין לערנען תורה. ער פלעגט לערנען און ווערן ווי אַ קאַלך־גרוב, וואָס פאַרלירט נישט קיין איינציקן טראָפּן. און אַז עס פלעגט אויפשטיין איינער פון די, וועלכע זענען געשלאָפן, פלעגט ער זיך אַ ציִ־אויס־געבן אויף דער באַנק און זיך מאַכן שלאָפנדיק. אַזוי האָבן אַלע געמיינט, אַז ער שלאָפט אָפּ גאַנצע נעכט, פון אָנהייב נאַכט ביזן סוף און קיינמאָל לערנט ער נישט; אַז ער איז טאַקע אַ פּראָסטער און אומוויסנדיקער און מען קען זיך גוט שאַפן מיט אים, אַז ער זאָל זיי באַדינען ווי אַ שמש.

און דער בחורל ישראל האָט זייער געטריי אָפּגעהיט זיין שטע־לע, באַדינענדיק די לערנער מיט אַלע כוחות.

**
*

ווען עס איז געקומען די צייט, וואָס רבי אדם האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די וועלט, איז זיין האַרץ געווען פול מיט זאָרג און דאגה:

וואָס זאָל ער מאַכן מיט די שריפטן, וועלכע ער האָט געפונען אין הייל? די כתבים זענען דאָך פול מיט תורה־סודות און רמזים; אַ מענטש קען דאָך מיט זיי באַווייזן די גרעסטע וווּנדער; זאָל ער זיי איבערלאָזן אין זיין הויז, קענען זיי דאָך אַריינפאַלן צו מענטשן, וועלכע זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר זיי, און ווער ווייסט, וואָס זיי

קענען אָפּטאָן מיט זיי! זיי קענען דאָך אַפילו פֿאַרוויסטן און חרוב מאַכן די וועלט! און באַהאַלטן זיי אין אַ פֿאַרבאָרגענעם פּלאַץ, איז אים אויך געווען אַ שאָד, ווייל מען קען דאָך דורך זיי געהאָלפֿן ווערן, ווען זיי זאָלן זיך געפֿינען ביי אַ רעכטן מענטשן, וועלכער איז זיי ווערט צו באַזיצן.

און אַזוי טראַכטנדיק אין ענין, איז אים באַפֿאַלן אַ שלאָף און אין חלום איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן, וואָס ער זאָל טאָן מיט די כתבים. צופֿרידן און גליקלעך האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף צוגערופֿן זיין זון און אים אָנגעזאָגט:

— עס איז, מיין זון, געקומען די צייט, וואָס איך מוז שטאַרבן, און איך האָב ביי מיר שריפֿטן פֿול מיט סודות און אָנווייזונגען, אויף אַ סך פֿאַרבאָרגענע און מיסטישע זאַכן פֿון דער תורה, וואָס דו, מיין קינד, ביסט נאָך נישט ראוי זיי צו באַזיצן. אָבער אין אַ ווייטער שטאָט, וואָס הייסט אָקאָפּ, געפֿינט זיך אַ יינגל פֿון אַ פֿערצן יאָר מיטן נאָמען ישראל, רבי אליעזרס זון, און ער איז איצטער דער איינציקער אין דער וועלט, וואָס ער איז ראוי צו זיי. דערפֿאַר מיין זון, זאָג איך דיר אָן, אַז נאָך מיין טויט זאָלסטו נעמען די כתבים און מיט זיי אַוועקפֿאָרן אַהין און זיי איבערגעבן יענעם יינגל, וועלכער איז גרויס אין תורה און אין גוטע מעשים, און הלוואי זאָלסטו זוכה זיין ביי אים צו לערנען.

און ווי נאָר ער האָט פֿאַרענדיקט די דאָזיקע רייד, האָט ער אויסגעהויכט זיין גרויסע הייליקע נשמה.

# רבי אדמס זון און רבי ישׂראל בעל־שם־טוב

אין בית־מדרש, וואָס געפינט זיך אין דער שטאָט אָקאָף, איז אין אַ טאָג פלוצלונג אַריינגעקומען אַ בחור, וואָס זיין אויסזען האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז נישט ווי אַלע אַנדערע בחורים.

זיין פנים, ליכטיק ווי די זון, — דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז גרויס אין תורה, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף זיין געזיכט. זענען צו אים צוגעקומען אַלע תלמידי־חכמים, די בית־מדרש־מענטשן, און אים אָפּגעגעבן שלום. ער האָט זיי געענטפערט מיט אַ שלום און באַלד האָבן זיי זיך אַנגעהויבן פאַרהערן אין תורה. זיי האָבן אים אָנגעפרעגט אויף פאַרשיידענע שווערע ענינים פון גמרא און פוסקים, וועלכע זיי איז שווער געווען צו פאַרשטיין, און ער האָט זיי פאַרענטפערט ווי דער דין איז.

און אַז דער עלטסטער פון דער קהילה האָט זיך דערוווּסט, אַז דער בחור איז אַ גרויסער געלערנטער אין תורה, האָט ער אים פאַרבעטן אין זיין שטוב, אין וועלכער ער האָט אים געגעבן אַ וווי־נונג מיט עסן און טרינקען.

דער בחור איז געקומען צום ראש־הקהילה און די שטוב־

מענטשן האָבן מיט אים פאַרפירט אַ שמועס, אים פרעגנדיק, פון וואַנען און ווער ער איז, און דער בחור האָט זיי געענטפערט:

— איך קום פון אַ ווייטער שטאָט און איך בין דער זון פון רבי אדם בעל־שם.

אַז די מענטשן האָבן דערהערט, ווער דער בחור איז, זענען זיי פאַרציטערט געבליבן.

— דער זון פון רבי אדם בעל־שם! דער זון פון רבי אדם בעל־שם! — האָבן זיי מיט ציטערניש אויסגערופן.

און די נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט.

— רבי אדם בעל־שמס זון איז אַהער געקומען!

— רבי אדם בעל־שמס זון שטייט־איין ביים ראש־הקהילה אין הויז!

ווער רבי אדם בעל־שם איז געווען און וועגן די וווּנדער, וואָס ער האָט אין זיין לעבן באַוויזן, האָבן אַלע געוווּסט: די גויִים, די פּריצים, וועלכע לייענען צייטונגען, האָבן דערציילט יעדן ייִדן, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַנדלט און געמיסחרט, וועגן די גרויסע וווּנדער פון רבי אדם בעל־שם.

און איצטער געפינט זיך דאָ זיינער אַ זון!

די שטאָט האָט געקאָכט. אַלע מענטשן, קליין און גרויס, פּריצים און עלטסטע, נאַטשאַלניקעס פון דער רעגירונג, — אַלע האָבן ממש באַלאַגערט דאָס הויז פון ראש־הקהילה, נייגעריק אָנצוקוקן דעם גרויסן גאַסט אין זייער שטאָט.

אַז דער נייגעריקער עולם האָט זיך שוין גענוג אָנגעקוקט אויפן גאַסט, האָט אים דער ראש־הקהילה געפרעגט, נאָך וואָס ער איז געקומען.

דער בחור האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט:

וואָס זאָל ער אויף דער אָנפראַגע ענטפערן? דערציילן וועגן די כתבים האָט ער מורא געהאַט; ווער ווייסט, וואָס עס קען פּאַ־

סירן, ווען אַלע זאָלן זיך דערוויסן, אַז ער האָט ביי זיך אַזוינע כתבים, פולע מיט וווּנדער, און אַז צווישן די איינוווינער זייערע געפינט זיך איינער, וועלכער מעג האָבן די זכיה צו באַזיצן די כתבים, ווייל ער איז ראוי פאַר זיי — דער איינציקער, וועלכער מעג די שריפטן באַזיצן; זאָגן ליגנט האָט ער אויך נישט געקענט. איז וואָס ענטפערט מען?

האָט ער זיך באַמיט צו ענטפערן דעם אמת, אָבער נישט אינ־גאַנצן.

— מיין פאָטער עליו־השלום האָט מיר אָנגעזאָגט פאַרן שטאַרבן, אַז איך זאָל פאָרן אין דער שטאָט אָקאָף; האָב איך אים געפאָלגט און בין אַהער געקומען.

אָבער וועגן די שריפטן האָט ער פאַר קיינעם נישט דערציילט.

— זיכער געפינט זיך אין דער שטאָט דיין זיווג! — האָט דער ראש פון דער קהילה אים אַ זאָג געטאָן. — און דערפאַר האָט דיין פאָטער ז״ל דיך געהייסן קומען אַהער.

דער בחור האָט געשוויגן.

איז דער ראש־הקהילה געווען זיכער, אַז דער בחור שעמט זיך צו ריידן וועגן אַ כלה און וועגן אַ שידוך, ווי דער שטייגער פון אַלע ג־טספאָרכטיקע תורה־לערנער; דערפאַר שווייגט ער.

האָט ער נישט געמאַכט קיין וועזן פון בחורס שווייגן און אים פאָרגעשלאָגן אַ שידוך מיט אַ גרויסן גביר, וואָס האָט זייער ליב די תורה און אירע לערנער, און ער איז זיינער, דעם ראש־הקהילהס, אַ חבר. ער האָט אים געזאָגט, אַז דער רייכער מאַן האָט אַן איינ־איינציקע טאָכטער, וועלכע שמט איבער דער גאַנצער שטאָט מיט אירע צניעות און גוטע מעשים; זי איז אויך זייער שיין און פּאַסט צו זיין די שנור פון גרויסן צדיק רבי אדם בעל־שם, ז״ל.

— דו ווילסט דעם שידוך? געוויס, וואָס דען! — האָט דער ראש־הקהילה געזאָגט און דער בחור האָט אַלץ געשוויגן.

דאָס מאָל איז דער ראש־הקהילה געווען זיכער, אַז דעם בחורס שוויַיגן איז צושטימונג. ווייל ווען ער וויל נישט, אָדער עס געפעלט אים נישט, האָט ער דאָך געקענט זאָגן „ניין", „לאָ". הייסט דאָך, אַז ער וויל דעם שידוך אויף זיכער. און זיין רייכער חבר וועט דאָך באַטראַכטן דעם שידוך ווי דאָס גרעסטע גליק.

האָט דער ראש־הקהילה גלייך געשיקט רופן זיין חבר און אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

אַז דער גביר האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן פול מיט פרייד און שמחה; ער האָט גלייך פאַרבעטן די אָנגעזעענסטע איינ־וווינער פון דער שטאָט און געשריבן תנאים. אַז עס איז אים גע־קומען צו דער האַנט אַזאַ גליק, צו ווערן דער מחותן פון רבי אדם בעל־שם, איז ווי אַזוי לייגט מען עס אָפּ?

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געפייערט געוואָרן די חתונה און רבי אדמס זון איז געוואָרן אַ תושב פון שטאָט אָקאָפּ. ער האָט זיך איינגעלעבט מיט די מענטשן פון שטאָט און די מענטשן מיט אים. איינגיכן האָט ער זיך אויך באַקענט מיט אַלע ייִדן פון שטאָט. אָבער צווישן זיי אַלעמען האָט ער נאָך נישט געפונען דעם מענטשן, וועלכער זאָל הייסן רבי ישראל בן רבי אליעזר. עס איז דאָ פאַראַן עפּעס אַ ייִנגל, אַ שמש אין שול, וועלכער הייסט ישראל און זיין פאָטערס נאָמען איז געווען רבי אליעזר, אָבער אַלע וויסן, אַז דאָס ייִנגל איז ווייט פון תורה, און עס איז דאָך אוממעגלעך צו געבן די כתבים צו אַזאַ ייִנגל!

— איז דאָס מעגלעך — האָט ער ביי זיך געטראַכט — אַז מיין פאָטער, פאַר וועלכן קיין שום זאַך איז נישט געווען פאַרבאָרגן, זאָל דאָס מאָל האָבן געמאַכט אַ טעות? ניין, דאָס קען נישט זיין! ער וועט קיין טעות נישט מאַכן.

האָט ער אָנגעהויבן נאָכקוקן דעם ייִנגל, ישראלן. ער האָט אים אין געהיים נאָכגעפאָרשט און באַמערקט, אַז עפּעס פאַרבאָרגענס

איז פאַראַן אין אים; אָבער מען דאַרף אים מער אויספאָרשן. ווען דאָס ייִנגל וואָלט זיך געפונען לעבן אים שטענדיק, וואָלט ער גע־קאָנט וויסן, צי עס איז דאָס דער, וועלכן זיין פאָטער האָט געמיינט אים צו איבערגעבן די שריפטן.

וואָס האָט ער געטאָן?

ער האָט זיך געווענדט צו זיין שווער און אים אַזוי געזאָגט:

די מענטשן שטערן מיר פון תורה לערנען; זיי קומען און רעדן צו מיר פוסטע זאַכן, וואָס איך וויל גישט ליידן. איך וויל לערנען תורה אָן איבערצושלאָגן מייך. צוים פאַר מיר אָפּ אין שול אַ פּלאַץ, אַז איך זאָל אומגעשטערט קענען לערנען, און מיר צו באַדינען באַדינג מיר דעם שמש ישראלן.

זיין שווער האָט געטאָן זיין פאַרלאַנג און ער איז דאָרט גע־זעסן טאָג און נאַכט און געלערנט.

דאָס ייִנגל ישראל האָט אים באַדינט.

און רבי אדמס זון האָט זיך שטאַרק צוגעקוקט צו זיין שמש; ער האָט אים נאָכגעפאָרשט אַ סך צייט, טאָג און נאַכט, און געניש־טערט אַלע זיינע גענג און באַוועגונגען. אָבער גאָרנישט. דאָס ייִנגל איז נישט געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע פּראָסטע און איינ־פאַכע ייִנגלעך.

רבי אדמס זון האָט זיך גענומען צום האַרצן, וואָס ער קאָן נישט דערפילן זיין פאָטערס צוואה. וואָס זאָל ער טאָן, כדי ער זאָל קאָנען מקיים זיין דעם פאַרזאָג פון זיין הייליקן פאָטער? וואָס זאָל ער טאָן מיט די כתבים, וועלכע זענען פול מיט סודות פון תורה און אירע אָנמערקונגען, אַז ער אַליין איז אויך נישט ווירדיק צו זיי?

זיין ערגעריש האָט זיך געשטאַרקט און ביינאַכט, ווען אַלע לערנער אין בית־מדרש זענען געשלאָפן, האָט ער זיך אויך אויסגע־ציגן אויף דער באַנק, כדי צו שלאָפן, אָבער פון גרויס ערגעריש איז פון אים אַוועק דער שלאָף.

פּלוצלינג האָט ער פאַר זיך דערזען אַ בילד, וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט:

דער שמש ישראל שטייט לעבן טיש און קוקט אַריין אין אַ ספר.

— ער, דער בור, דער פּראָסטאַק, קוקט אַריין אין אַ ספר! האָט זיך רבי אדמס זון געוווּנדערט.

און ישראל שטייט פאַרטאָן אין ספר אַ שעה און צוויי און פון זיין מויל הערט מען נישט קיין פּיפּס, ווי ער וואָלט זיך גע־שראָקן אויפוועקן די שלאָפנדיקע. נאָר זיין פּנים ברענט און פלאַ־קערט; זיינע אויגן שפּריצן מיט פונקען; זיין קאָפּ באַוועגט זיך און מיט די הענט הייבט ער אַרויף און אַראָפּ.

רבי אדמס זון האָלט נאָך אין באַוווּנדערן דאָס בילד און אָט האָט דער שמש אַ פאַרמאַך געטאָן דאָס ספר און זיך אַ ציי אויס געגעבן אויף דער באַנק, וואָס הינטער אים, און אין זעלבן מאָמענט האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַלע לערנער פון בית־מדרש, בעת דער שמש לאָזט זיך הערן מיט זיין שטאַרקן כראָפּען, ווי ער וואָלט געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף.

— האָב איך דאָס אַלץ געזען אין חלום? — האָט רבי אדמס זון געטראַכט, און באַשטימט ביי זיך, אַז אויך מאָרגן וועט ער זיך שטאַרקן נישט איינצושלאָפן, און ער וועט נאָכקוקן דעם שמש, וואָס ער וועט ווייטער טאָן.

און אויך אין דער צווייטער נאַכט האָט רבי אדמס זון געזען דעם שמש טאָן דאָס זעלבע ווי די ערשטע נאַכט. דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער שמש איז דאָס טאַקע רבי ישראל דער זון פון רבי אליעזר; אים האָט דאָס זיין פאָטער געמיינט, אַז ער איז ווירדיק צו האָבן די כתבים. אָבער דאָך האָט ער באַשטימט אים נאָך אויספּרובירן, ווייל איבערגעבן די שריפטן צו אַ פרעמדן איז דאָך נישט קיין קלייניקייט: דער קיום פון דער וועלט און איר

פאַרניכטונג ליגט אין די שריפטן, קען מען זיך דאָך נישט פאַרלאָזן אויף דעם, וואָס מען זעט איינמאָל אָדער צוויי מאָל.

ער האָט געזוכט און געפונען. ער האָט אָפּגעהיט דעם שמש, ווען ער איז איינגעשלאָפן אין דער אמתן; ער האָט גענומען אַ בויגן



דאָס בילד ווייזט דעם אינעווייניקסטן טייל פון בית־המדרש פון בעל שם הקדוש.

פאַפּיר פון די שריפטן און אַוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש. נאָכ־דעם האָט ער זיך געלייגט אויף דער באַנק און זיך געמאַכט שלאָפנ־דיק. דער שמש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ווען ער האָט דערזען דעם בויגן, האָט זיין גאַנצער קערפּער אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך דער־ווּיסן, ווער עס האָט אַוועקגעלייגט די שריפט פאַר אים, און אזוי ווי

אַלע. וועלכע געפינען זיך אין בית־מדרש, זענען געשלאָפן. האָט ער גענומען די שריפט, און האָט אין איר געלייענט. זיין פנים איז רויט געוואָרן ווי אַ העליש פייער. דער נאָך האָט ער באַהאַלטן דעם בויגן אין קעשענע פון זיין רעקל און זיך צוריק געלייגט אויף דער באַנק און געשלאָפן, אָדער זיך געמאַכט שלאָפנדיק.

איצטער איז שוין רבי אדמס זון געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז דער מאַן, וועמען זיין פאָטער האָט פאַרזאָגט איבערצוגעבן די כתבים. האָט ער אים צוגערופן צו זיך און אים פאַרטרויט אין גע־היים וועגן די כתבים און וועגן זיין פאָטערס צוואה.

אַז ישראל האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך דערשראָקן.

ער, וואָס ער מאַכט זיך פאַרן פּראָסטן אומוויסנדן עם־הארץ, כדי ער זאָל קאָנען באַדינען תלמידי־חכמים. צו אים קומט אָט־דער מענטש און אַנטפּלעקט אים, אַז ער קאָן אים, אַז ער איז גרעסער פון די גרעסטע און דער וועלט, און ער איז ווירדיק פאַר די כתבים, וועלכע זענען פול מיט געהיימענישן, וואָס קיין איין מענטש אויסער אים איז נישט ראוי צו זיין! אויב די זאַך זאָל באַקאַנט ווערן אין דער וועלט, וועלן דאָך אים אַלע מענטשן אָפּגעבן כבוד און אַלע וועלן זוכן אים צו באַדינען און ער וועט מער נישט קאָנען באַדינען די לערנער. און נישט נאָר דאָס אַליין: עס וועלן זיך נאָך חלילה צו־קלעפּן צו אים די מיאוסע און עקלהאַפטע זיטן פון גרויסהאַלטן זיך, וואָס פירט אַראָפּ דעם מענטשן פון געטלעכן וועג. דערפאַר איז דאָס גרויסהאַלטן זיך ביי ג־ט אויך פאַרהאַסט. ער איז דאָך נאָך אַ יינגל, און ער וועט נישט קאָנען דערגרייכן צו דעם הויכן שטאַפּל פון זיך נישט גרויסהאַלטן אין דער צייט, ווען אַלע מענטשן פון דער וועלט וועלן אים שעצן און אים געבן גרויס כבוד.

ווי אַ פאַרלאָרענער איז ער אַזוי געשטאַנען, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. לייקענען און זאָגן, אַז ער איז נישט דער מענטש, וואָס דאַרף די כתבים באַזיצן, האָט ער נישט געקאָנט, דאָס איז דאָך

עפּעס רבי אדמס זון! ער האָט דאָך שוין דערשפּירט אין אים און גוט, וואָס ער האָט עס דערשפּירט. צו האָבן ביי זיך די כתבים גלוסט דאָך זיין נשמה און ער האָט נישט געקאָנט, ער האָט אויך נישט דאָס רעכט זיי אַוועקמאַכן, אָבער מודה זיין, אַז ער איז דאָס טאַקע, וועמען רבי אדם האָט פאַרזאָגט צו געבן די כתבים, קאָן ער אויך נישט. וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען?

אַז רבי אדמס זון האָט דערזען זיין פאַרלאָרנקייט, האָט ער צו אים געזאָגט:

— האָב קיין מורא נישט, דיין סוד וועל איך פאַר קיינעם נישט אויפדעקן.

— דו זאָלסט זיין פאַרזיכטיק! — האָט ישראל צו אים אויס־גערופן; — היט זיך און פאַר קיינעם זאָלסטו גאָרנישט דערמאָנען!

רבי אדמס זון האָט אים פאַרזיכערט איינמאָל און צוויי מאָל, אַז ער וועט וועגן אים קיינעם נישט דערציילן און ער האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל מיט אים לערנען די געהיימענישן פון דער תורה.

דער שמש האָט איינגעשטימט.

— איך וועל דיך לערנען, — האָט ער געזאָגט, — אָבער פאַר־שטעלטערהייט. עפנטלעך פאַר אַלעמען וועל איך זיין דיין שמש, ווי ביז איצט, און דו פיר זיך מיט מיר ווי ביז אַהער.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אין דער עפנטלעכקייט פלעגט ישראל באַדינען רבי אדמס זון און פאַרבאַהאַלטענערהייט איז ישראל געווען רבי אדמס זונס רבי.

**
*

אַז רבי אדמס זון האָט דערזען די גרויסקייט פון זיין נייעם רבי, איז אים זייער שווער געוואָרן זיך צו שאַפן מיט אים ווי מיט אַ שמש, ווי ביז אַהער. אָבער מורא האָבנדיק פאַרן נישט קאָנען

דערפילן זיין צוזאָג זיך לאָזן באַדינען פון ישראלן ווי פריִער, האָט ער באַשטימט צו דערווייטערן זיך מיט זיין רבין פון מענטשן.

— די מענטשן — פלעגט ער זיך באַקלאָגן פאַר זיין רייכן שווער, — שטערן מיר פון לערנען אַפילו פון הינטערן אָפצוים אין בית־מדרש.

אַז זיין שווער האָט דערהערט די רייד, האָט ער פאַר זיין איידעם אויסגעבויט אַ קליין שטיבעלע אויסער דער שטאָט און ישראל דעם שמש האָט ער באַשטעלט, אַז ער זאָל אים באַדינען און אים צוברענגען פון שטאָט עסן און טרינקען, און אַלץ, וואָס ער האָט נויטיק.

אין יענעם קליינעם שטיבעלע איז געזעסן רבי אַדמס זון און זיין רבי און געלערנט אומגעשטערט תורה און אין די כתבים. דער תלמיד האָט אָפּגעגעבן כבוד זיין רבין און אים געדינט, נישט אַרויסרופנדיק קיין פאַרדאַכט ביי די מענטשן, און דער רבי האָט אים געלערנט און פאַרטייטשט אַלץ, וואָס איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין.

איינמאָל האָבן זיי אַריינגעקוקט אין די כתבים און עפּעס נישט פאַרשטאַנען, האָבן זיי געבעטן ג־ט, אַז ער זאָל זיי דערלייכטן די אויגן, אָבער זיי זענען געבליבן אָן אַן ענטפער.

דאַן האָט רבי אדמס זון אויסגערופן:

— מילא, איך פאַרשטיי נישט, אָבער דו, מיין רבי, אויב דו פאַרשטייסט נישט — איז ווער זאָל פאַרשטיין?

— מיר זענען נאָך נישט ווירדיק צו פאַרשטיין, — האָט רבי ישראל געזאָגט.

דער תלמיד האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו זיין לערער און געזאָגט:

— לערנען דען אונדז אומזיסט די כתבים אַראָפּצוברענגען מלאכים פון הימל און טאָן מיט זיי וואָס מיר ווילן? איז אויב מיר

פאַרשטייען נישט. לאָמיר אַראָפּברענגען דעם עלטסטן, דעם ממונה אויף דער תורה, און ער וועט אונדז געבן צו פאַרשטיין!

רבי ישראל האָט אַ ציטער געטאָן:

— מיר טאָרן דאָס נאָך נישט טאָן! — האָט ער געזאָגט.

אָבער דער תלמיד שטייט און בעט זיך ביי רבי ישראלן:

— לאָמיר אים אַראָפּברענגען! די כתבים זענען דאָך דיר איבערגעגעבן געוואָרן, ווייל דו ביסט זיי ווערט צו האָבן, צו פאַר־שטיין און מאַכן אַלץ, וואָס אין זיי איז אָנגעשריבן. איז פאַרוואָס ביסטו נישט ווירדיק אַראָפּצוברענגען דעם מלאך פון תורה, כדי פאַרשטיין די זאַכן, וואָס דו פאַרשטייסט נישט?

אַזוי האָט רבי אדמס זון אים אַריינגערעדט טאָג טעגלעך, ביז רבי ישראל האָט שוין מער נישט געקאָנט אָפּזאָגן און אים צוגע־זאָגט דערפילן זיין פאַרלאַנג, אויב נאָר ער וועט אים אלץ נאָכטאָן.

— דער, וועלכער וויל אַראָפּנידערן אַ מלאך פון הימל און זיך באַנוצן מיט אים — האָט רבי ישראל געלערנט — דער דאַרף צום ערשטן ווערן געגליכן צו די מלאכים און דערנאָך ווערן נאָך העכער פון זיי, ווייל די הימלישע מלאכים עסן נישט, און טרינקען נישט, און געניסן נישט פון קיין איינעם פון די תאוות און גלוסטונגען פון דער וועלט. דאַרף דער מענטש אויך אַזוי טאָן. די מלאכים פון הימל זענען ריינע, לויטערע, דאַרף דער מענטש אויך ווערן אַזוי; די הימלישע מלאכים זינגען און לויבן דעם אויבערשטן, אַזוי דאַרף אויך טאָן דער מענטש; דערנאָך, אויב ער טוט נאָר מצוות און לויטערע מעשים טובים, דערהויבט ער זיך העכער פון מלאכים.

דערפאַר האָבן זיי געפאַסט די גאַנצע טעג פון דער וואָך, פון שבת צו שבת, נישט געגעסן און נישט געטרונקען. יעדן טאָג האָבן זיי זיך געטובלט אין מקווה, געדאַוונט און מתפלל געווען און זיך אַריינגעטאָן אין די רמזים פון דער תורה. אַז עס איז געקומען שבת,

האָבן זיי אים אויפגענומען מיט די בעסטע עסנס און געטראַנקען, מיט תפילות און לויב־געזאַנגען צו ג־ט, אַזוי ווי ג־ט האָט געבאָטן.

און קוים פלעגט דער שבת אַוועק, פלעגן זיי תיכף דערהויבן זייערע נשמות און זייער גייסט צו די הויכע הימלען; זיי פלעגן צו־



דאָס בילד ווייזט דעם אויסנווייניקסטן טייל פון בית־המדרש פון בעל שם הקדוש

זאַמענשטעלן אין זייערע געדאַנקען הייליקע נעמען מיט די אותיות פון תורה, די נעמען פון ג־ט ב״ה און די נעמען פון מלאכים, שרפים און כרובים — אַלץ האָבן זיי געמאַכט, לויט ווי עס איז געווען פאַר־שריבן אין די סודותפולע כתבים און לויט דעם, ווי עס איז אָנ־

געזאָגט געוואָרן פאַר דעם, ווײַל אַראָפּברענגען מלאכים פון הימל אויף דער וועלט. אָבער זײַער ווינציק זענען געווען די, וועלכע האָבן זוכה געווען דאָס צו מאַכן, נאָר די צוויי, דער רבי און זײַן תלמיד, זענען געווען פון די יחידים, וועלכע זענען צו דעם זוכה געווען. ריינע, לויטערע זענען זיי געווען; זיי האָבן פון זיך דערווײַטערט אַלע תאוות פון דער וועלט און זײַער נשמה און גײַסט האָבן געשוועבט אין די אויבערשטע וועלטן, צווישן מלאכים, שרפים און כרובים. זיי דערמאָנען די הייליקע נעמען און די מלאכים פלאַטערן און אײַלן זיך צו דערפילן זײַער פאַרלאַנג. נאָך איין מאָמענט, און זיי דערגרייכן צום מלאך פון תורה, זיי וועלן אים אויפפאָדערן, ער זאָל אַראָפּנידערן צו זיי און ער וועט מוזן דערפילן זײַער ווונטש.

פלוצלונג האָט דער רבי זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן שרײַען:

— ווײ! ווײ!

רבי אדמס זון האָט זיך דערשראָקן צוליבן געשריי און גלײַך איז ער אַראָפּ פון די אויבערשטע וועלטן, וואָס אין זיי האָט ער געשוועבט, און אויסגעשריגן:

— וואָס איז דער ווײ־געשריי?!

— מיר זענען באַגאַנגען אַ טעות! מיר האָבן אַ טעות געמאַכט! — האָט דער רבי ווײַטער געשריגן. — דעם מלאך פון פײַער האָבן מיר געמאַכט אַראָפּנידערן און ער וועט פאַרברענען די שטאָט.

— ווײ, ווײ! — האָט דער תלמיד געשריגן.

דער רבי האָט באַפוילן זײַן תלמיד, אַז ער זאָל שנעל לויפן אין שטאָט און וואָרענען די מענטשן, אַז אַ שרפה קומט אָן אין שטאָט.

— פאַרזאָם דיך נישט! — האָט ער אים אָנגעזאָגט. — לויף שנעל און וואָרן זיי!

— זאָלן זיי ראַטעווען זייער לעבן און פאַרמעגן! דיר וועלן זיי גלויבן. אַלע קענען דאָך דיך און זיי ווייסן, אַז דו ביסט אַ הייליקער פון אַ הייליקן. לויף, שנעל!

דער תלמיד איז געלאָפן און געוואָרנט די איינוווינער פון שטאָט און זיי האָבן אים געגלויבט. און נאָכדעם ווי זיי האָבן געראַטעוועט זייערע לעבנס און פאַרמעגנס, איז אַראָפּגעפאַלן אַ פייער און פאַרברענט די שטאָט.

# דער פֿאַרשטעלטער

די מענטשן האָבן שטאַרק געהאַלטן פֿון רבי אדמס זון.

— ער איז דער הייליקסטער פֿון אונדזער דור! — פֿלעגן זיי זאָגן, — ער זעט פֿאָרויס, וואָס עס וועט שפּעטער זיין. אָט האָט ער שוין פֿון פֿריִער געוווּסט, אַז אַ שׂרפֿה וועט אויסברעכן אין שטאָט און ער האָט אונדז געוואָרנט אין צייט. ווען זיי האָבן געזען, ווי דאָס ייִנגל ישׂראל באַגלייט שטענדיק דעם הייליקן מאַן, האָבן זיי אויך אים, ישׂראלן, אָנגעהויבן שעצן און אַכטן.

— ער גייט אויף אַ גוטן וועג! — האָבן זיי געזאָגט; — ער אַנטלויפֿט שוין מער נישט אין די וועלדער און פֿעלדער; ער טרעט נישט אָפּ פֿון פֿלאַץ, נישט פֿון צדיקס תּורה; דער הייליקער מאַן לערנט אים געוויס... זיין פֿאָטערס זכות איז אים בייגעשטאַנען זיך צו דערנענטערן צום הייליקן צדיק און געוויס וועט ער נאָך אויך ווערן אַ צדיק — פֿלעגן די מענטשן זאָגן.

און רבי אדמס זון האָט כּסדר געלערנט תּורה פֿון ישׂראלן, וועלכער האָט אים געלערנט גמרא, פּוסקים און די געהיימענישן פֿון אַ סך פֿאַרהוילענע רייד אין דער תּורה.

און אָט זענען זיי ווידער צוגעקומען צו אַ פּרק פֿון די כּתבים, וואָס זיי האָבן נישט געקענט באַגרייפֿן. און ווידער בעט זיך רבי

אדמס זון ביי זיין רבין, אַז ער זאָל מאַכן אַראָפּנידערן דעם מלאך פון תורה, און ער זאָל מיט זיי לערנען דעם פּרק.

— דאָס מאָל וועלן מיר זיין פאָרזיכטיק! — האָט ער געזאָגט — און מיר וועלן נישט פאַרבייטן אין מלאך אויף אַן אַנדערן.

ער האָט כסדר זיך געבעטן ביי זיין רבין און אים נישט אָפּגע־לאָזט, ביז ער האָט איינגעשטימט.

זיי האָבן ווידער געטאָן ווי ביים ערשטן מאָל: מיט זייערע נשמות און גייסט האָבן זיי זיך דערהויבן אַלץ העכער און העכער, פון וועלט צו וועלט. אָבער די נשמה פון רבי אדמס זון האָט פאַרבלאָנ־דזשעט און איז געקומען צום אָרט, פון וואַנען זי איז גענומען גע־וואָרן. האָט זי זיך באַהעפט צום אָרט און זיך שוין מער נישט צו־ריקגעקערט אין קערפּער.

האָבן די מענטשן פון שטאָט באַוויינט און באַקלאָגט רבי אדמס זון:

— ווי איז צו דער שטאָט און צו אירע איינוווינער, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אַזאַ צדיק! ווי, ווי!

עס זענען אַריבער די טרויער־טעג און די מענטשן האָבן אָנ־געהויבן אָפּגעבן כבוד דעם זון פון צדיק רבי אליעזר.

— ער איז דאָך אויך אַ צדיקס אַ זון, — פלעגן זיי זאָגן. — נאָכדעם ווי ער האָט באַדינט יענעם צדיק, איז ער אויך געוויס גע־וואָרן אַ הייליקער. ער איז אַ צדיקס אַ זון.

אַז ישראל האָט דאָס באַמערקט, איז ער אַנטלאָפן פון שטאָט. אין אַ פּלאַץ, ווו מען קאָן אים נישט. ער איז אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל נאָענט צו בראָד און דאָרטן איז ער געוואָרן אַ מלמד.

האָבן די מענטשן פון דאָרט דערזען, אַז ער איז אַ גרויסער געלערנטער אין תורה און אַ גרויסער צדיק און שטאַרק באַהאַוונט אויך אין וועלטלעכע ענינים. פלעגן זיי פאַר אים ברענגען אַלע

סכסוכים און קריגערייען, און זיי האָבן אים געמאַכט פאַר אַ דיין, וועלכער האָט שטענדיק געמאַכט שלום צווישן זיי.

איינמאָל איז אַהין פאַרפאָרן אַ שטאַרק געלערנטער מאַן אין תורה, וואָס זיין זון, רבי גרשם, איז געווען אַ רב אין שטאָט קוטאָף. ווען דער גאַסט האָט זיך דערוווּסט וועגן מלמד, איז ער אַריין צו אים אַ ביסל פאַרברענגען. ער האָט מיט אים געשמועסט פון תורה, און באַלד איז אים ישראל זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. און דער־וויסנדיק זיך, אַז ער האָט נישט קיין פרוי, האָט ער אים פאָרגע־שלאָגן חתונה צו האָבן מיט זיין טאָכטער.

דער מלמד ישראל האָט אַריינגעקוקט אין פנים פון גאַסט און ער האָט געזען, אַז דעם גאַסטס טאָכטער איז טאַקע זיין באַשערטע, וואָס איז אים באַשטימט געוואָרן פון הימל נאָך איידער זי איז גע־בוירן געוואָרן, און ער האָט איינגעשטימט.

**
*

זיצט אַזוי רבי גרשם אויף זיין כסא־הרבנות אין דער שטאָט קוטאָף און עס שטייען פאַר אים צוויי אָנגעקלאָגטע. דער רב שטרענגט זיך אָן אַרויסצוגעבן דעם ריכטיקן דין און ער קען נישט קלאָר ווערן אין דעם ענין פון די צוויי אָנגעקלאָגטע, ווייל זיין מוח און האַרץ זענען פאַרטאָן אין אַן אַנדער ענין, זייער אַ ביטערן: זיין פאָטער איז געשטאָרבן מיט אַ פאָר חדשים צוריק, אומקערנדיק זיך פון אַ שטעטל, וועלכעס ליגט נאָענט פון בראָד. איז ער פלוצלונג געשטאָרבן. איז נאָך ווייניק דער גרויסער אומגליק, האָט ער אים איבערגעלאָזט אַ טרויעריקע ירושה: א כתב תנאים איז געפונען געוואָרן ביי זיין פאָטער אין קעשענע, אַז ער האָט פאַרקנסט זיין טאָכטער, די אַלמנה, צו איינעם אַ מאַן, וועלכער רופט זיך ישראל בן רבי אליעזר. וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? קיינער ווייסט נישט.

יוז ווינט ער? אויך דאָס ווייסט קיינער נישט. דער טאָג פון דער חתונה, ווי עס איז באַשטימט אין די תנאים, האָט געדאַרפט זיין היינט, און נישט ער און נישט קיינער ווייסט, ווער עס איז דער באַשטימטער חתן פאַר זיין שוועסטער, וואָס ווינט ביי אים אין הויז. וואָס זאָל ער טאָן מיט זיין שוועסטער? איר חתונה מאַכן פאַר אַן אַנדערן — דאָס וועט ער נישט קאָנען טאָן, ווייל זיין פאָטער האָט דאָך איר שוין פאַרקנסט צו יענעם מענטשן, וואָס קיינער ווייסט נישט ווו ער געפינט זיך. לאָזן איר בלייבן אַ עגונה איר גאַנצן לעבן?

פלוצלונג האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ מענטש אין אַריינגאַנג פון דער טיר. דאָס איז לויטן אויסזען געווען אַ פּראָסטער מענטש; זיינע קליידער ווייזן, אַז ער איז אַ פּראָסטאַק. אָנגעטאָן איז ער ווי אַ שלעפּער.

דער רב האָט געמיינט, אַז ער גייט איבער די הייזער. האָט ער אים געוואָלט געבן אַ פּרוטה. אָבער דער מענטש האָט די פּרוטה נישט געוואָלט נעמען.

— איך האָב דיר וואָס צו זאָגן אין געהיים, — האָט דער מענטש אין אַ פּראָסטן טאָן אַרויסגעזאָגט.

דער רב האָט דעם פרעמדן אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער און אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג?

דער פרעמדער האָט אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר פון זיין קעשענע אַרויסגעצויגן אַ פאַרשריבענעם פּאַפּיר און דאָס איבער־געגעבן דעם רב.

דער רב האָט זיך איינגעקוקט אין כתב און איז שטאַרק אי־בערראַשט געוואָרן.

די שריפט, דאָס איז די „תנאים", דער זעלבער כתב תנאים, וואָס איז געפינען געוואָרן ביי זיין פאָטער אין קעשענע.

— אָט דאָס איז דער מענטש, וואָס זיין פאָטער איז געוואָרן זיין שווער! — האָט ער ביי זיך געטראַכט. — איז יאָס מעגלעך?!

— גיב מיר מיין ווייב! — האָט דער מענטש מיט אַ גראָבער שטימע אויסגעשריגן. — עס איז געקומען די צייט פון אונדזער חתונה!

דער רב האָט ווידער אַריינגעקוקט אין כתב תנאים און זיך איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו צווייפלען אין דעם. די אונטערשריפט איז פון זיין פאָטער.

ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם מענטש, זיין אויסזען, זיינע מלבושים, זיין הולך און באַשטימט ביי זיך, אַז אָן שום צווייפל, דער מענטש איז אַ פּראָסטאַק.

דער פרעמדער שטייט און הערט נישט אויף צו געוואַלדעווען:

— גיב מיר אַהער מיין ווייב, גיב מיר אַהער!

דער רב, אַ שטאַרק צעטומלטער, האָט דעם פרעמדן איבערגע־לאָזט שרייענדיק און איז אַריין אין צימער צו זיין שוועסטער, כדי איר דערציילן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— נאָכדעם ווי אונדזער פאָטער האָט עס אַזוי געמאַכט, איז נישטאָ וואָס נאָכצוטראַכטן. — האָט איָם די שוועסטער געענטפערט, נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעהערט פון איר ברודער, וואָס עס האָט פּאַסירט.

דער רב האָט געפרווּט אָפּלייגן די חתונה.

אפשר וועט ער אים קאָנען אַ ביסל אויסמענטשלען, אַ פּאָר מאָנאַטן אויסלערנען אים אַ ביסל תורה־רייד, וועט מען זיך מיט אים נישט דאַרפן אַזוי שעמען, — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

— ביי ייִדן פירט זיך נישט אַזוי, — האָט ער געזאָגט צום פרעמדן. — פראַוּוען אַ חתונה און זיך פריִער נישט צוגרייטן; דאָס קאָן מען נישט. לאָמיר אָפּלייגן די חתונה אויף אַ צוויי־דריי מאָנאַטן שפּעטער.

— איך וויל נישט! איך דאַרף נישט! — האָט דער חתן גע־גוואַלדעוועט. — גיב מיר מיין ווייב! די וואָס קענען לייענען, האָבן פאַר מיר איבערגעלייענט, אַז אין די תנאים שרייבט זיך, אַז היינט דאַרף זיין אַ חתונה.

רבי גרשם האָט דערזען, אַז עס איז אוממעגלעך זיך אָפּ־טשעפּען פון פרעמדן, האָט ער באַשטימט מאַכן אַ שטילע חתונה, כדי נישט פאַרשעמט צו ווערן אין די אויגן פון די מענטשן פון שטאָט.

— היינט, ווי דו זאָגסט, וועט זיין די חתונה! האָט ער געזאָגט צום חתן.

— און ווו איז די פרוי? — האָט ער אויסגעשריגן. — איך וויל איר זען פאַר דער חופּה; איך וויל אויך ריידן מיט איר; זאָל זי וויסן, ווער איך בין און וואָס איך קאָן איר טאָן, אויב נאָר זי וועט מיך נישט פאָלגן.

דער רב האָט דעם מאַן אַריינגעפירט צו זיין שוועסטער און תיכף האָט ער געשיקט רופן צען מענטשן פון זיינע באָענטסטע חברים און ער האָט זיי פאַרטרויט די זאַך, וואָס ער מוז מאַכן.

אין דער זעלבער צייט האָט ישראל פאַרטרויט פאַר דער כלה, ווער ער איז און ער האָט זי באַשוואָרן, אַז זי זאָל דעם סוד פאַר קיין מענטשן נישט דערציילן, נישט אויסזאָגן, אַז איר מאַן איז גרויס אין תורה, נאָר ער מאַכט זיך פאַר אַ פּראָסטן; און אויב אַפילו איר וועט אויסקומען צו ליידן נויט און אָרעמקייט, זאָל זי זיך נישט באַ־קלאָגן און נישט ערגערן.

**
*

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין צייטן פון מלחמות און פּאָג־ראָמען אויף ייִדן. אַ סך ייִדן זענען אומגעקומען דורך די פּאָגראָמ־שטשיקעס און די אַנטלאָפענע און באַרויבטע פלעגן זיך אויסבאַ־

האַלטן און אויסקוקן, ווו מען קען געפינען אַ שטיקל ברויט. און צווישן אָט־די ייִדן, אין די הויכע בערג, וואָס צווישן די שטעט קוטאָף און קאָסאָף, פלעגט ישראל אַרומגיין און טראָגן אַ תפילה פאַר זיין אומגליקלעך פאָלק.

דער רב רבי גרשם האָט נישט געקענט איבערטראָגן די גרויסע שאַנד, וואָס אַזאַ אומוויסנדיקער און פּראָסטער מענטש, לויט ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, זאָל זיין זיין שוועסטערס מאַן און וווינען מיט איר צוזאַמען אין דער זעלבער שטאָט. האָט ער פאַר־לאַנגט פון זיין שוועסטער, אַז זי זאָל זיך אָפּגטן פון אים. אָבער זי האָט אים נישט געוואָלט פאָלגן; ער האָט זיך ביי איר געבעטן, אָבער אויך זיינע געבעטן האָבן נישט געהאָלפן.

אַז רבי גרשם האָט דערזען, אַז עס וועט גאָרנישט העלפן און כדי פּטור ווערן פון זיי, האָט ער איר געקויפט אַ פערד און וואָגן און איר באַפוילן זיך אַרויסקלייבן פון שטאָט צוזאַמען מיט איר מאַן.

— גיי וווהין דו ווילסט, — האָט ער איר געזאָגט, — נאָר איר זאָלט מיט מיר נישט וווינען אין איין שטאָט.

זיי זענען געפאָרן ווו עס האָט זיך געלאָזט און זיך באַזעצט אין איינעם פון די וויסטע פלעצער צווישן בערג. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט אַ סוכּה פון טרוקענע צווייגן, וואָס איז געוואָרן די דירה פון דער פרוי, און רבי ישראל פלעגט אַוועקגיין אין די בערג, לערנען אַליין, דאַוונען און בעטן, זיך צוהערן צו די רייד פון מלאכים, לערנען די תורה־געהיימענישן און רמזים. זיין געטראַנק איז באַ־שטאַנען פון פרישן קוואַל־וואַסער; זיין עסן, — אַ געבאַקן טייג פון אַ ביסל מעל מיט זאַלץ, וואָס זיין פרוי פלעגט אים צופירן אין באַשטימטע טעג, אַ צוויי־דריי מאָל אין וואָך. זי פלעגט קומען מיטן פערד און וואָגן און רבי ישראל פלעגט אויסגראָבן ליים פון די גריבער, עס אַרויפשיטן אויפן וואָגן און די פרוי פלעגט עס

צעפּירן אין די שטעט, עס פּאַרקויפן און פּאַרן פּאַרדינסט פּלעגט זי קויפן מעל און זאַלץ פּאַר איר מיט איר מאַן.

די פּרוי פּלעגט אַוועקפּאָרן און רבי ישראל פּלעגט זיך ווידער נעמען צום לערנען, בעטן ג־ט פּאַר זיינע געפּייניקטע ברידער. און אַז ער פּלעגט דאַווענען, האָט די גאַנצע וועלט מיט אים געדאַוונט: אַז ער פּלעגט בעטן און אויסרופן: „קוק פון הימל און זע!" — פּלעגן מיט אים מיטשרייען מעכטיק־שטאַרקע קולות: „קוק פון הימל און זע!"

אין דער צייט, ווען ער פּלעגט אַרומגיין און לערנען תורה און אירע רמזים, פּלעגן אים מלאכים אַרומרינגלען; זיי פּלעגן הערן זיינע רייד, זיך אַריינקוקן אין זיין פּנים, וואָס האָט געשטראַלט פון ליכט, און זיי האָבן הנאה געהאַט פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט פון אים אַרויסגעשייַנט.

און אין די בערג זענען געווען אָפּגרונטן און טיפע גריבער. און אַז דער, וואָס איז נישט געווען פּאַרזיכטיק מיטן גאַנג, פּלעגט זיך אַ גליטש טאָן און אַריינפאַלן אין איינעם פון די גריבער, יענער פּלעגט שוין קיין גאַנצער פון יענע גריבער נישט אַרויסקומען. און רבי ישראל גייט און בעט; גייט און לערנט תורה: גייט און הערט ווי כרובים ריידן; ער זעט, וואָס עס טוט זיך אויבן אין די אויבער־שטע וועלטן, אָבער צו דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ פּאַר אים, אויף דער ערד פון אונטן, צו דעם האָט ער זיך נישט צוגעקוקט. פונ־דעסטוועגן איז ער אין קיין שום קרומען וועג נישט געשטרויכלט געוואָרן און אין קיין טאָל אָדער גרוב איז ער קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן. די מלאכים, וועלכע באַגלייטן אים, גלייכן פּאַר אים אויס אַלע קרומע וועגן און דערנענטערן די בערג איינע צו די אַנ־דערע, ווען ער קומט צו צו אַן אָפּגרונט, וואָס צווישן זיי.

און ווען זיין פּרוי פּלעגט אין יענע מאָמענטן צופאָרן צו אים מיט איר פערד און וואָגן אין דערזען מיט אירע איגן פון וויטן,

## דאָס לעבן פון בעל־שם־טוב

ווי די בערג קומען זיך צונויף איינער צום אַנדערן, ווען איר מאַן דאַרף אַריבערגיין אַ טיפן טאָל, — פּלעגט זי דאַנקען און לויבן ג־ט וואָס ער האָט איר אויסדערוויילט פון אַלע פרויען און זי געמאַכט פאַר דער פרוי צו דעם הייליקן מאַן. און זיס איז איר געווען דאָס שטיקל אָרעמע ברויט, וואָס זי עסט איינמאָל אין טאָג, און ליב איז איר געווען די שווערע אַרבעט און זי פלעגט בעטן בײַ ג־ט, אַז זי זאָל דערלעבן די צייט, אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן, ווער עס איז איר מאַן, צום כבוד פאַר ג־ט און צום כבוד פון איר משפּחה.

און דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט.

# די גרויסע ליכטיקייט

אַ גרויסער געלערנטער רב אין תורה און אַ ג־טספּאָרכטיקער מאַן האָט געוווינט אין דער שטאָט קאָסאָוו. אין יעדן חודש פלעגט דער רב אַרויסגיין אין די בערג, וואָס זענען געווען נישט ווייט פון זיין שטאָט. ער פלעגט זיך דאָרט אָפּזונדערן אויף עטלעכע טעג, — פאַסטן און אויסגיסן זיין האַרץ פאַר ג־ט אומגעשטערט פון מענטשן און באַגעגענישן. דערנאָך פלעגט ער זיך צוריק אומקערן אַהיים.

אַזוי האָט זיך דער רב געפירט אַ סך יאָרן.

איינמאָל איז ער אַוועק און זיך נישט צוריקגעקערט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אין צוויי־דריי טעג אַרום.

יעדן טאָג האָבן די מענטשן פון שטאָט אויף אים געוואַרט און ער איז נישט געקומען. עס איז אַוועק אַ וואָך, צוויי און דער רב איז נישטאָ. די מענטשן פון זיין קהילה און די פירער זענען גע־וואָרן שטאַרק באַזאָרגט און מען איז אַוועק אים זוכן. מען האָט אויף אים זיך נאָכגעפרעגט ביי אַלע דורכגייער און דורכפאָרער אויף אַלע וועגן און שטעגן, ביז מען האָט אים סוף כל סוף געטראָפן בלאָנדזשען צווישן די בערג.

די מענטשן צוזאַמען מיטן רב האָבן געדענקט זיך צוריקקער: אין שטאָט, אָבער זיי האָבן אויך פאַרבלאָנדזשעט. זיי זענען געגאַנגען

אַ טאָג און צוויי און נישט געפונען דעם ריכטיקן וועג. זיי האָבן קיין איינציקן מענטשן נישט אָנגעטראָפן, ביי וועמען זיי זאָלן זיך נאָכפרעגן, וווהין צו גיין.

פלוצלונג זענען זיי צוגעקומען צו אַ טיפן אָפגרונט, וועלכער האָט אָפּגעטיילט צוויי בערג. די מענטשן זענען שטיין געבליבן ווי פאַרלוירענע אָן האָפענונג צו געפינען דעם וועג. זיי האָבן אָנגעהויבן בעטן ג־ט, אַז ער זאָל מיט זיי טאָן אַ נס און זיי צוריקקערן אַהיים.

נאָכן ענדיקן די תפילה האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, וואַרטנדיק אויף אַ נס פון הימל.

זיצן זיי אַזוי און קוקן זיך אַרום אויף אַלע זייטן, און זיי דערזעען, אַז אויפן באַרג, וואָס אויף יענעם זייט אָפּגרונט, ליגט אַ גרויסער שטיין לעבן סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט. דער שטיין איז אַ גרויסער. און ער דערגרייכט ביז די קני פון אַ מענטשן. און אַזוי ווי זיי קוקן זעען זיי ווי אַ מענטש גייט אויף יענעם באַרג און ער דערנעענטערט זיך צום שטיין. ער גייט פאַרטיפט און אַריינגעטאָן אין זיינע געדאַנקען; ער באַמערקט זיי נישט און עס איז זיכער, אַז ער זעט אויך נישט דעם שטיין.

אויב ער זאָל אַזוי גיין פאַרטראַכט, וועט ער זיך פאַרטשעפּען אָן שטיין און אַריינפאַלן אין אָפּגרונט, און זיינע גלידער וועלן צעשאָטן ווערן. האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען צו אים, אַז ער זאָל בלייבן שטיין, אָבער ער האָט נישט דערהערט זייער שרייען און איז אַזוי ווייטער געגאַנגען.

די מענטשן האָבן זיך דערשראָקן און מיטן גאַנצן כּוח געשריגן צום מאַן, אַז ער זאָל בלייבן שטיין, אָבער ער האָט נישט געהערט. זיי זענען שוין גרייט געווען צו זען דעם שרעקלעכן ספּעקטאַקל, ווי ער וועט זיך פאַרטשעפּען אָן שטיין און וועט אַריינפאַלן אין אָפּגרונט.

און דאָ האָבן זיי פאַר זיך דערזען אַן אויסערגעוויינלעך בילד, איינס פון די גרעסטע וווּנדער:

פון זיך אַליין האָט זיך דער שטיין צוגעשאַרט צום באַרג, אויף וועלכן זיי זענען געשטאַנען, און דער באַרג מיט זיי צוזאַמען רוקט זיך און דערנענטערט זיך מיט זיי צו דער זייט, ווו דער מאַן איז געשטאַנען. דער אָפּגרונט איז צונישט געוואָרן און דער מאַן איז צוגעקומען צו זיי. די מענטשן זענען געבליבן שטיין צעטומלטע פון דעם, וואָס זיי האָבן דאָ געזען.

דער מאַן איז געבליבן שטיין לעבן זיי. דערפילנדיק צווישן זיי דעם רב פון קאָסאָוו, האָט ער אים געגעבן שלום, און אויך די אַנדערע פאַרבלאָנדזשעטע.

דער רב האָט נישט געוואַגט אים צו ענטפערן שלום; ער האָט פשוט מורא געהאַט אויסצושטרעקן די האַנט צו דעם וווּנדערלעכן מאַן, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זיך. די מענטשן האָבן באַמערקט נאָך אַ וווּנדער: דער מאַן האָט דערקענט, ווער עס איז צווישן זיי דער רב. זענען זיי אַלע געפאַלן אויף זייערע געזיכטער פון שרעק.

דער מאַן האָט זיי באַרויִקט און געזאָגט:

— איך בין נישט קיין גזלן און איך וועל אייך קיין שלעכטס נישט טאָן.

די מענטשן האָבן זיך אויפגעשטעלט מיט ציטערדיקע קני פון שרעק און אויסגערופן:

— געטלעכער מאַן!

דער מענטש האָט אָנגעשטעלט אויף זיי אַ פאַרוווּנדערט און איבערראַשט פּנים:

— געטלעכער מאַן?! — וואָס אַזוינס האָט איר דערזען אין מיר?

האָט זיך דער רב פון קאָסאָוו געשטעלט אַנטקעגן דעם וווּנ־דערלעכן מאַן און געזאָגט:

— דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ געזען, איז גרעסער ווי דאָס, וואָס עס האָבן געזען די ייִדן אויפן ים.

דער מאַן האָט זיך ווידער געמאַכט טאַמעוואַטע, אַז אַפילו דאָס, וואָס ס'איז פאַרשריבן אין חומש וועגן דער שפּאַלטונג פון ים, ווייסט ער נישט, און ער האָט געפרעגט:

— און וואָס אַזוינס האָבן די ייִדן געזען אויפן ים?

— דו הייליקער מאַן! — האָט דער רבֿ מיט אַ ציטערדיקער שטימע געזאָגט: — איך בעט דיך, פאַרשטעל דיך נישט!

— משוגעים! — האָט דער מאַן אויסגעשריגן, — איך פאַר־שטיי איך נישט!

און דער רבֿ רעדט איבער זיינע ערשטע רייד:

— דער ים האָט זיך געשפּאָלטן, נאָכדעם ווי משה האָט אויפ־געהויבן זיין שטעקן, און דאָ איז נישטאָ קיין משה און קיין שטעקן, און אַ שטיין איז געגאַנגען, און אַ באַרג האָט זיך דערנענטערט צו אַ באַרג, כדי צו ראַטעווען אייער לעבן. נו, איז דאָס נישט קיין געטלעכער מאַן? — האָט דער רבֿ געפרעגט. — און זיכער איז דאָס אַ ג־ט־זאַך, וואָס מיר האָבן אַהער פאַרבלאָנדזשעט, כדי צו זען מיט אונדזערע אויגן דאָס וווּנדערלעכע בילד און דעם געטלעכן מאַן.

אַז דער מאַן האָט דערזען, אַז מער קען ער זיך נישט אויס־באַהאַלטן פון זיי מיט זיין גרויסקייט, האָט ער פון זיך אַליין געוואָלט אויספאָרשן און אויספרווון, צי ער האָט שוין דערגרייכט די מדרגה פון נישט גרויסהאַלטן זיך, און גאווה ווער זיך צו אים נישט צוקלעפּן, ביז ער האָט אויסגעפונען און פאַרשטאַנען, אַז צו אָט־דער הויכער שטופע איז ער שוין געקומען. און אָט איז דאָ דער פאַקט:

די מענטשן שטייען פאַר אים און לויבן אים שטאַרק און ער פילט אַבסאָלוט גאָרנישט די תאווה פון גרויסן זיך; אויב אַזוי, איז שוין טאָקע געקומען די צייט פון נישט זיין מער פאַרשטעלט. עס

איז שוין בעסער פאַר אים און פאַר דער וועלט, אַז ער זאָל זיך לאָזן דערקענען. האָט ער זיך געווענדט צום רבֿ און געזאָגט:

— דו, רבי פון קאָסאָוו, האָסט געוואָלט זיך אָפּזונדערן פון די מענטשן, ביסטו אַוועק פון זיי, מיינענדיק, אַז דו האָסט שוין פאַריכט דיין נשמה און דו האָסט געטראַכט זיך צוריקקערן אין שטאָט, כדי פאַרריכטן די נשמות פון די אַנדערע; איז געקומען דער אויבערשטער און דיר געוויזן, אַז דער וועג איז נאָך ווייט... און איר, — האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריקע מענטשן — איר זענט אַרויס זוכן דעם רבֿ; איר האָט אים געפונען און תיכּף האָט איר זיך געוואָלט צוריקקערן אין אייער שטאָט. איר זענט זיכער געווען, אַז איר האָט פאַרדינט אַ גרויסע מצווה. איז געקומען דער אויבערשטער און ער האָט אייך געוויזן, אַז אויך פאַר אייך איז דער וועג ווייט.

ווען די מענטשן האָבן געזען, ווי ער ווייסט אַלץ, וואָס מיט זיי האָט געטראָפן, האָבן זיי זיך שוין מער נישט געוווּנדערט און געטראַכט:

— אַזאַ געטלעכער מאַן ווי ער, זאָל נישט וויסן??

— דער, וואָס קאָן זיין פאַר דער וועלט אַ וועגווייזער און אַ פירער, באַהאַלט זיך גאָר אויס אין די בערג, — האָט דער רבֿ פון קאָסאָוו געזאָגט. — איז ווי אַזוי ווי זאָל פאַר די מענטשן זייער וועג נישט זיין לאַנג?

די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים:

— זייַ צו אונדז און פאַר אונדזער קהילה אַ לערער!

— זייַ אונדזער רבֿ! — האָט זיך ביי אים געבעטן דער רבֿ. — איצטער נאָכדעם וואָס מיר האָבן געזען דאָ אויפן פּלאַץ, — ווייס איך, אַז איך דאַרף קיין רבֿ נישט זיין.

דער מאַן האָט געלאַכט

די מענטשן האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל מיט זיי גיין אין זייער שטאָט און ער האָט איינגעשטימט.

— דער רב האָט זיך אָפּגעזונדערט אויף עטלעכע טעג און איר האָט זיך דערשראָקן, וואָס ער קומט נישט, זיינט איר אים אַרויס זוכן. זענט איר דעריבער ווערט דעם זכות און איר וועט איצטער נישט בלאָנדזשען, — האָט ער געזאָגט, — און איז אַרויס פאָרויס פאַר זיי.

זיי זענען געגאַנגען עטלעכע מינוט בלויז און זענען געבליבן שטיין. און איבערגעראַשטע האָבן זיי דערזען, אַז זיי דערנענטערן זיך צו דער שטאָט. האָבן זיי נישט געוואָלט אַריינגיין צוזאַמען מיטן הייליקן מאַן אין שטאָט.

— מיר וועלן אַריינגיין פריִער, — האָבן זיי געזאָגט צום מאַן — און מיר וועלן פאַרזאַמלען די איינוווינער פון שטאָט און צוזאַמען וועלן מיר אייך אַנטקעגנקומען און אייך אַריינפירן אין שטאָט.

— מיט פויק און טענץ, מיט געזאַנג און ליד וועלן זיי אייך אַנטקעגנקומען, — האָט געזאָגט דער רב פון דער שטאָט.

— זיי קומען שוין! — האָט דער מאַן געזאָגט, — זיי קומען שוין, אָן אייער אָנזאָגן זיי.

די מענטשן האָבן דערזען, אַז די גאַנצע שטאָט, פון גרויס ביז קליין, קומט זיי אָן אַנטקעגן.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און מיט דערשטוינונג געפרעגט: ווער האָט זיי אָנגעזאָגט?

די מענטשן פון שטאָט זענען צוגעקומען און זיי באַטראַכט מיט פאַרוווּנדערונג. און דאָס קליינוואַרג האָט אויסגעשריגן:

— ווו איז דאָס גרויסע ליכט, די שיין, וואָס מיר האָבן פון דערווייטנס געזען?

די עלטערע יידן זענען צוגעקומען צו זייער רב און אים דערציילט:

— פון דערווייטנס האָבן מיר געזען אַ גרויסע ליכטיקייט, וואָס אַזוינס האָבן מיר קיינמאָל פריִער נישט געזען. זענען מיר אַרויס זען, וואָס דאָס איז, און אַלע מענטשן פון שטאָט הינטער אונדז. און אַזוי ווי מיר זענען געגאַנגען, האָט זיך די ליכט דער־נענטערט צו אונדז. מיר זענען געגאַנגען אַנטקעגן דער ליכטיקייט. מיטאַמאָל איז די ליכטיקייט נישט געוואָרן און אָט שטייט איר גאָר דאָ.

— דאָס איז דאָס ליכט, וועלכעס איר האָט געזען! — האָט גע־זאָגט דער רב, אָנווייזנדיק מיט זייַן פינגער אויפן פרעמדן מאַן, — דאָס איז אַ ליכט, וואָס לייכט פון אָנהייב ביזן סוף וועלט.

אַז די מענטשן האָבן דערהערט פון זייער רב, ווער דער פרעמ־דער איז, האָבן זיי אים מיט גרויס כבוד אַריינגעפירט אין שטאָט און אים באַשטימט פאַר זייער עלטסטן רב. דער רב איז דאָס געווען רבי ישראל, דער זון פון רבי אליעזר, וואָס פון דאַן אָן האָט מען אים גערופן מיטן נאָמען רבי ישראל בעל־שם־טוב, וואָס די ליכט פון זיין תורה און זיין הייליקייט האָט געלויכטן פאַר דער וועלט.

# פטירה פון רבי ישראל בעל־שם־טוב

דאָס איז געווען אין אַ טאָג פון יום טוב שבועות. שוין פון גאַנץ פרי אָן איז פול געוואָרן די וועלט מיט יענעם ליכט פון תורה, וועלכעס איז יידן געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני.

עס האָבן געבלאָזן לייכטע ווינטלעך און פאַרשפרייט האָבן זיי שמעקנדיקע ריחות, גן־עדן־ריחות.

רבי ישראל בעל־שם־טוב זיצט ביי זיך אין חדר פאַרטראַכט און זיינע תלמידים שטייען אין חדר, וואָס איז נאָענט צו זיינעם.

זיי שמועסן וועגן תורה־זאַכן און וווּנדערן זיך:

וואָס זענען דאָס פאַר אַ זיסע ריחות, וואָס אַזעלכע זענען גאָרנישט באַקאַנט פאַר אונדז? וואָס זיי דרינגען אַריין דורך די שפאַרונעס און שפאַלטן פון די פענצטער און טירן?

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער, אַ ווילדער געלעכטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעשפאַרט פון רבינס צימער.

די תלמידים האָבן זיך דערשראָקן און אויף גיך אַריינגעלאָפן אין חדר צו זייער רבין. און ער, זייער רבי, זיצט גאָר רויק, פאַרטראַכט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געשאָקלט מיט זיינע אַקסלען, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— נישטאָ קיין עצה!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלעכטער, וואָס מיר האָבן געהערט? — האָט געפרעגט דער עלטסטער פון די תלמידים.

— דאָס לאַכט דער מלאך המוות. שטענדיק אַנטלויפט ער פון מיר. ער האָט פאַר מיר תמיד מורא געהאַט, ער האָט גוט געוווּסט, אַז איך קאָן אים פאַרטרייבן ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. איצט אָבער, אַז די גזירה איז שוין אַרויס, איז ער צופרידן און מוטיק.

— עס איז שוין אַרויס די גזירה! — האָבן די תלמידים מיט גרויס שרעק אויסגערופן.

— יאָ, זי איז שוין אַרויס! און מען קאָן גאָרנישט מאַכן! — האָט געזאָגט דער רבי.

דער עלטסטער פון זיינע תלמידים איז אַריין אין בית־מדרש און אָנגעהויבן בעטן, וויינען און קלאָגן.

דער בעל־שם־טוב האָט דאָס דערשפּירט און זיך אָנגערופן:

— ער שפּאַלט די הימלען; ער שטורעמט־אויף די וועלטן און אַלץ איז אומזיסט. אַלע טויערן זענען אָפן פאַר אים, נאָר יענע טויער, ווו איך פלעג אַריינקומען, איז פאַרשלאָסן פאַר אים, און עס וועט בלייבן פאַרשלאָסן, ווייל די גזירה איז אַרויס און מען קאָן זי נישט אָפּרופן.

אַז דער תלמיד האָט דערפילט, אַז זיין תפילה וועט נישט דערהערט ווערן, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיינע חברים, און צוזאַמען האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום זייער רבין.

דער בעל־שם־טוב האָט זיך געזעגנט צו זיי און יעדן איינעם פון זיי האָט ער אָנגעזאָגט, וואָס ער דאַרף טאָן און וואָס מיט אים וועט זיך טרעפן ביים ענדע פון זיין לעבן.

דערנאָך האָט ער זיך געלייגט אויף זיין געלעגער און זיי אָנגעוויזן, ווי די נשמה טרעט אָפּ פון יעדן גליד, וואָס אין קערפּער.

די תלמידים זענען געשטאַנען און געוויינט.

— וואָס וויינט איר? — האָט זיי זייער רבי געפרעגט. — דורך איין טיר וועל איך אַרויס און אין אַן אַנדער טיר וועל איך גלייך אַריינגיין.

און ווידער האָט זיך געהערט דאָס שטאַרק־ווילדע געלעכטער.



דאָס איז די מצבה פון בעל שם הקדוש
רבינו ישראל בן אלעזר זצוק״ל.

— כ׳דאַרף אַ ביסל שמועסן מיטן באַשעפער, — האָט געזאָגט דער בעל־שם־טוב און זיך אויפגעזעצט אויפן בעט; פון זיין מויל זענען אַרויס ווערטער; ווערטער פייערדיקע זענען אין דער לופטן געפלויגן און צונישט געוואָרן.

אַז די תלמידים האָבן דערהערט די ווערטער: „שמע ישראל,

ה׳ אלוקינו, ה׳ אחד״! זענען זיי פאַרציטערט געוואָרן; זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן, אַז די נשמה איז זיי שיעור נישט אַרויס־געפלויגן.

און די לייכטע ווינטלעך בלאָזן, זיי בלאָזן און צעשפּרייטן די טייערסטע ריחות, ריחות זיסע, איינגענעמע, וואָס אַזוינס האָט נאָך קיין מענטש אויף דער וועלט נישט געפילט.

די טויערן פון גן־עדן האָבן זיך צעעפנט אויפצונעמען די נשמה פון רבי ישראל בעל־שם־טוב. און די הימלישע מלאכים זענען אַראָפּ פון די הויכקייטן, כדי צו באַגלייטן די הייליקע ריינע נשמה; זיי קלאַפּן מיט די פליגל, און פון דעם קלאַפּן און פאָכען מיט זייערע פליגל קומען אַרויס די ווינטלעך, וועלכע צעשפּרייטן דעם געשמאַקן איינ־גענעמען ריח. און די ריחות קומען און קערן אום די נשמות פון די תלמידים אין זייערע קערפּערס; זיי שטייען און ציטערן און פלאַ־טערן, און זייערע נשמות פליִען אַרויס און קערן זיך צוריק. זיי קערן זיך אום און ציטערן...

עס האָט אויך אַ ציטער געטאָן רבי ישראל בעל־שם־טוב. און גלייך האָבן זיך די ווינטן אָפּגעשטעלט, אויפגעהערט צו בלאָזן; די גן־עדן־ריחות זענען פאַרשוווּנדן און דאָס ליכט איז נישט געוואָרן.

די תלמידים האָבן אַריינגעקוקט אין פּנים פון זייער רבין — ער איז נפטר געוואָרן...

# וואונדער איבער וואונדער

וואונדערלעכע זאַכן ווערן דערציילט איבער אַלע תפוצות פון אונדזער גלות, אָבער אַזעלכעס ווי די געשיכטע, וואָס האָט געטראָפן אין איינער אַ גרויסער שטאָט מיט אַ קאָמפּאַקטן ייִדישן ישוב, אַזוינס איז נאָך נישט געהערט און געזען געוואָרן.

אַ גרויסער גלח, אַ שונא־ישראל, האָט געוווינט אין יענער שטאָט, און די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט אים זייער ליב געהאַט פאַר זיין פרעדיקן און פאַר זיינע שיינע דרשות. אַ סך צוהערער, וועלכע האָבן אין קלויסטער נישט געקראָגן קיין פּלאַץ, האָבן זיך צוזאַמענגענומען און אויסגעבויט אַ גרויסע טריבונע אין אַ צענטראַלן פּלאַץ, וואָס לעבן קלויסטער. אַזוי אַרום האָט יעדער צוהערער געהאַט אַ באַקוועמען אָרט אויסצוהערן דעם גלחס דרשות, וועלכע זענען באַשטאַנען פון לויטער בלבולים און ליגנס אויפן חשבון פון ייִדישן פאָלק. נאָכן אויסהערן אַזאַ דרשה, פלעגט זיך דער צעיושעטער המון אויסשפּרייטן איבער די ייִדישע גאַסן און אויסברעכן פענצטער און טירן, רויבן און שלאָגן יעדן ייִד, וואָס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. אַזוי אַז ווי נאָר עס פלעגט זיך דערנענטערן אַ גויִשער חגא, פלעגן זיך די ייִדן אויסבאַהאַלטן פאַרהאַקן און פאַרשליסן טיר און טויער און אַליין זיך פאַרקלייבן אויף די בוידעמער און אין די קעלערן.

אַז די גויִים האָבן דערזען, אַז ייִדן באַהאַלטן זיך אויס און פאַר אַ קאָפּיקע קאָן מען נישט קריגן נישט קיין קעלישאַק בראָנפן און נישט קיין ייִדישן קוכן אָדער אַ בייגל, האָבן זיי זיך צוגעטראַכט צו אַזאַ ווילדער רציחה:

זיי וועלן צו יעדער „חגא" זייערער דערשטעכן אַ ייִדן. זיי וועלן וואַרפן גורל, און אויף וועמען דער גורל וועט פאַלן, יענעם ייִדן וועלן זיי אומברענגען.

אַז די ייִדן האָבן דערהערט די גזירה, זענען זיי געגאַנגען אונ־טערקויפן דעם גלח. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. עס איז אַרויס דער גזר אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג און נישטאָ ווער עס זאָל זיך איינשטעלן פאַר איר. צו יעדן גויִישן יום־טוב וועלן זיי אום־ברענגען אַ ייִדן.

אין אַ טאָג ערב זייער „חגא" איז דער טויט־גורל געפאַלן אויפן רבס זון, אַ יונגער בחור, אַ גרויסער למדן און צדיק. די ייִדישע באַפעלקערונג באַוויינט און באַקלאָגט דעם יונגן צדיק, וועלכער דאַרף מאָרגן אומקומען.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אין שטאָט אַ פרעמדער ייִד מיט דריי משרתים, און פונקט צום גויִישן יום טוב. די געוויינען און קלאָגערייען פון דער ייִדישער געמיינדע איז נאָך גרעסער געוואָרן. עס איז פאַר די ייִדן פון שטעטל קלאָר געוואָרן, אַז אויך זיי, די פרעמדע ייִדן, וועלן דערשטאָכן ווערן.

אָבער דער פרעמדער ייִד ווייזט גאָרנישט אַרויס קיין שרעק פאַר די גויִים; פאַרקערט, ער האַלט זיך אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געוואָלט טשעפּען און רייצן.

אין מאָמענט, ווען דער גרעסטער פון די גלחים האָט זיך גע־שטעלט אויף דער טריבונע, וואָס איז פאַר אים געמאַכט געוואָרן, האָט דער ייִד צוגעשיקט אַהין איינעם פון זיינע דינער; ער האָט אים געשיקט איינמאָל און צוויי מאָל, און דער משרת גייט צווישן

גויִשן המון, און זיי רירן אים אַפילו נישט אָן. ער איז צוגעקומען צום גרעסטן פון די גלחים און גערעדט עפּעס מיט אים און זיך בשלום אומגעקערט. דערנאָך איז ער נאָכאַמאָל אַוועק צום גלח און אים געשלעפּט פאַר די מלבושים, כדי אים ברענגען צו זיין ייִדישן באַלעבאָס, און אַלץ איז אַדורך רויִק. דער עלטסטער פון די גלחים האָט זיך צוריקגעקערט צו דער טריבונע, און יענער ייִד מיט זיינע דריי משרתים זענען נעלם געוואָרן.

ווער איז יענער ייִד געווען? פונוואַנען איז ער געקומען? און וווהין איז ער אַוועק? — דאָס האָט קיין איינער פון די שטעטלשע איינוווינער נישט געוווּסט. אָבער די צרה איז אַוועק; דעם רבס זון האָט מען נישט אָנגערירט. די ייִדן גייען פריי אַרום אין די גאַסן אין די גויִישע חגאות, און קיינער רירט זיי נישט אָן צום שלעכטס. דער האַס און שנאה צו די ייִדישע איינוווינער האָט אויפגעהערט.

***

אין אַ שטאָט אין איטאַליע איז אָנגעקומען אַ ייִד פון אַ ווייטער מדינה. דאָס איז געווען אַ געלערנטער מאַן אין תורה און וויסנ־שאַפט; ער איז געווען אַ גרויסער חסיד און אַ פרומער. דערצו איז ער געווען זייער רייך.

האָט ער זיך געקויפט אַ גרויסע מויער, זי אַרומגערינגלט מיט אַ ברייטן הויף, אין וועלכן ער האָט געלאָזט אויסבויען אַ שיינע שול אין אַ בית־מדרש, וואָס זענען געווען די שענסטע געביידעס פון גאַס. דער מאַן האָט געדונגען קאָמפּעטענטע און פעיִקע מענטשן, וועלכע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט זיינע גרויסע און פילע געשעפטן און ער אַליין איז טאָג און נאַכט געזעסן און געלערנט תורה.

אין יעדער אָרעמער מענטש, וואָס פלעגט קומען צו דעם מאַן, פלעגט קריגן אָפּעסן צו זאַט און אַ באַדייטנדיקע נדבה. אין די

שבתים פלעגן אַ סך אָרעמע מענטשן באַזעצן די טישן פון רייכן מאַן, און צו שלש־סעודות פלעגט זיי דער מאַן פרעגן, ווער פון זיי עס קאָן עפּעס דערציילן אַ מעשה וועגן רבי ישראל בעל־שם־טוב אין דער מאַן, וועלכער פלעגט דערציילן עפּעס פון בעל־שם־טוב, פלעגט קריגן אַ גאָלדענעם טאָלער פאַר יעדער געשיכטע, וואָס ער פלעגט דערציילן.

איז דער רייכער מאַן באַקאַנט געוואָרן איבער גאָר דער וועלט און אַ סך אָרעמעלייט פלעגן קומען צו אים, ער זאָל זיי באַהילפיק זיין, און ווער נאָר עס האָט געוווּסט צו דערציילן עפּעס אַ מעשה פון בעל־שם־טוב, האָט באַזונדערס געקריגן באַצאָלט אַ גאָלדענעם טאָלער.

איינמאָל איז אין יענער שטאָט פאַרפאָרן אַ ייד און איז אַריין צו יענעם מאַן, זיך פאָרשטעלנדיק פאַר די באַדינער, אַז ער קאָן דער־ציילן אַ סך פון די וווּנדער־פאַסירונגען וועגן רבי ישראל בעל־שם־טוב, אַ סך מער ווי אַלע אַנדערע קענען דערציילן, ווייל דאָס איז זיין פעיקייט, מחמת ער איז איינער פון רבי ישראל בעל־שם־טובס תלמידים, ער הייסט יעקב. ער האָט אויך דערציילט, אַז רבי ישראל האָט פאַר זיין פטירה צונויפגערופן אַלע תלמידים און זיי אָנגע־זאָגט, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אויפפירן, וואָס זיי זאָלן טאָן, כדי צו האָבן פרנסה. און אים, יעקבן, זיין תלמיד, האָט ער געהייסן אַרומ־צופאָרן פון אָרט צו אָרט און אומעטום דערציילן וועגן זיינע וווּנדער.

ער, רבי יעקב, האָט זיך געווערגערט: דאָס איז אויך אַ פרנסה?!

— ער זאָל וואַנדערן שטענדיק און דערציילן מעשיות!

אָבער רבי ישראל האָט אים געזאָגט:

— אָט פון דער „פרנסה" וועסטו ווערן רייך.

אַז רבי ישראל איז נפטר געוואָרן, איז ער, יעקב, זיין תלמיד, אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף און אומע־טום דערציילט די וווּנדער פון רבי ישראל בעל־שם־טוב. די איינ־

הערער פלעגן הנאה האָבן און באַצאָלן אים דעם פּרייז. אַזוי איז ער שוין אַרומגעפאָרן חדשים און יאָרן.

ווען ער איז געוואָרן געוויר וועגן דעם גביר וואָס ווינט דאָ



דער כתב־יד פון בעל שם הקדוש זי״ע. אַ בריוו
וואָס ער שרייבט צום בעל „תולדות יעקב יוסף״

אין איטאַליע, אַז ער באַצאָלט אַ גאָלדענעם טאָלער פאַר יעדער דערציילונג וועגן בעל־שם־טוב, האָט ער זיך געטראַכט: וואָס דאַרף ער וואַנדערן זיין גאַנץ לעבן און זיין פאַרוואָגלט? איז דאָך גלייכער

צו קומען אַהער צום גביר, אים דערציילן אַלע מעשׂיות און פּאַ־סירונגען, וואָס ער ווייסט אַזויפיל פון זיין גרויסן רבין, וועט ער באַקומען אַ סך גאָלדענע רענדלעך און וועט רייך ווערן און נישט דאַרפן מער וואַנדערן פון פּלאַץ צו פּלאַץ. האָט ער זיך געקויפט אַ פערד און וואָגן און געפאָרן אַ סך כאַנאַטן, ביז ער איז אָנגעקו־מען, און איצטער איז ער גרייט צו דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט, פון זיין רבין, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב.

די באַדינער האָבן צוויסן געגעבן זייער באַלעבאָס וועגן דעם און ער האָט געהייסן אַריינפירן דעם ייִדן אין שטוב און אים געבן אַ דירה מיט עסן און טרינקען און אים איבערגעבן, אַז ווען ער וועט מיט אים צוזאַמען זיצן ביים טיש מיט נאָך געסט, פרייטיק ביינאַכט, זאָל ער אים דאַן דערציילן וועגן בעל־שם־טובס ווונדער.

אַז די עלטערע ייִדן און די פירער פון שטאָט האָבן זיך דער־ווּוסט, אַז רבי ישׂראל בעל־שם־טובס אַ תלמיד געפינט זיך ביי זיי אין שטאָט און ער שטייט איין ביים באַוווסטן גביר און מכניס־אורח, זענען זיי אַלע געקומען פרייטיק צו־נאַכט צום גביר אין הויז, כדי צו הערן די שיינע דערציילונגען פון בעל־שם־טוב.

דער רייכער באַלעבאָס האָט זיך געזעצט אויבן־אָן און רבי יעקבן, דעם בעל־שם־טובס תלמיד, האָט ער אַוועקגעזעצט ביי זיין רעכטער האַנט. עס האָבן זיך אויסגעזעצט די גרויסע צאָל אָרעמע־לייט, אַ סך געסט, צווישן זיי די אָנגעזעענסטע פון דער ייִדישער געמיינדע. און אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט צו רבי יעקבן.

נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט זיך דער באַלעבאָס געווענדט צו רבי יעקב און אים געזאָגט:

— איצטער זיי אַזוי גוט און דערצייל!

רבי יעקב האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ ביזן ברוסט און גע־שוויגן.

דערציי̇ל, איך בעט דיך! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט מיט אַ קול פון געבעט.

און רבי יעקב שווייגט. זיין פּנים איז רויט און בלייך געוואָרן, און ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

די מענטשן, וועלכע זענען דאָרטן געווען, האָבן זיך געוווּנדערט:

— איז ער דען געקומען אָפּלאַכן פון גרויסן און האַרציקן מאַן?

און רבי יעקב זיצט פאַרזאָרגט און ערגערט זיך און ער ווייסט נישט, וואָס עס איז מיט אים פּלוצלונג געוואָרן: אַלץ, וואָס ער האָט געזען ביי זיין רבי ישראל בעל־שם־טוב, האָט ער איצט פאַרגעסן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט כאָטש עפּעס צו דערמאָנען, אָבער אומזיסט.

דער באַלעבאָס האָט געזען זיין ערגערניש. ער האָט אים באַדרייקט און צו אים געזאָגט:

— עס פּאַסירט אַזעלכעס. מעגלעך, אַז פון צופיל אָנשטרענגונג, פון דעם וויטן שווערן וועג, ביסטו אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אויך דיין זכרון איז אָפּגעשוואַכט. מירן דאָס איבערלאָזן אויף מאָרגן.

אָבער אויך אויף מאָרגן, אויך צו דער צווייטער און צו דער דריטער סעודה, האָט ער זיך גאָרנישט דערמאָנט. מיט אַלע זיינע קרעפטן האָט ער זיך אָנגעשטרענגט כאָטש עפּעס זיך צו דערמאָנען, וואָס האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיט זיין רבין און זיינע תלמידים, כדי אפשר אַזוי אַרום אָן עפּעס זיך דערמאָנען און עס אַרויסברענגען, אָבער עס איז אים נישט געלונגען, ווי ער וואָלט אויף זיין לעבן רבי ישראל בעל־שם־טוב׳ן נישט געווען געזען. די געסט האָבן אים באַדריקט מיט זייערע רייד; עס האָט זיי פאַרדראָסן אויפן פרעמדן ייִדן, וועלכער האָט געוואַגט אָפּנאַרן דעם באַלעבאָס, דעם ערלעכן מאַן און צדיק. אָבער דער באַלעבאָס איז נישט איין כעס געוואָרן אויף יעקבן; פאַרקערט, ער האָט אים געהאַלטן אין איין באַרויִקן:

— מאַך דיר נישט קיין שלעכט בלוט; עס וועט דיר איבער־גיין; דאָס קומט פון ציפיל אָנשטרענגונג: מיר וועלן אָפּוואַרטן — אפשר וועסטו זיך דערמאָנען. עס פּאַסירט, אַז מענטשן פאַרגעסן אַפילו ווי זיי הייסן...

מוצאי שבת האָט דער באַלעבאָס אַריינגעשיקט זיין דינער צו יעקבן, אים פרעגן, אויב ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. אָבער אומזיסט, ער געדענקט גאָרנישט.

דער באַלעבאָס האָט געהייסן אים זאָגן, אַז ער זאָל אָפּוואַרטן נאָך איניקע טעג, אפשר וועט ער זיך דאָך דערמאָנען. רבי יעקב האָט דריי טעג געפאַסט און געבעטן ג־ט, ער זאָל אים אומקערן זיין זכרון, אָבער נישט זיין פאַסטן און נישט זיינע תפילות האָבן גע־האָלפן; ער האָט שוין פאַרלאָרן די האָפענונג צו דערמאָנען זיך עפּעס פון זיין רבין און ער האָט באַשלאָסן זיך אומקערן אַהיים.

געוויס האָט מיין רבי נישט געוואָלט, אַז איך זאָל ווערן מיט אַמאָל אַ גביר, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — און נישטאָ קיין אַנדער עצה, ווי נאָר זיך אומקערן און ווייטער אָנהייבן וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך. ווער איך אפשר צוריק באַקומען מיין זכרון. אָבער פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט איז ער אַריין צום באַלעבאָס זיך אַנטשולדיקן, וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט אומאַנגענעמלעכקייטן.

דער באַלעבאָס האָט אים זייער פיין אויפגענומען; אים גע־געבן אַ פיינע נדבה און אים געבענטשט צו זיין אַרויספאָרן.

ר׳ יעקב האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן און אָנגעהויבן פאָרן און מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אַ געשיכטע, און זייער אַ וווּנדערלעכע און אינטערעסאַנטע.

ער איז שנעל אַראָפּ פון וואָגן און געלאָפן צום גביר אין הויז:

— איך האָב זיך דערמאָנט! — האָט ער אויסגערופן צום דינער, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג. — גיי זאָג אָן דיין האר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט אַ וווּנדערלעך־שיינע פאַסירונג.

אַז דער גביר האָט דאָס דערהערט, איז ער אַרויס אַנטקעגן אים זייער שטאַרק צופרידן.

— דו האָסט זיך דערמאָנט? — האָט ער אַ צופרידענער אויסגערופן. — געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען פון ג־ט!

ר׳ יעקב האָט זיך געוווּנדערט: וואָס איז עפּעס דער גביר אַזוי צופרידן? — וואָס איז אַזוי שטאַרק דעם גבירס פרייד, ווען אַפילו ער האָט זיך יאָ דערמאָנט אַ פּאַסירונג?

און ווי ער שטייט אַזוי פאַרווּנדערט, האָט אים דער באַלעבאָס אַרומגענומען און אַריינגעפירט אים אין זיין צימער.

— דערציילט, רבי יעקב, דערציילט! — האָט דער באַלעבאָס געבעטן.

און רבי יעקב האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

— אין בית־מדרש פון רבי ישראל־בעל־שם־טוב זענען מיר געזעסן, איך און נאָך צוויי פון אונדזערע חברים, מוצאי־שבת ביי נאַכט. פּלוצלונג איז אריין דער רבי און געזאָגט:

— מיר דאַרפן שנעל פאָרן, גיכער!

וווּהין פאָרן האָבן זיי נישט געפרעגט. אַז זייער רבי הייסט פאָרן, איז צו וואָס איז דער פרעגן וווּהין?

זייער רבי איז אַרויף אויפן וואָגן און זיי הינטער אים. די פערד זענען געלאָפן און געשלעפּט דעם וואָגן; זיי זענען געפאָרן שנעל, נישט וויסנדיק וווּהין די פערד פירן זיי. די פערד זענען געלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און ווען דער פרימאָרגן־שטערן האָט זיך באַוויזן, זענען די פערד שטיין געבליבן אין אַ גרויסער שטאָט, לעבן אַ טויער פון איינעם פון די הייזער, וואָס אַלע זיינע טירן און פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט. רבי ישראל האָט זיי געהייסן אָנקלאַפּן אין טויער און זיי האָבן אָנגעקלאַפּט. איז פון שטוב אַרויס אַן עלטערע פרוי און זיך ביטער צעשריגן:

— צו וואָס זענט איר נאָך אַהער געקומען? צי ווילט איר

נאָך פאַרגרעסערן די צאָל פון אונדזערע דערמאָרדעטע? אַנטלויפט פון דאַנעט!

# ניגוני שבת חסידים

## כָּל מְקַדֵּש

ניגון ישן מאת תלמידי הבעש״ט

ניגוני, בנוסח תפלה



דאָס איז אַן אַלטער ניגון פון די תלמידי בעל שם טוב זי״ע.

רבי ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך נישט צוגעהערט צו אירע רייד: ער האָט זיך מיט געוואַלד אַריינגעשטופּט אין שטוב און זיינע דריי תלמידים זענען אַריין מיט אים.

ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און דערזען, ווי די מענטשן פון הויז ליגן באַהאַלטן אין די ווינקלען און ציטערן פון שרעק; זיי קרעכצן ביטער און קוקן אויף אונדז, אויף די אַריינ־געקומענע, מיט אויגן, וואָס דריקן אויס רחמנות געמישט מיט כעס.

רבי ישראל האָט זיך אויף זיי אויך נישט אומגעקוקט; ער האָט באַמערקט, אַז דאָרטן איז פאַראַן אַן אויבערשטיבל. איז ער אַרויף אַהין; און אַזוי ווי ער איז אַרויף, זענען מיר אויך אַרויף. די אַלטע איז אויך אַרויף הינטער אונדז און ביטער געוויינט:

— מיר זענען דאָ אויסגעשטעלט דערהרגעט צו ווערן! מיר באַהאַלטן זיך אויס פון די מערדער. און איצטער, מיט אייער אַראָפּ־קומען אַהער, האָבן אייך די מערדער געוויס געזען און אַזוי אַרום וועט מען אונדז אַלעמען צוזאַמען אומברענגען. וואָס האָט איר גע־האַט צו אונדז? נאָך וואָס זענט איר איצט, אין זייער „חגא״, אַהער געקומען?!

רבי ישראל האָט זיך נישט צוגעהערט צו איר געוויין און איז אַריין אין אויבערשטיבל. ער האָט געזען, ווי דיקע פאָרהאַנגען פאַרדעקן די פענצטער, וואָס זענען פאַראַן אין דעם צימער. האָט ער זיי אָפּגעשאַרט פון איינעם פון די פענצטער. די אַלטע איז פאַרגאַנגען אין אַ געוויין:

— אפשר וואָלטן מיר זיך עמעצער געראַטעוועט פון אומקום. ביסטו אַראָפּגעקומען זיך רייצן מיט די מערדער!

רבי ישראל האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס פאַרן קלויסטער, און געזען, ווי טויזנטער קריסטן פאַר־זאַמלען זיך צו יענעם פּלאַץ, אויף וועלכן עס שטייט אַ ריזיקע טרי־בונע. און די גלעקער פון קלויסטער האָבן זיך צעקלונגען און גע־קלונגען אָן אויפהער.

מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן.

אויף דער בימה האָט זיך אַרויפגעשטעלט דער עלטסטער פון די גלחים.

אַז רבי ישראל בעל־שם־טוב האָט דערזען דעם גלח, האָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט:

— לויף שנעל און זאָג דעם גלח, וואָס פּריידיקט, אַז ער זאָל קומען צו מיר, אַז ער זאָל שוין קומען!

אַז די מענטשן פון הויז האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי פאַר־ציטערט געוואָרן:

— ביסט משוגע! — האָבן זיי געשריגן צום רבין. — א ייד שיקט איצטער רופן דעם גלח?! ווי ער וועט זיך נאָר באַווייזן אין גאַס, וועט מען אים אויף שטיקער צערייסן.

אָבער רבי ישראל בעל־שם־טוב האָט מיך אונטערגעאײַלט:

— שנעל, לויף גיכער!

— איך, יעקב, זיין תלמיד, בין זיכער געווען מיט מיין רבין. און כ'בין אַוועקגעגאַנגען. איך האָב זיך דורכגעשטופּט אַ וועג צווישן דעם געפּאַקטן המון גויים און קיינער האָט מיך נישט אָנגערירט. איך בין צוגעגאַנגען ביזן גלח און איך האָב אים געזאָגט דאָס, וואָס דער רבי האָט מיר געהייסן, און דער גלח האָט רויק געענטפערט:

— איך וועל קומען; איך וועל קומען, ווען איך וועל ענדיקן מיין רעדע.

די מענטשן פון שטוב האָבן אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַרו־נעס; זיי האָבן געזען און זיך געוווּנדערט; זיי האָבן שטאַרק איבער־געבעטן דעם בעל־שם־טוב, אָבער אויך אויף זייער איבערבעטן אים האָט ער קיין שום אַכט נישט געלייגט.

ווען ער האָט דערזען, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אַליין, אָן דעם גלח, האָט ער געשריגן:

— קער דיך שוין אום און זאָג אים, ער זאָל נישט זיין קיין נאַר, און שוין קומען מיט דיר! לאָז אים נישט אָפּ!

איך האָב זיך צוריקגעקערט צו דער טריבונע, ווו דער גרעס־טער פון די גלחים איז געשטאַנען און וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן דרשנען.

איך האָב אים אָנגענומען ביי זיינע קליידער און אים איבער־געגעבן די רייד, וואָס דער רבי האָט געהייסן, און אים געצויגן, ביז איך האָב אים געבראַכט אין יענער שטוב.

רבי ישראל האָט אים אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער; ער האָט מיט אים גערעדט ביי אַ צוויי שעה צייט; דערנאָך איז דער רבי אַרויס, זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, מיר מיט אים, און מיר האָבן זיך אומגעקערט אין זיין שטאָט.

***

ווען דער רייכער באַלעבאָס האָט אויסגעהערט די דערציילונג האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט אין דער הויך און געדאַנקט דעם אויבערשטן. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו רבי יעקבן און אים געזאָגט:

— איך בין דאָס געווען דער גלח! איך בין געווען דער עלט־סטער פון די גלחים!

און ער האָט רבי יעקבן דערציילט אָט־וואָס:

אַ זון פון מאַגנאַטן איז ער געווען; גרויס אין תורה און יויסנשאַפט, און אויך זיינע עלטערן זענען געווען זייער געלערנט אין תורה און חכמה.

איז ער ביי זיך גרויס געוואָרן. און אַזוי ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן גרויסהאַלטן און קוקן אויף יעדן פון אויבן־אַראָפּ, האָט אים גובר געווען דער שלעכטער געדאַנק, און ער האָט זיך אָפּגעשמדט; און אַזוי אַרום פאַרביטן זיין רעליגיע.

און אַזוי ווי ער איז געווען זייער אָנגעלערנט אין תורה און

וויסנשאַפט, איז ער געוואָרן אַ גלח און ער האָט געשטיגן אַלץ העכער און העכער, ביז ער איז געוואָרן דער עלטסטער פון די גלחים און אין די טויזנטער מענטשן פלעגן קומען הערן זיינע דרשות. האָבן אים אָבער נישט פאַרגונען די אַנדערע גלחים און זיי פלעגן אים „פאַרשעמען״ מיטן נאָמען ייִד און וואָס ווייטער פלעגן זיי אים אַלץ מער ערגערן און כסדר רופן ייִד. ער פלעגט זיי וועלן וויזן, אַז ער האָט פיינט די ייִדן, האָט ער אָנגעהויבן פריידיקן און רעדן שלעכטס אויף זיי און אָנרייצן דעם המון, זיי זאָלן שלאָגן די ייִדן, כדי מיט דעם צו וויזן זיינע קעגנערשע גלחים, אַז ער איז אַ שונא פון ייִדן.

אָבער דער זכות פון זיינע עלטערן איז אים בייגעשטאַנען און פון הימל האָט מען זיך דערבאַרעמט אויף זיין נשמה.

רבי ישראל בעש״ט איז צו אים געקומען און אים אָנגעהויבן איינרעדן, אַז ער זאָל זיך אָפּקערן פון זיין שלעכטן וועג; ער איז געקומען איינמאָל, צוויי מאָל און צענדליקער מאָל, ביז צו ענדע האָט ער חרטה געקראָגן אויפן גרויסן שלעכטס, וואָס ער האָט געטאָן, און ער האָט באַשטימט אַנטלויפן פון זיין וווינאָרט און זיך אומקערן צו זיין פאָלק און אמונה. ער האָט באַשטימט אָבער נישט דערפילט; זיין שלעכטער געדאַנק, דער יצר־הרע, האָט אים באַזיגט, און אים נישט געלאָזט אַנטלויפן. אין אַ פרימאָרגן, אין אַ טאָג פון אַ קריסטלעכן יום טוב, האָט זיך צו אים אויפגעזאַמלט אַ המון פון טויזנטער און טויזנטער, כדי צו הערן זיינע דרשות. ער איז אַרויס און זיך געשטעלט אויף דער בימה. ווען ער האָט דערהערט פון רבי יעקבס מויל, אַז רבי ישראל בעש״ט איז געקומען אין שטאָט און רופט אים, ער זאָל קומען צו אים, האָט ער אים גלייך געוואָלט אויספאָלגן, אָבער זיין פאַרפירערישער געדאַנק, דער יצר־הרע, האָט אים איינגערעדט נישט צו גיין, ביז ער וועט ענדיקן זיין רעדן. און ווען רבי ישראל בעל־שם־טוב האָט אים גערופן צום צווייטן מאָל,

האָט ער זיך געשטאַרקט און געגאַנגען. אַז דער רבי האָט אים דער־זען, האָט ער אים געוויזן אַ וועג פון תשובה און אים געזאָגט:
— אין דער צייט, ווען איינער אַ מאַן וועט קומען צו דיר און דיר דערציילן פון אַלעם, וואָס מיט דיר האָט געטראָפן, — זאָלסטו וויסן, אַז דו ביסט געוואָרן אַ שטאַרקער בעל־תשובה.

און דער בעל־תשובה האָט צעטיילט אַ העלפט פון זיין גרויסן פאַרמעגן פאַר אָרעמע מענטשן און אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן האָט ער גענומען מיט זיך און איז אַנטלאָפן קיין איטאַליע און דאַרט זיך פאַרנומען מיט תורה, תפילה, צדקה און מעשים־טובים.

— איך בין דאָס אָט־דער מאַן! — האָט דער באַלעבאָס געענ־דיקט זיין געשיכטע, — און ווען דו ביסט געקומען צו מיר און דו האָסט געהאַט פאַרגעסן אַלץ, וואָס די האָסט געוווּסט וועגן רבי ישראל בעל־שם־טוב, בין איך נאָך געוויס נישט זיכער געווען צו דעם. איך האָב תשובה געטאָן און אָט האָב איך זוכה געווען, אַז מיינע אַלע זינד זענען פאַרגעבן געוואָרן!

און ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט רעדן, האָט ער רבי יעקבן געגעבן צען טויזנט גאָלדענע רענדלעך און מיט דעם איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס רבי ישראל בעל־שם־טוב האָט אים פאַרן טויט געזאָגט: „פון דעם טויניש וועסטו רייך ווערן".

# די געבורט פון קאָזשעניצער מגיד,
# רבי ישראל בן שבתי

אין דער שטאָט אָסטראָווצע אין פוילן איז אין יאָר 1742 (שנת תק״ב) געבוירן געוואָרן אַ זון צו אַן עלטערן מאַן מיטן נאָמען ישראל.

וועגן געבורט פון דעם דאָזיקן קינד דערציילן די חסידים די פאָלגנדיקע געשיכטע:

ר׳ שבתי איז געווען אַ פשוטער ייד, אַן איינבינדער פון פאַך. ער האָט געהאַט פיין פרנסה און קיינמאָל נישט געוווּסט פון נויט. צופרידן און גליקלעך וואָלט דער דאָזיקער מענטש געווען, ווען דער רבונו של עולם שענקט אים אַ זון. ווייל דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געבעטן ביי ג־ט, איז געווען: קינדער. בלויז דאָס האָט אים געפעלט; און אויב נישט פיל קינדער, איז כאָטש אַ זון. זיין געבעט איז נישט אָנגענומען געוואָרן, און דאָס האָט אים פאַראורזאַכט צער און ערגערניש אין זיין לעבן.

ר׳ שבתיס שטייגער איז געווען אויפצונעמען די שבתים מיטן טייערסטן און שענסטן. דאָנערשטיק נאָך מיטאָג פלעגט שוין זיין פרוי איינקויפן אַלעס נויטיקע אויף שבת און ערב שבת פרי, צען

אַזייגער, פלעגט ער, ר׳ שבתי, אויפהערן אַרבעטן, אַוועקגיין אין מקווה זיך טובלען לכבוד דעם הייליקן שבת און פון דאָרטן פלעגט ער גיין אין שול און זאָגן שיר־השירים און תקוני שבת, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען זייער טייטש.

און ער פלעגט זיך נישט רירן פון דאָרטן, ביז נאָך מעריב.

אַזוי האָט ער זיך געפירט אַ גאַנצן לעבן. אָבער צו זיינע עלטערע יאָרן, ווען ער איז שוין אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, איז ער געוואָרן שוואַך און ער האָט מער זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען מיט זיין פאַך. איז ער געוואָרן אַ גרויסער אָרעמאַן. דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון די צייטן, ווען ער האָט געאַרבעט, איז אַלץ ווייניקער געוואָרן, ביז עס איז אים מער גאָרנישט געבליבן און אָט איז געקומען אַ דאָנערשטיק און ער האָט נישט געהאַט קיין סענט אויף צו מאַכן שבת. און אָט איז שוין געקומען דער פרימאָרגן פון ערב שבת און ר׳ שבתי האָט אַפילו קיין האָפענונג נישט צו קענען מאַכן שבת. ווי זיין שטייגער איז געווען.

ר׳ שבתי און זיין פרוי זענען געווען הונגעריק און אין שטוב איז אַפילו קיין שטיקל ברויט נישטאָ; אָבער מער פון הונגער פייניקט זיי דאָס, וואָס זיי קאָנען מער נישט אויפנעמען דעם שבת מיט ליכט, פליש און פיש, וויין אויף קידוש און הבדלה, און חלות, ווי זיי פלעגן זיך פירן.

צוויי וועגן האָט איצטער ר׳ שבתי געהאַט פאַר זיך: אָדער פאַסטן שבת, אָדער אויסשטרעקן די האַנט און בעטן אַ נדבה, כדי צו קענען מאַכן שבת. אָבער פאַר אים איז בעסער געווען צו פאַסטן, איידער אָנקומען צו אַ מענטשנס גאָב.

— דער בורא־עולם ב״ה האָט אונדז געגעבן דעם שבת און די מצוה איז, אים אויפצונעמען מיט ליכט און קידוש, און אויב ער גיט אונדז נישט די מעגלעכקייט אים אויפצונעמען, איז מסתמא זיין

פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן זיך פֿיניקן אָן ליכט און אָן קידוש, אָן עסן און אָן טרינקען, — האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי.

אָבער זיין פרוי האָט דאָס מאָל געפּרווווט נישט איינשטימען מיט זיינע רייד און אים געענטפערט:

—אפשר איז דאָס פאַרקערט? אפשר איז ג־טס פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן זיך דערנערן פון צדקה?

אָבער ר׳ שבתי האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך קיין הנאה נישט געהאַט פון אַ מענטשנס גאָב און איצטער, ווען איך בין געקומען אויף דער עלטער, זאָל איך אויסשטרעקן מיין האַנט נאָך אַ נדבה? ניין, דאָס וועל איך נישט טאָן.

ר׳ שבתי האָט געדענקט גיין אין מקווה און דערנאָך אין שול, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלן זיינע שכנים באַמערקן, אַז זיי האָבן גאָרנישט צוגע־גרייט אויף שבת, וועלן זיי צושטיין צו זיין פרוי, זיי וועלן זי נישט אָפּלאָזן, אַז זי זאָל נעמען ביי זיי אויף שבת. דעריבער האָט ער זיך נישט גערירט פון זיין אָרט, ביז וואַנען זי האָט אים צוגעזאָגט. אַז זי וועט פון קיינעם נישט נעמען קיין נדבות. און כדי זיין נאָך זיכערער, אַז זי וועט צו קיינעם נישט אָנקומען, האָט ער ביי איר גענומען אַ האַנט — אַ תקיעת־כף.

דער ערב־שבתדיקער טאָג איז פאַר ר׳ שבתין אַוועק פאַסטנדיק און ער איז געווען גרייט צו פאַסטן אויך מאָרגן, שבת, און די קו־מענדיקע טעג, ביז וואַנעט מען וועט זיך אויף אים פון הימל דער־באַרעמען, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו צדקה, אָדער אויס־צוגיין פון הונגער, אויב ג־ט וויל אַזוי, אַבי נישט אָנקומען צו מענטשנס גאָב.

נאָך קבלת־שבת האָט ר׳ שבתי איבערגעוואַרט אין שול, ביז וואַנען אַלע דאַווענער זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווייל ער האָט

מורא געהאַט, טאָמער וועט אים עמעצער פרעגן, פאַרוואָס עס ברענט נישט קיין ליכט אין זיין שטוב און ער וועט נישט וויסן וואָס צו ענטפערן. אַז אַלע זענען שוין געהאַט אַוועק פון שול, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים. גייענדיק איז ער געווען צופרידן און טרויעריק מיטאַמאָל. צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט נישט נאָכ־געגעבן דעם יצר־הרע און נישט גענומען קיין נדבה, בכדי צו מאַכן שבת, און טרויעריק דערפון, וואָס ער קען נישט אויפנעמען דעם שבת.

מיטאַמאָל איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן, — פון אַ שטאַרקער ליכטיקייט זענען זיינע אויגן פאַרבלענדט געוואָרן, — און די שטראַלנדיקע ליכטיקייט האָט אַרויסגעשפּאַרט פון זיין פענצטער.

פונוואַנעט קומט צו מיר ליכט? — האָט ער זיך געוווּנדערט און שטאַרק זיך געערגערט; — נישט אַנדערש, אַז מיין ווייב האָט געבראָכן איר צוזאָג און אַפילו איר תקיעת־כף האָט נישט גע־האָלפן; די פרויען זענען דאָך לייכטזיניקע; האָט זי גענומען געלט ביי אַ שכן און געקויפט ליכט.

פון גרויס ערגערניש איז ער געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון זיין שטוב און נישט געקענט גיין ווייטער. אָבער ער האָט זיך באַהערשט און געטראַכט: מען טאָר זיך דאָך שבת נישט ערגערן; מיין ווייב האָט זיכער נישט געקענט באַהערשן איר פיין און צער, האָט זי מסתמא גענומען, וואָס גוטע מענטשן האָבן איר געגעבן. נו, איז דערפאַר וועל איך גיין פאַרשטערן דעם שבת און זיך קריגן מיט איר? — האָט זיך געטראַכט ר׳ שבתי און אַלץ געזוכט זיך צו באַהערשן.

ר׳ שבתי איז אַריין אין שטוב און צו זיין איבערראַשונג געזען, אַז אַלץ איז ווי אין אַ גן־עדן! אויפן טיש ברענען גרויסע ליכט; דער ווייך אין גראַפינקע שעמערירט ווי ער וואָלט געווען פון בעסטן סאָרט. די חלות, וואָס זייערע פלעכטלעך שפּאַרן זיך אַרויס פון

שניי־ווייסן חלה־טישטעכל, זענען גרויסע, אויפגעגאַנגענע און עס שמעקט מיט געפּילטע פיש, פליש און צימעס...

ר׳ שבתי זאָגט דעם שלום עליכם, דעם אשת־חיל, מאַכט קידוש אויפן ווין, וואַשט זיך די הענט, שניידט אָפּ אַ פּעניץ חלה פאַר זיך מיט זיין ווייב און רעדט נישט אַרויס אַ וואָרט. נאָר אַז זיין ווייב האָט דערלאַנגט צום טיש די גרויסע חלקים פיש, האָט ער זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט טיפן צער און פאַרוווּנדערונג, ווי איינער זאָגט:

— פרוי, דו פרוי, ווו איז דיין צוזאָג, דיין תקיעת־כף?

אָבער די פרוי האָט געשמייכלט:

— נישט פון קיין מענטשנס האַנט האָב איך עס גענומען, — האָט זי געזאָגט, — עס רויק און זיי צופרידן!

און ווען זי האָט געזען, אַז איר מאַן איז דערשטוינט פון אירע רייד, האָט זי אים דערציילט, אַז אויך זי איז געווען גרייט צו פאַסטן דעם שבת פּונקט ווי ער, אָבער אַזוי ווי עס איז איר געווען אומ־מעגלעך אויפצונעמען דעם שבת מיט ליכט און עסן, האָט זי אים כאָטש געוואָלט אויפנעמען מיט אַ ריינער שטוב. זי האָט אויסגע־ רוימט די שטוב אין אַלע ווינקלען און שפּאַרונעס און אין איין שפּאַרונע, וואָס הינטערן אויוון, האָט זי געפונען אַן אַלטן אַרבל.

— אַן אַלטן אַרבל? — האָט איבערגעפרעגט ר׳ שבתי און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— יאָ, יאָ! — האָט די פרוי אויסגערופן, — דאָס איז אַן אַרבל פון דעם קלייד, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט זילבערנע גלאַנציקע פּערלעך!...

אַן אומעט האָט זיך באַוויזן אויף דער אַלטערס געזיכט; זי האָט זיך דערמאָנט איר יוגנט און גליק, וואָס איז פאַרפלויגן. פרנסה האָבן זיי געהאַט איבער גענוג און געלט האָט זי שטענדיק געהאַט

צו דער האַנט. יעדן שבת פלעגט זי זיך אויספּוצן אין דעם זיידענעם קלייד באַפּוצט מיט זילבער און פּערעלעך. ווען דאָס קלייד האָט זיך צעריסן פון אַלטקייט, האָט זי זיך קיין צווייט קלייד ווי יענץ נישט געקענט מאַכן; זי האָט אַפילו געמוזט פאַרקויפן די פּוצונג פונעם אַלטן קלייד; ביסלעכווייז האָט זי אויספאַרקויפט דאָס זילבער און די פּערעלעך און פאַרן געלט געקויפט די נויטיקע זאַכן פאַר די שבתים און ימים־טובים. נאָר איין אַרבל מיט די פּערל איז איר פאַרלאָרן געגאַנגען און זי האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומען. זי האָט אים געזוכט אַ סך צייט, ביז זי האָט עס אָפּגעלאָזט, און פאַרגעסן.

נו, און אָט האָט זי אים איצטער געפונען.

— איך האָב אַראָפּגענומען די פּערעלעך און זילבער און זיי פאַרקויפט דעם גאָלדשמיד.

ר' שבתים האַרץ איז איבערפולט געוואָרן מיט שמחה און פרייד; דער אויבערשטער אַליין האָט אים פאַרזאָרגט, אַז ער זאָל זיך שבת נישט דאַרפן פּייניקן און נישט אָנקומען צו מענטשן. און פון גרויס פרייד האָט ער אָנגענומען זיין ווייבס אָרעם און האָט מיט איר אָנגעהויבן טאַנצן.

ער האָט געטאַנצט, געהאָפּקעט און נישט אויפגעהערט, ביז די אַלטע האָט אים געזאָגט, אַז עס וועט קאַלט ווערן די יויך. ווען זיי האָבן אויפגעגעסן די יויך מיט די לאָקשן און בעבלעך, האָט ער ווייטער אַ נעם געטאָן זיין אַלטע צום טאַנצן, און ווען זיי האָבן אויפגעגעסן דאָס פליייש, די צימעס און קאָמפּאָט, האָבן זיי ווייטער געטאַנצט ביי אַ שעה צייט.

* * *

אינעם קרייז פון דער מחנה פון רבי ישראל בעל־שם־טוב פון מעזשעביזש, וואָס אין פּאָדאָליע, איז אין איינעם אַ פרייטיק צו־נאַכט

אַנטשטאַנען אַ גאַנצע איבערקערעניש צוליב אַ מאָדנער פּאַסירונג.
איינער האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן דערשטוינט און זיך גע־פרעגט:

— וואָס זאָל דאָס זיין?

דער בעל־שם־טוב האָט געלאַכט; געלאַכט מיטן גאַנצן מויל,



דאָס בילד ווייזט די שטאָט מעזשעביזש, וווינאָרט פון בעל שם הקדוש זי״ע.

ווי עס לאַכן מענטשן לײדיקגייער, מאַרק־מענטשן, וואָס לאַכן פון פּעפּערדיקע וויצן. ער האָט געלאַכט נאָכן קידוש, געלאַכט, ווען ער האָט אַריינגעטאָן דעם ערשטן לעפל יויך אין מויל און געלאַכט מיט אַ מין מאָדנעם געלעכטער.

פון הייליקנס מויל האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אַ קול ווי פון אַ פּוסטן פאַס; ער האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז ער האָט מיט דער האַנט צוגעהאַלטן דעם בויך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז פון אַזוי פיל לאַכן קענען נאָך אַרויס די געדערים.

האָבן זיינע נאָענטע מענטשן געוואָלט וויסן די סיבה פון היי־ליקנס לאַכן. געזוכט די סיבה און זי נישט געפונען. זיי האָבן ביי זיך געטראַכט, אַז עס איז זיכער פאַראַן אַ טיפע געהיימעניש אין בעל־שם־טובס לאַכן, און זיי האָבן באַשלאָסן אים בעטן, אַז ער זאָל זיי דערציילן דעם סוד.

זיי האָבן זיך פאַרנומען אַריינצוגיין צו אים, אָבער ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער טיר פון זיין צימער, איז זיי באַפאַלן אַ שרעק און זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק.

אָבער זיי זענען דאָך זייער נייגעריק געווען צו וויסן די סיבה פון זיין געלעכטער, האָבן זיי געזוכט אַן עצה, כדי הערן פון בעל־שם־טובס מויל, פאַר וואָס איז דער דאָזיקער פרייטיק צו־נאַכטס געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע שבתדיקע נעכט.

צווישן זיי איז געווען איינער אַן אַלטער ייִד, רבי קיצעס האָט ער געהייסן; און צוליב זיין אַלטקייט האָט ער געוואַגט אַמאָל זיך צו ווענדן מיט אַ וואָרט צום בעל־שם־טוב, וואָס ייִנגערע פאַר אים האָבן נישט געוואַגט צו טאָן.

רבי קיצעס פלעגט יעדן שבת־צו־נאַכטס צוקומען צום בעל־שם־טוב און אים בעטן, אַז ער זאָל אים דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט אין די אויבערשטע וועלטן אין פאַרגאַנגענעם שבת.

האָבן זיך די נייגעריקע חסידים געווענדט צו רבי קיצעס און אים געבעטן, אַז שבת־צו־נאַכטס זאָל ער בעטן דעם בעל־שם־טוב, אַז ער זאָל אים זאָגן די באַדייטונג פון זיין לאַכן.

רבי זאב קיצעס האָט זיי צוגעזאָגט צו דערגיין די אורזאַך און שבת־צו־נאַכטס, ווען רבי בעל־שם־טוב איז געזעסן, ווי זיין שטייגער, און פאַררויכערט זיין ליולקע, איז ער צוגעגאַנגען און פּשוט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס באַטייט דער נעכטיקער געלעכטער?

געוויינטלעך פלעגט דער בעל־שם־טוב זיך שבת־צו־נאַכטס פירן אַזוי:

נאָך הבדלה פלעגט זיין גוי איינשפּאַנען די קאַרעטע און ער, דער בעל־שם־טוב, פלעגט זיך אַרויפזעצן אויף איר און נאָך אים אַלע זיינע מענטשן, אַלע שבתדיק אָנגעטאָן, און זיי פלעגן אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט.

וואָס האָט באַטייט דאָס פאָרן?

דאָס האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, ביז עס זענען געקומען די גדולים פון צווישן די חסידים און זיי האָבן דאָס דערקלערט אַזוי:

דער היילינקער שבת שיידט זיך אָפּ און גייט אַוועק, ווי וועט דער בעל־שם־טוב קאָנען איינזיצן ביי זיך אין שטוב? דער אָפּשייד פון שבת איז עפּעס אַ שפּילעכל? ווערט אים ענג אין שטוב, מוז ער אַרויסגיין אין דער פריי.

און פאַרוואָס פאָרט ער מיטן גוי אַלעקסיי? עס איז שוין נישט געווען קיין ייִדישער בעל־עגלה? רבנים און חסידים וואָלטן דאָך געהאַלטן פאַר זייער העכסטן גליק איינצושפּאַנען זייערע פערד און פירן אים!

האָבן די גדולים פון די חסידים אויך געפונען אַן ענטפער אויף דער פראַגע:

ער פאָרט מיט אַלעקסייען, כדי זיך טרייסטן אויף דעם, וואָס דער שבת גייט אַוועק. אַלעקסיי איז טאַקע אויך אַ מענטש, אָבער דעם טעם פון שבת האָט ער אין זיין לעבן קיינמאָל נישט געפילט! דער ייִד פאַרזוכט כאָטש איינמאָל אין וואָך דעם טעם...

— אויב איר ווילט עס וויסן, בין איך גרייט אייך דאָס צו וויסן געבן! — האָט דער בעל־שם־טוב געענטפערט רבי קיצעס אויף זיין פראַגע, בעת דער גלאַנץ אין זיינע אויגן איז גרעסער געוואָרן.

און איידער ער איז אַרויף אויף זיין וואָגן, האָט ער געהייסן אַרויפלייגן אויף אים זיינע וואָכעדיקע קליידער, און די קליידער פון דער גאַנצער חברה.

— מיר פאָרן אין אַ וויטן וועג, — האָט ער געזאָגט, — זייער וויט; אויף אַ וועג פון עטלעכע הונדערט מייל.

אַז זיי זענען אַרויס פון שטאָט, האָט דער בעל־שם־טוב געהייסן

אַלעקסייען זיך אויסדרייען מיט דער פּלייצע צו די פערד און די לייצעס זאָל ער אַוועקלייגן אויף דער קעלניע.

— זאָלן די פערד גיין ווו זיי גייען, — האָט ער געזאָגט, — זיי וועלן אונדז שוין ברענגען צום פּלאַץ, וווהין איך דאַרף.

אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געפאָרן איבער פעלדער און וועלדער, בערג און טאָלן, און מיטאַמאָל האָט דער בעל־שם־טוב אַ געשריי געטאָן:

— אַלעקסיי!

אַלעקסיי האָט אויסגעדרייט זיין פּנים צו די פערד, גענומען די לייצעס אין די הענט, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין אַ שטאָט.

ווי נאָר אַ מענטש פון שטאָט האָט דערזען אָנקומען דעם וואָגן, איז ער צוגעקומען און אַריינגעקוקט אין בעל־שם־טובס פּנים. נאָך דעם האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט אינמיטן מאַרק און אויפן קול געשריגן:

— דער בעל־שם־טוב איז געקומען אין אונדזער שטאָט! — דער בעל־שם־טוב איז געקומען!

זענען זיך צונויפגעלאָפן אַלע מענטשן פון שטאָט, כדי צו באַגעגענען דעם בעל־שם־טוב; אויך דער קהילה־פּרעזידענט איז געקומען און געבעטן דעם בעל־שם־טוב, אַז ער מיט זיינע מענטשן זאָלן פאַרפאָרן צו אים.

דער בעל־שם־טוב האָט איינגעוויליקט און ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז פון קהילה־פּרנס, האָט ער זיך תיכף געשטעלט דאַוונען. ווען מען האָט אים פאַרבעטן, ער זאָל זיך זעצן צום טיש עסן אָנבייסן, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל פריִער נישט עסן, ביז איר וועט אַהער ברענגען רבי שבתי דעם איינבינדער.

דער פּרעזידענט האָט זיך פאַרוווּנדערט:

— רבי שבתי דעם איינבינדער?!...

— יאָ, יאָ! — האָט געענטפערט דער בעל־שם־טוב, — איך דאַרף זיך נויטיק זען מיט רבי שבתי דעם איינבינדער. טאָקע צוליב אים זענען מיר געפאָרן אַזוי ווייט ביז אַהער.

האָט מען געבראַכט צופירן רבי שבתי צום בעל־שם־טוב׳ן.

אָבער דער בעל־שם־טוב האָט אויך געהייסן שיקן נאָך רבי שבתיס פרוי.

די מענטשן האָבן זיך נאָך מער געוווּנדערט:

— וואָס האָט דער בעל־שם־טוב צו טאָן מיט אָט־די מענטשן? אָבער דעם בעל־שם־טוב נישט אויספאָלגן האָבן זיי נישט געקאָנט. ער הייסט ברענגען רבי שבתיס פרוי. — ווען זיי דאָס נישט טאָן?

האָבן זיי געבראַכט אויך שבתיס פרוי און ביידע האָבן זיי זיך געשטעלט פאַרן בעל־שם־טוב, און האָבן געציטערט פון שרעק און אויפרעגונג.

דער בעל־שם־טוב האָט זיך געווענדט צו זיי און זיי געפרעגט:

— וואָס האָט איר געטאָן דעם פאַרגאַנגענעם פרייטיק צו־נאַכט?

שבתי האָט זיך זייער דערשראָקן.

„איך האָב געטאַנצט מיט מיין ווייב, דאָס איז זיכער אַן עבירה און ער וועט מיר איצטער דערמאָנען די זינד“. — האָט ר׳ שבתי געטראַכט: — נאַ דיר, דו גראָבער יונג, טאַנצן מיט אַ ווייב, מעג דאָס אַפילו זיין מיט דיין אייגן ווייב! דער בעל־שם־טוב זעט און ווייסט פון אַלץ!

— איך בין גרייט צו נעמען אַ תשובה, כדי אָפּקומען די זינד! — האָט ר׳ שבתי קיים אַרויסגעשטאַמלט.

— האָסט נישט נייטיק קיין תשובה! — האָט אים דער בעל־שם־טוב באַרויקט. — ניין, ניין! — נאָר דערצייל מיר, וואָס דו האָסט געטאָן.

האָט ר׳ שבתי דערצ־ילט פאַר אַלע פאַרזאַמלטע די געשיכטע און ווען ער האָט געענדיקט דערציילן, האָט דער בעל־שם־טוב גע־זאָגט:

— ווען אָט־דער ייִד האָט געטאַנצט מיט זיין ווייב איז געוואָרן אַ גרילעכטער אין די אויבערשטע וועלטן. ער האָט געטאַנצט אין אַלע אין די הימלען האָבן מיטגעטאַנצט און געלאַכט. און אַז די גאַנצע אויבערשטע וועלט האָט אַזוי געלאַכט, איז ווי אַזוי האָב איך געקאָנט נישט לאַכן?

און דער בעל־שם־טוב האָט זיך געווענדט צו דער אַלטער און צו איר געזאָגט:

— דו קאָנסט דיר אויסקלייבן איינס פון די צוויי זאַכן: רייכ־קייט און כבוד פאַר דיין גאַנץ לעבן, אָדער האָבן אַ זון, וועלכן די וועסט געבוירן אויף דער עלטער.

די פרוי האָט געענטפערט:

— צו וואָס דאַרף איך אויף דער וועלט רייכקייט און כבוד? אָט ווער איך אַלט און אַז איך וועל שטאַרבן אָן אַ קדיש — איז צו וואָס טויג מיר געלט און כבוד?

— אויב אַזוי, זאָל זיין ווי דו ווילסט — האָט איר דער בעל־שם־טוב גע־זאָגט, — איבעראַיאָר אין דער צייט וועסטו האָבן אַ זון און זאָלסט אים אַ נאָמען געבן ישראל, ווי מיין נאָמען. ער וועט דיר פאַרשאַפן גרויס כבוד אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

ר׳ שבתיס פרוי האָט געבוירן אַ זון און רבי ישראל בעל־שם־טוב מיט זיין גאַנצער חברה זענען געקומען צום ברית און מע האָט דעם ניי־געבוירענעם קינד אַ נאָמען געגעבן ישראל, ווי דער נאָמען פון ישראל בעל־שם־טוב.

# דאָס לערנען פון ישראל ר׳ שבתיס זון

ישראל ר׳ שבתיס זון איז אונטערגעוואַקסן און געלערנט אין חדר. ער האָט שוין געלערנט חומש מיט רש״י און גמרא. ער האָט געלערנט זייער גוט. צו זיבן יאָר האָט זיך שוין נישט געפונען קיין מלמד פאַר אים אין שטאָט; אין תורה־עניינים האָט ער געוווּסט מער פון אַלע מלמדים פון זיין שטאָט און ער האָט אָנגעהויבן לערנען ביים רב פון שטאָט, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן אין תורה. אָבער ישראל האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט זיין רבינס תורה; בייטאָג פלעגט ער לערנען ביים רב און ביינאַכט פלעגט ער לערנען אַליין. זיין פאָטער, שבתי, האָט אים געפּרוּווט אָפּהאַלטן פון לערנען ביינאַכט, ווייל ער האָט געדענקט, אַז זיין זון איז שוואַך און ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט קראַנק ווערן.

אָבער דאָס קינד האָט זיך ביי אים געבעטן:

— לאָז מיך, פאָטער, איך האָב ליב צו לערנען תורה; לאָז מיך, איך בעט דיך!

ווען ביי ר׳ שבתין אין הויז וואָלטן זיך געפונען ספרים און ליכט, וואָלט ער זיין זון געלאָזט לערנען ביינאַכט אַ שעה אָדער צוויי. אָבער ער איז דאָך געווען אַ פּשוטער ייד; אויסער אַ סידור און אַ חומש, האָט ער קיין אַנדערע ספרים נישט געהאַט, און אַן

אָרעמאַן איז ער אויך געוועזן אַ גרויסער, האָט ער קיין ליכט אויסער שבת נישט אָנגעצונדן.

— ניין מיין קינד, איך וועל דיך נישט לאָזן! אויב דו וועסט גיין אין בית־מדרש וועסטו דאָרטן לערנען די גאַנצע נאַכט, וועסט זיך נישט אויסשלאָפן און נישט אָפּרוען און דאָס קאָן חלילה שלעכט ווירקן אויף דיין געזונט, — פלעגט שבתי אַריינטענהן מיט זיין געראָטענעם זון.

אָבער דאָס קינד האָט פאַרזיכערט זיין פאָטער, אַז מער ווי אַ שעה צייט יעדן אָוונט וועט ער אין בית־מדרש נישט לערנען. איז ר׳ שבתי אַוועק מיט זיין זון אין שול און געבעטן דעם שמש, אַז ער זאָל זיין ייִנגל געבן נישט מער ווי אַ קליין ליכטל, וואָס ברענט בלויז אַ שעה צייט.

***

מיט שרעק און ציטערניש איז ר׳ שבתי געשטאַנען איינער אַליין אין מאַרק און געקלאַפּט אין לאָדן ביים רב אינמיטן דער נאַכט. זיין זון, דאָס קינד, האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקערט פון בית־מדרש. ער האָט אויף אים געוואַרט אַ שעה, צוויי און דריי, און ער איז נישט געקומען.

וויסנדיק, אַז דאָס קינד פאָלגט אים שטענדיק און עס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז ער זאָל די עלטערן נישט אויס־פאָלגן, וואָס זיי זאָגן אים אָן, און ער האָט דאָך צוגעזאָגט אין אַ שעה אַרום צו זיין אין דער היים, פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט אומגעקערט, ד״ה, נישט געהאַלטן וואָרט, איז עס זיי געווען שטאַרק אויפפאַלנדיק און זיי באַאומרויִקט. ער האָט זיך בסדר געטראַכט:

— „וואָס האָט פּאַסירט מיט זיין קינד? ווו קען ער איצט זיין? אין בית־מדרש לערנט ער איצטער נישט, ווייל דער שמש גיט אים

אַ קליין ליכטל, וואָס ברענט קוים אַ שעה צייט, איז וואָס קען דאָס זיין?

דער פאָטער האָט געמיינט, אַז דאָס יינגל זיינס איז ביים רב. אפשר, האָט ער זיך לכתחילה געטרייסט, האָט ער עפּעס נישט פאַרשטאַנען אין גמרא, איז ער אַוועק פרעגן דעם רב און זיך מסתמא פאַרזאַמט ביז דער רב וועט אים געבן צו פאַרשטיין. אָבער, ווען עס איז געוואָרן שפּעט, שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער שוין מער נישט געקענט וואַרטן, און געקומען צום רב אים זוכן. אַז דער רב איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף און דערהערט, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט אויך גוט געוווסט, אַז דאָס קינד זאָגט נישט קיין ליגן און פאָלגט די עלטערן און די מלמדים. איז ווי אַזוי קאָן ער טאָן אַזאַ זאַך צו ערגערן אַזוי זיין פאָטער? — דער רב האָט געטראַכט, אַז מיטן קינד האָט עפּעס אַן אומגליק געטראָפן. האָט ער אויפגעוועקט זיין שמש און זאַלבע דריט זענען זיי אַוועק אין שול, כדי צו זען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן קינד.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום בית־מדרש, האָבן זיי באַמערקט, אַז פון די שפּאַלטן פון די לאָדן זעט זיך ליכט; זיי האָבן אַריינגעקוקט אינעווייניק און געזען, אַז דאָס יינגל זיצט און לערנט ביי אַ ליכטל, וואָס ברענט אויף זיין שטענדער.

די מענטשן האָבן זיך פאַרוווּנדערט סיי אויפן קינד און סיי אויפן שמש, וועלכער האָט אים געגעבן ליכט אויף אַ גאַנצער נאַכט. זיי זענען אַריין אין שול און דער רב האָט אָנגעהויבן מוסרן דאָס קינד:

— דו ווילסט דערפילן די מצוה פון תורה לערנען און די מצוה פון פאָלגן עלטערן לאָזטו אַדורך; האָסט פאַרגעסן, וואָס עס הייסט פאָלגן טאַטע־מאַמע!

ווען דאָס יינגל האָט דערהערט דעם רבס רייד און אויפגע־

היבן זיין פּנים פון ספר, אין וועלכן ער האָט געלערנט, איז אין זעלבן מאָמענט פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכטל און אַ געדיכטע פינצ־טערניש איז געוואָרן אין שול.

איז ר׳ שבתי שטאַרק אין כעס געוואָרן און אויסגעשריגן:

— דאָס ליכטל האָסטו פאַרלאָשן! דו אומפאַרשעמטער! דו עזות־פּנימניק! דו רעספּעקטירסט נישט אַפילו דעם רבי!

איז דעם רבס שמש אַוועק און אויפגעוועקט דעם שמש פון שול, זיי האָבן זיך באַלד אומגעקערט מיט ברענענדיקע ליכט אין האַנט.

— דו פאַרשעמסט דיינע עלטערן און מלמדים! האָט דער רב אַלץ געמוסרט דאָס יינגל.

און דאָס יינגל שטייט פאַר זיי און ציטערט פאַר שרעק און אימה:

— איך פאַרשעם נישט קיינעם! — האָט ער וויינענדיק גע־ענטפערט.

און דער שמש פון בית־מדרש שטייט און טענהט, אַז ער האָט אים געגעבן אַ קליין ליכטל, וואָס ברענט קוים אַ שעה צייט. דער רב איז געבליבן דערשטוינט.

— אויב אַזוי, איז פון וואַנעט האָסטו גענומען ליכט אויף אַ גאַנצע נאַכט? — האָט ער געפרעגט דעם קליינעם ישראל. און דאָס יינגל שטייט און וויינט.

— איך האָב נישט גענומען, דער שמש האָט מיר עס געגעבן און עס האָט געברענט ביז איר זענט אַהער געקומען! — האָט ער כליפּענדיק געענטפערט.

און דער שמש שטייט און טענהט:

— נישט ער האָט גענומען און נישט ער האָט געקענט נע־מען. די ליכט זענען פאַרשלאָסן אין קאַסטן און דעם שליסל האָב איך ביי מיר.

דאַן האָט דער רב פֿאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען: דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן לערנען אַן אַ מלמד און אָן אַ רב; איז געוואָרן אַ פֿרייד אין די הימלען און אַזוי ווי עס האָבן זיך געפֿרייט אַלע מלאכים, — איז ווי אַזוי האָט זיך דאָס ליכט געקענט אויסלעשן? ווען ער האָט אויפֿגעהערט לערנען, האָט זיך פֿאַרלאָשן דאָס ליכט.

— לאָז אָפּ דאָס יינגל! — האָט ער געזאָגט צום פֿאָטער; — זאָל ער טאָן, וואָס זיין האַרץ גלוסט.

און וועגן דעם נס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט, אַז אַ שעהדיק ליכטל האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט.

# ישראל ר׳ שבתים אַלס קאָזשעניצער מגיד

נאָכדעם ווי ישראל ר׳ שבתיס איז גרויס געוואָרן און חתונה געהאַט, איז ער באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט ווי אַ גרויסער למדן און הייליקער מאַן, און די קאָזשעניצער יידישע קהילה האָט אים באַשטימט פאַר אַ מגיד, ווייל ער איז געווען אַן אויסגעצייכנ־טער גוטער בעל־דרשן. ער פלעגט רעדן זייער שיין, און זיינע צו־הערער האָבן געהאַט גרויס פאַרגעניגן אים הערן דרשענען. ער פלעגט נישט פאָרשטעלן פאַר זיינע צוהערער די יסורים פון די רשעים אין גיהנום און די פאַרגעניגנס פון די צדיקים אין גן־עדן, ווי אַנדערע מגידים פלעגן זיך נוהג זיין, כדי אָנוואַרפן אויף זיי אַ שרעק פאַר די באַגאַנגענע זינד; ליב האָבן די מצות צוליבן צו־געזאָגטן פאַרגעניגן, נאָר ער פלעגט זיי לערנען דעם אמתן וועג אין לעבן, וואָס איז גלייכער פאַר זיי; ער פלעגט זיי וואָרענען פון צו באַגיין שלעכטע מעשים. דער פועל־יוצא איז געווען, אַז זיינע צו־הערער האָבן זיך אַזוי אַרום דערווייטערט פון דער מעגלעכקייט פון צו זינדיקן.

אָבער אין שטאָט האָבן זיך אויך געפונען שלעכטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט צוהערן צום מגידס תורה־דרשות



דאָס בילד ווייזט דעם גרויסן מגיד פון קאָזשעניץ רבי ישראל זצ"ל.

און זיי פלעגן אָפּלאַכן פון אים און פון זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן זיך דערווייטערט פון אַלע עבירות און זינד.

ווען מ׳האָט דערציילט דעם קאָזשעניצער מגיד, אַז עס געפינען זיך אין שטאָט מענטשן, וואָס לאַכן אים אויס צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער, האָט ער זיי געשיקט רופן, אַז זיי זאָלן צוקומען צו אים. אָבער זיי האָבן אים געשיקט זאָגן, אַז זיי זענען אַ סך און ער איז איינער, בכן: זאָל ער קומען צו זיי הערן זייער תורה.

דער מגיד האָט אויף דעם געענטפערט.

— זיי האָבן רעכט. איך וועל גיין צו זיי, אָבער זיי וועלן אויך קומען צו מיר.

עס איז נישט אַוועק קיין סך צייט, איז דער מגיד אַרויס אין מאַרק מיט הונדערטער מענטשן, כדי מחדש זיין די לבנה. די אָפּ־לאַכער, וואָס האָבן שוין פון פריִער געוווּסט, אַז דער רבי קומט מחדש זיין די לבנה, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין מאַרק און אָפּ־געלאַכט פון אים, אויסרופנדיק: — מיר האָבן אויסגעפירט און נישט דו! דו ביסט צו אונדז געקומען און נישט מיר צו דיר!

דער מגיד האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט און מיט התלהבות אָנגעהויבן מחדש זיין די לבנה מיט זיין זיסער איינגע־נעמער שטימע, וואָס דרינגט אַריין אין יעדנס האַרץ.

די אָפּלאַכער זענען געשטאַנען און זיך געשאָקלט און געמאַכט מיט די הענט און מיט די ליפּן, איבערקרימענדיק און אָפּחוזקנדיק פון מגיד מיט אַלע זיינע מענטשן. זיי האָבן אַזוי אַרום געשטערט דעם מגידס תפילה. די מענטשן אַרום מגיד האָבן געוואָלט צעטרייבן די רשעים, וואָס וואַגן אַזוינס צו טאָן, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגע־האַלטן פון אויפהייבן נאָך אַ גרעסערן טומל אין מאָמענט, ווען דער הייליקער מגיד איז אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין זיין תפילה.

פּלוצלונג זענען די אָפּלאַכער שטיל געבליבן, נישט קיין ריר טוענדיק מיט קיין אבר.

די מענטשן, וועלכע זענען געקומען מיטן מגיד, האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן חרטה געקראָגן, אָדער אַז דעם מגידס זיסע שטימע האָט זיי באַגייסטערט און זיי זענען מיטאַמאָל געוואָרן בעלי־תשובהניקעס. אויב אַזוי, האָבן זיי געטראַכט, וועלן זיי נאָכן מחדש זיין די לבנה זיך דערנענטערן צו זיי און זיי איינלאַדן אין מגידס הויז, כדי זיי זאָלן אויסהערן זיינס אַ דרשה, און זיי וועלן זיכער מער נישט אָפּלאַכן.

און אַזוי האָבן די מענטשן געטאָן: זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די אָפּלאַכער און זיי פאַרבעטן צום מגיד. אָבער יענע שטייען ווי צוגעשמידטע צו דער ערד און ענטפערן זיי נישט מיט קיין וואָרט אויף זייער העפלעכער פאַרבעטונג.

דעם מגידס מענטשן האָבן געמיינט, אַז מיט זייער פאַרגלי־ווערטן שטייך און נישט ענטפערן זיי אויף זייער איינלאַדונג, לאַכן זיי ווידער אָפּ פון זיי און זיי זוכן זיך אַזוי אַרום צו רייצן מיט זיי.

האָבן זיי געלאָזט זיי שטיין און זענען צוריק צו צום מגיד, כדי אים אָפּצופירן מיט געזאַנג און ליד ביז צו זיין היים, נישט לייגנדיק מער קיין אַכט אויף זייערע חוזק־מאַכער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען געקומען צולויפן די משפחה־מיטגלידער פון די אָפּלאַכער, איבערגעשראָקענע און מיט פאַרבראָכענע הענט און געבעטן דעם מגיד, אַז ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבן און פאַרגעבן די אָפּלאַכער, וועלכע שטייען אין מאַרק ווי פּאַראַליזירטע, אָן באַוועגונג, און אָן שפּראַך.

דער מגיד האָט זיי אויסגעהערט און געזאָגט:

— איך זאָל זיי פאַרגעבן? מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט לגבי מיר? זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן פון וואָס אָפּצולאַכן, נו, האָבן זיי אָפּגעלאַכט. זאָלן זיי קומען צו מיר, וועלן זיי זען, אַז עס איז נישטאָ פון וואָס אָפּצולאַכן, וועלן זיי שוין מער אַזוי נישט טאָן.

— אָבער ווי אַזוי זאָלן זיי קומען, — האָבן זיי געפרעגט דעם מגיד, — אַז זיי קענען זיך נישט רירן פון פּלאַץ?

— איר הייסט זיי קומען, — האָט דער מגיד זיי אָנגעזאָגט. — און אויב זיי וועלן נאָר וועלן, וועלן זיי שוין קאָנען...

אַז די קרובים פון די אַפּלאַכער האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי שנעל געלאָפן אין מאַרק און איבערגעגעבן פאַר די פּאַרגלי־ווערטע אַפּלאַכער דעם מגידס רייד. און תיכף זענען אַלע אַוועק צום מגיד, אַזוי ווי ער האָט זיי געלאָזט וויסן.

ער האָט זיי זייער שיין אויפגענומען און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך פאַר אים אַנטשולדיקט, — האָט ער זיי געזאָגט, ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט:

— איך, קינדערלעך, האָב אייך געבעטן, אַז איר זאָלט צוקומען צו מיר; שוין לאַנג, אַז איך האָב דאָס אייך געבעטן. נו, זענט איר איצטער געקומען, און גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר זענט גע־קומען.

פון דאַן אָן זענען די אַפּלאַכער געוואָרן די גרעסטע אָנהענגער פון וווּנדערלעכן מגיד, וועלכער האָט מיט זיין תורה און הערלעכע דרשות געלערנט די מענטשן דעם אמתן זין פון לעבן.

# דער קאָזשעניצער מגיד זוכט אויס אַ מאַן, וועלכער איז פאַרשוווּנדן

אַ פרוי איז אַריינגעקומען צום קאָזשעניצער מגיד רבי ישראל אין ביטער געוויינט.

— וואָס איז געשען?

איר מאַן, דער שניידער, האָט זי פאַרלאָזט און שוין אַ צייט אַז זי ווייסט נישט, וווּ ער געפינט זיך און זי האָט נישט קיין מעג־לעכקייט זיך מפרנס צו זיין.

דער מגיד האָט רחמנות געהאַט אויף איר און ער האָט באַפוילן, זי זאָל ברענגען אַ טעפּל פול מיט וואַסער.

— קוק אַריין אין וואַסער! — האָט ער געהייסן דער פרוי, — קיק גוט און וואָס דו וועסט דערזען, זאָלסטו מיר זאָגן.

זי האָט זיך איינגעקוקט און געזאָגט:

— איך זע אַ שטאָט, גאַסן און שטיבער. און אין די שטיבער אַרבעטן מענער און פרויען.

— זעסטו דיין מאַן? — האָט זי דער מגיד געפרעגט.

— איך זע אים, — האָט די פרוי געענטפערט, — ער פרעסט אַן אַרבל פון אַ מאַנטל.

— כאַפּ אַרויס דעם אַרבל און נעם אים צו! — האָט איר גע־הייסן דער מגיד.

די פרוי האָט אַזוי געטאָן. זי האָט אַרויסגענומען פון טעפּל וואַסער דאָס פּרעסל מיטן אַרבל, און דאַן האָט דער מגיד געזאָגט צו איר, אַז זי זאָל גיין אין יענער און יענער שטאָט, דאָרט אַריינ־גיין צום רב און אים זאָגן, אַז איר מאַן וווינט דאָ מיט אַ צווייטער פרוי און אויב ער וועט לייקענען און זאָגן, אַז זי איז נישט זיין פרוי, זאָל זי אים ווייזן די ווונדערלעכע סימנים אין איר האַנט.

די פרוי איז אַוועק און אַלץ געטאָן ווי דער מגיד האָט איר געהייסן.

ווען דער רב פון יענער שטאָט האָט אויסגעהערט דער פרויס רייד, האָט ער געמיינט, אַז די פרוי איז געווירט פון זינען:

— דאָס הייסט, אַז דאָרטן, אין אַ ווייטער שטאָט, אין קאָזשעניץ, האָסטו געזען, ווי דיין מאַן מאַכט זיין אַרבעט אַזש דאָ אין שטאָט. און דאָרטן האָסטו אַרויסגעכאַפּט דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט!

די פרוי האָט אַרויסגענומען פון איר רענצל דאָס פּרעסל און דעם אַרבל, וואָס זי האָט געהאַט אַרויסגעכאַפּט פון טעפּל וואַסער אין קאָזשעניץ פון איר מאַנס האַנט, און האָט דאָס אַוועקגעלייגט פאַרן רב.

— דאָס פּרעסל איז אַ פּרעסל און דער אַרבל איז אַן אַרבל. און קאָזשעניץ איז ווייט! — האָט דער רב אַ זאָג געטאָן און נישט געוואָלט איין אַכט די פרוי מיט איר רייד.

אָבער די פרוי האָט אים שטאַרק געבעטן און נישט געוואָלט אַוועקגיין פון זיין שטוב, ביז ער וועט שיקן רופן איר מאַן. אין כדי פּטור ווערן פון דער „משוגענער“, האָט דער רב דערפילט איר פאַרלאַנג. ער האָט איר זיך געהייסן באַהאַלטן אין דערבייאיקן צימער, כדי דער מאַן זאָל זי נישט זען, ווען ער וועט אַריינקומען אַהין.

עס איז אַריינגעקומען דער פּרויס מאַן און דער רב האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים דאָס פּרעסל מיטן אַרבל, וואָס די פרוי האָט געבראַכט, און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— דערקען, דאָס איז דיינס?

דער מאַן האָט אַ קוק געטאָן, און אויסגעשריגן ווי דערשטוינט:

— דאָס איז מיינס, אוודאי מיינס! פון וואַנעט קומט דאָס צו דיר, רביי?!

און דער שניידער האָט דערציילט דעם רב, אַז אין אַ טאָג איז ער געשטאַנען און געפּרעסט, און פּלוצלונג איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זיינע הענט דאָס פּרעסל מיטן אַרבל און פאַרשווונדן געוואָרן.

אַז דער רב האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך שטאַרק גע־וווּנדערט און איז איבערצייגט געוואָרן, אַז די פרוי איז גאָרנישט משוגע.

— דיין פרוי האָט עס אַרויסגעשלעפּט פון דיינע הענט און האָט דאָס געבראַכט אַהער, — האָט אים דער רב געזאָגט. ער האָט אַ ווונק געטאָן צו דער פרוי פון צווייטן צימער, אַז זי זאָל זיך שטעלן פאַרן מאַן.

דער מאַן האָט גאָרנישט געקענט אָפּלייקענען און זאָגן אַז די פרוי איז נישט זיינע; ער איז געווען געצוווּנגען געבן איר אַ גט און אויך זיין צווייטע פרוי אָפּגטן לויטן דין.

# דער קאָזשעניצער מגיד הייסט זיינעם אַ חסד זיין אַ גנב

דאָס איז אַ מעשה מיט איינעם אַ חסיד, וואָס איז אַריינגעקומען צום קאָזשעניצער מגיד, אים געבעטן און געשריגן:

— רבי, העלף מיר!

דער דאָזיקער חסיד איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט פאַרלאָרן זיין געלט אין פאַרשידענע געשעפטן און ער האָט שוין אויסגעפאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געהאַט: די צירונג, די מעבל, אַפילו די שבתדיקע מלבושים פון זיין משפחה, און איצטער איז ער געבליבן נאַקעט און באָרוועס, און ער האָט אַפילו נישט קיין שטיקל ברויט אין שטוב. די קינדער וויינען, דאָס ווייב קלאָגט; צו וואָס ער נעמט זיך גייט נישט. ווען ער וואָלט געהאַט אַ ביסל געלט, וואָלט ער עפעס ווייטער פרוון פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, האָט ער אָבער נישט פונוואַנעט עס צו נעמען.

— איך וועל פון דאַנעט נישט אָפּטרעטן! — האָט דער חסיד געזאָגט, — ביז איך וועל געהאָלפן ווערן!

— ווער אַ גנב! — האָט אים אין קורצן געענטפערט דער מגיד.

דער חסיד איז געבליבן שטיין ווי צעטומלט:

— אַ גנבֿ! נישט אויספּאָלגן דעם געבאָט פון „נישט גנבֿענען", פון „לא תגנוב" נישט אויספּאָלגן?!

— אַ גנבֿ, אַ גנבֿ דאַרפסטו ווערן! — האָט אים געזאָגט דער מגיד, — נישטאָ קיין אַנדער עצה.

אַ דערשלאָגענער איז דער חסיד אַוועק אַהיים, ווו עס איז געווען אַן אמתער חורבן: די קינדער וויינען פון הונגער; זיין פרוי זיצט ווי פאַרחלשט; זי קען נישט איבערטראָגן דעם צער פון די אויסגעהונגערטע קינדער. און ביי אים גופא גרימען די געדערים אין בויך, און ער קאָן דאָס נישט איבערטראָגן.

און אויף וואָס צו וואַרטן האָט ער נישט געהאַט. האָט ער באַשלאָסן צו פאָלגן דעם מגיד און ווערן א גנבֿ.

„דער רבי האָט מיר געהייסן! — האָט ער געטראַכט, — איך וועל טאָן, וואָס ער האָט מיר געהייסן און נישט אויף מיר וועט פאַלן די עבֿירה".

ביינאַכט איז ער אַרויסגעגאַנגען און אויפגעבראָכן אַ שלאָס פון אַ קלייט און אַרויסגענומען פון דער קאַסע אַ זילבערנעם טאָלער.

„בכדי נאָר זיך צו ראַטעווען פון הונגער גנבֿע איך", — האָט דער חסיד זיך געטרייסט, — זאָל איך נאָר עפּעס פאַרדינען, וועל איך דעם טאָלער אָפּגעבן דעם באַלעבאָס.

אינדערפרי, ווען דער באַלעבאָס איז אַריין אין קלייט און געזען, אַז די טיר איז אָפן, האָט ער אויפגעהויבן אַ געוואַלד:

— מען האָט מיך באַגנבֿעט!

אויף זיין געשריי זענען אָנגעקומען מענטשן, אָבער פון קלייט האָט גאָרנישט געפעלט: ער האָט געזוכט און גענישטערט און מער ווי אַ זילבערנער טאָלער האָט אים נישט געפעלט.

דער חסיד האָט פאַרן טאָלער געקויפט ברויט; ער מיט זיין פרוי און קינדער האָבן אָפּגעגעסן און געקומען אַ ביסל צו זיך. און ווען דאָס ברויט האָט זיך געענדיקט, איז ער אַרויס אין גאַס און

פונקט ווי דאָס ערשטע מאָל, האָט ער ווידער געגנבעט נישט מער ווי אַ טאַלער, כדי נאָר צו דערהאַלטן דאָס לעבן מיט אַ שטיקל ברויט. אַזוי האָט ער געטאָן אַ סך מאָל.

די מענטשן פון שטאָט האָבן געטומלט און זיך געוווּנדערט אויפן מאָדנעם גנב:

— איז דאָס נישט אַמאָל אַ לץ, וואָס לאַכט אָפּ פון אונדז? אָדער אפשר זענען עס גאָר שדים, וואָס שפּילן זיך אין שטאָט? — פלעגן די קלייטניקעס און די קויפער ריידן צווישן זיך.

די, וועלכע האָבן געהאַט קלייטן, האָבן אַוועקגעשטעלט היטער לעבן יעדער קלייט. אָבער דעם גנב האָט מען נישט געכאַפּט; אַלע פּאָר טעג פלעגט אויפגעבראָכן ווערן אַ שלאָס פון אַ קלייט און עס פלעגט פעלן אַ טאַלער, און די היטער האָבן נישט באַמערקט.

זיין מזל איז בייגעשטאַנען דעם גנב, וואָס מען האָט אים נישט געפאַקט.

אַז דער עלטסטער פּאָליציאַנט פון שטאָט האָט דערהערט די געשיכטע, האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן אויף די שומרים, די היטער, פאַר וואָס זיי גיבן נישט אַכטונג ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגיין אַליין ביינאַכט און זען, צי די היטער גיבן אַכטונג, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט געזען, אַז אַלע היטער שטייען לעבן די קלייטן. ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים און זיך געלייגט שלאָפן. צו מאָרגנס, אינדערפרי, האָט מען אים איבערגעגעבן, אַז אין איינער אַ קלייט האָט מען אויפגעבראָכן די טיר און פון קלייט האָט, ווי שטענדיק געפעלט אַ זילבערנער טאַלער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך דער פּאָליציי־קאָמיסאַר אָנגעטאָן אַ ציווילן מלבוש און ער איז אַרויס אַליין אויסקוקן און לויערן אויפן גנב פון די זילבערנע טאַלערס; ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט געכאַפּט דעם גנב, וועלכער האָט זיך ביי אים געבעטן און געוויינט פאַר אים, זאָגנדיק:

— איך בין נישט קיין גנב און נישט קיין גנבס אַ קינד. נאָר כדי צו ראַטעווען מיינע קינדערס לעבן פון הונגער, גנבע איך בלויז איין טאָלער, בכדי צו קויפן ברויט.

— איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, — האָט געשריגן דער פאַר־שטעלטער פּאָליציאַנט, — איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן! איך וועל דיך פירן צום עלטסטן פון די פּאָליציאַנטן.

אַזוי ווי דער גנב האָט זיך זייער שטאַרק געבעטן ביי אים, האָט ער באַשלאָסן אים אויסצופּרווון און ער האָט געזאָגט צו אים:

— איך וועל דיר שענקען דיינע מעשים, אויב דו וועסט זיך אַריינגנבענען צום גענעראַל פון שטאָט און ביי אים אַרויסגנבענען דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס ער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק גע־בראַכט פון איינעם פון די לענדער, און מיר וועלן זיך דערמיט איינטיילן אויף גלייכע טיילן. דו ביסט זייער אַ פעיִקער און קענסט זייער גוט די אַרבעט פון גנבענען, און דיר וועט נישט זיין שווער זיך אַריינצוגנבענען אַהין! — האָט דער פאַרשטעלטער פּאָליציי־עלטסטער געזאָגט.

און דער חסיד שטייט און בעט זיך:

— לאָז מיך אָפּ! איך בין נישט קיין גנב און איך וועל נישט גיין גנבענען קיין גרויסע פאַרמעגנס און אַ סך געלט; איך גנבע נאָר אַן איינציקן טאָלער.

אָבער דער פאַרשטעלטער פּאָליציאַנט האַלט זיך ביי דאָס זיי־ניקע:

— איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, נאָר בתנאי, אויב דו וועסט גיין אַרויסגנבענען דאָס געלט ביים גענעראַל.

אַז דער חסיד האָט געזען, אַז ער קאָן זיך נישט אַרויסדרייען, האָט ער אים צוגעזאָגט אייסצופירן, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים. אָבער ביי זיך אין האַרצן האָט ער אַנדערש געטראַכט: ער האָט גע־

טראַכט, זיך אַריינצוגנבענען אַהין און זיך אומקערן און זאָגן, אַז קיין שום געלט האָט ער דאָרטן נישט געפונען.

דער חסיד איז אַוועק און זיך אַריינגעגנבעט אין דעם הויף פון גענעראַל בעת דער פּאָליציי־מאַן איז געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט. נאָך אייניקע מינוט האָט זיך דער „גנב" אומגעקערט און שטילערהייט געזאָגט צום פאַרשטעלטן פּאָליציימאַן:

— עס איז נישט נייטיק צו גנבענען; אויך אָן גנבה קענען מיר רייך ווערן און דערצו נאָך ראַטעווען דאָס לעבן פון גענעראַל פון שטאָט, וועלכער האָט, ווי דו זאָגסט, געבראַכט אַ גרויסן פאַרמעגן.

אז דער נאַטשאַלניק האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך דער־שראָקן:

— וואָס זאָגסטו? — האָט ער אים האַסטיק אַ פרעג געטאָן.

דער „גנב" האָט אים דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך צוגע־גנבעט צו דער קאַמער, ווו דאָס געלט ליגט באַהאַלטן, האָט ער געהערט, ווי די דינער פון גענעראַל רעדן צווישן זיך און פּלאַנע־ווען, ווי אַזוי צו דערמאָרדן דעם רייכן גענעראַל. איינער האָט גע־זאָגט: איך וועל מאָרגן אינדערפרי אַריינגיסן גיפט אין געטראַנק, וואָס דער גענעראַל טרינקט יעדן פרימאָרגן און מיטן געלט וועלן מיר זיך דערנאָך ריכטיק איינטיילן! אַזוי האָב איך געהערט, ווי ייי האָבן געזאָגט.

— לאָמיר גיין דאָס צו וויסן געבן דעם גענעראַל, — האָט דער חסיד געזאָגט צום עלטסטן פּאָליציימאַן, — און ער וועט אונדז רייך מאַכן.

דאַן האָט דער פּאָליציי־עלטסטער דערציילט דעם חסיד ווער ער איז. ער איז אַ הויכער באַאַמטער פון דער רעגירונג. ער האָט זיך אָפּגערעדט מיטן חסיד, אַז צומאָרגנס אינדערפרי זאָל ער צו־קומען צו אים.

דער רעגירונגס־באַאַמטער איז גלייך אַוועק צום גענעראַל און

אָכדעם ווי ער האָט אויסגעפונען, אַז דעם „גנבס" רייד זענען גע־
וען ריכטיק, האָט ער די דינער צוגעשטעלט צום געריכט, און נאָך
־עם ווי דער משפט האָט זיך פאַרענדיקט, איז דעם חסיד געגעבן
עוואָרן אַ גרויסע סומע געלט.



דאָס איז אַ כתב־יד פאָטאָקאָפּיע פון רבי ישראל דער מגיד פון קאָזשעניץ זצ"ל.

דער חסיד איז דאַן אַוועקגעפאָרן קיין קאָזשעניץ, כדי צו באַ־דאַנקען זיין רבין, דעם מגיד, פאַר דער גרויסער הילף, וואָס איז אים געקומען פון די „גנבות".

— ביסט בייגעשטאַנען דעם נסיון! — האָט דער מגיד אויס־גערופן, דערזעענדיק אים אויפן שוועל פון זיין טיר. — דו ביסט בייגעשטאַנען דעם נסיון און ביסט רייך געוואָרן!

דער חסיד האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער מגיד מיינט מיט זיינע רייד; ער האָט נישט געוווסט, פאַרוואָס ער איז געפּרוּווט גע־

וואָרן מיטן נסיון פון גנבה. אָבער דער מגיד האָט אים דערקלערט, דורך דערציילן אים אַ מעשה:

— געווען איז אַן ערלעכער מאַן, וועלכער איז ראַיעל אָנגע־גאַנגען מיט זיינע געשעפטן; נישט אָפּגענאַרט און נישט באַרויבט. ווען געקומען די מליצי־יושר און גערעדט גוטס פאַרן כסא־הכבוד:

— דער מאַן איז אַן ערלעכער און עס איז כדאי, אַז ער זאָל באַגליקן אין זיינע געשעפטן און ווערן רייך.

האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די שלעכטע מלאכים וואָס ריידן אָן, די מקטרגים, און געטענהט:

— ער באַשווינדלט נישט און באַרויבט נישט, ווייל ער ניי־טיקט זיך נישט אין דעם; ווען ער וועט דאַרפן, וועט ער זיין אַ שווינדלער און אַ גנב.

איז אים אַוועק שלעכט אין די געשעפטן, אָבער ער האָט זיך אַלץ געפירט ערלעך; ער האָט נישט אָפּגענאַרט קיינעם און נישט באַרויבט. האָבן זיך אומגעקערט די גוטע מלאכים און ווידער גע־רעדט גוט פאַר אים:

— עס איז כדאי ער זאָל ווערן אַ גרויסער גביר.

און די מקטרגים האָבן געזאָגט:

— ער שווינדלט נישט, ווייל ער ווייסט נישט, ווי מען שווינדלט אָפּ; ער רויבט נישט, ווייל ער ווייסט נישט, ווי מען באַרויבט: ער איז אַ תם. ווען ער קאָן גנבענען, וואָלט ער געגנבעט ווי אַלע גנבים.

האָט מען זיך געדאַרפט איבערצייגן אין זיין ערלעכקייט, האָט דער מגיד געענדיקט זיינע רייד. — דו קענסט גוט גנבענען און האָסט נישט געגנבעט; געגנבעט נאָר בלויז, כדי צו ראַטעווען דיין הייזגעזינד מיטן שטיקל ברויט; דערפאַר ביסטו ווערט צו רייך ווערן און זיין אַ גרויסער גביר.

פון דאַן אָן איז דער חסיד געוואָרן אַ גרויסער עושר און אַ סך פון זיין געלט פאַרטיילט צווישן אָרעמע.

# נאַפּאָלעאָן און דער קאָזשעניצער מגיד

דאָס איז פאָרגעקומען אין די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן.

נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, קייסער פון פראַנקרייך, וועלכער האָט איינגענומען אַ סך שטעט און לענדער, איז אַריין אין מלחמה אויך מיט רוסלאַנד און זיין מיליטער איז דורכגעגאַנגען די וועגן פון פוילן. איינער פון זיינע גרויסע מיליטער־קאָמפּאַמענטן האָט דאַן געלאַגערט אין די וועלדער נאָענט פון דער שטאָט קאָזשעניץ. דער גענעראַל פון קאַמפּאַמענט, וועלכער האָט זיך אָנגעהערט אַ סך וווּנדערלעכע דערציילונגען פון קאָזשעניצער מגיד, האָט אים געשיקט רופן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים בענטשן מיט הצלחה און גליק אין זיין וועג.

אָבער דער מגיד האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן.

ווען דער גענעראַל האָט אים געשיקט רופן אַ צווייטן מאָל, האָט ער נישט געוואָלט גיין און בפירוש אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זאָגן דעם גענעראַלס שליח, אַז דער מגיד פון קאָזשעניץ וויל צו אים נישט גיין און וויל אַפילו זיין פּנים נישט אָנקוקן.

— און אויב ער וועט קומען צו מיר, — האָט דער מגיד געזאָגט, — וועל איך הייסן פאַרמאַכן די טיר פאַר אים.

אַז זיינע נאָענטע אין די שטאָט־פירער האָבן דערהערט, וואָס ער האָט געהייסן ענטפערן דעם גענעראַל, איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַן אימה. זיי האָבן פאַרהאַלטן דעם גענעראַלס שליח און זיך געבעטן ביים מגיד, אַז ער זאָל צוגיין צום גענעראַל. ווייל אויב נישט, וועט ער אַריינפאַלן אין כעס און אויסלאָזן זיין גרימצאָרן אויף אים און אויף אַלע יידן פון שטאָט.

אָבער דער מגיד האָט זיי נישט געוואָלט הערן.

— איך וועל נישט גיין! — האָט ער געזאָגט אין אַ זיכערן טאָן

און אַזוי ווי מען האָט אים זייער שטאַרק געבעטן, האָט ער זיי געזאָגט:

— ער פעלשט אין זיין קעניג און ער פאַרדינט דעם טויט. ער איז אַ פאַררעטער!

און טאַקע אין זעלבן טאָג איז דער גענעראַל אומגעקומען. ער האָט זיך אַליין דערשאָסן.

און די מעשה דערפון איז געווען אַזוי:

דער פראַנצויזישער גענעראַל האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו איינעם אַ גענעראַל פון רוסישן קייסער און אים איבערגעשיקט דורך איינעם אַ יידן. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָנגעשריבן אַ צווייטן בריוו צו נאַפּאָלעאָנען און אים אויך געשיקט דורך אַ ייד. אין בריוו צום רוסישן גענעראַל האָט ער געשריבן, אַז פאַר אַ גרויסן פרייז אין גאָלד איז ער גרייט אַריבערגיין מיט זיין גאַנץ מיליטער און צו־שטיין צו די רוסישע חילות און מלחמה האַלטן מיט נאַפּאָלעאָנס סאָלדאַטן; און אין בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו נאַפּאָלעאָנען, האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז ער מיט זיינע סאָלדאַטן זענען גרייט צו יעדן מאָמענט אַוועקגעבן זייער לעבן פאַרן כבוד פון זייער קעניג און זיין הייכקייט און מיט אומגעדולד דערוואַרטן זיי דעם באַפעל, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין קעמפן קעגן זייערע שונאים. די צוויי יידישע

שליחים מיט די בריוו האָבן זיך אין וועג געטראָפן אין דער זעל־בער אכסניה.

דאָס איז געווען ערב־שבת. און כדי זיך נישט אַרומטראָגן שבת מיט זאַכן, וואָס זענען מוקצה, האָבן זיי אַרויסגענומען פון זייערע קעשענעס אַלע קעגנשטאַנדן, און צווישן זיי אויך די בריוו, און זיי איבערגעגעבן דעם באַלעבאָס פון דער אַכסניה, ער זאָל דאָס באַהאַלטן ביז איבער שבת. שבת צו־נאַכטס האָט דער אייגנטימער פון דער אכסניה זיי איבערגעגעבן די זאַכן, אָבער איילנדיק זיך, האָט ער פאַרביטן די בריוו, און דעם ייִדן, וואָס האָט געדאַרפט גיין צום רוסישן גענעראַל, האָט ער געגעבן דעם בריוו, וואָס איז געווען געשריבן פאַר נאַפּאָלעאָנען, און דעם בריוו געשריבן פאַר נאַפּאָלעאָנען, האָט ער געגעבן דעם ייִדן, וואָס איז געגאַנגען צום רוסישן גענעראַל.

אַז נאַפּאָלעאָן האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און געזען, אַז דער פאַלשער גענעראַל וויל אים פאַרראַטן, איז ער שרעקלעך אויפּגעבראַכט געוואָרן און זיין צאָרן האָט געברענט אין אים. ער איז געווען גרייט אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל הענגען דעם פאַררעטער. אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרשפּרייטן דעם קלאַנג, אַז איינער פון זיינע גענעראַלן איז אים געווען אומטריי, און אויך נישט פאַרשעמען די סאָלדאַטן פון פאַררעטערישן גענעראַל, האָט ער אים צוגעשיקט אַ רעוואָלווער. האָט דער גענעראַל פאַרשטאַנען דעם ווונק מיט דער „מתנה", וואָס דער קייסער האָט אים צוגעשיקט, און ער האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן.

איז דערגאַנגען צו נאַפּאָלעאָנען די ניַיעס, אַז אין קאָזשעניץ געפינט זיך אַ מגיד, וועלכער האָט נישט געוואָלט צוגיין צום גענעראַל, וועלכער האָט דאָס פון אים פאַרלאַנגט, און אַז ער האָט געזאָגט, אַז ער ייִט נישט, ווייל דער גענעראַל פאַרראַט זיין קעניג. האָט נאַפּאָלעאָן פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער ייִדישער רבי

דאַרף זיין אַ היילוקער, און ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט האָבן זיין ברכה, איידער ער גייט אַרויס מיט זיין מיליטער אין מלחמה. האָט זיך נאַפּאָלעאָן אָנגעטאָן ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט און אַוועקגעפאָרן קיין קאָזשעניץ.

יענעם טאָג וואָס נאַפּאָלעאָן איז אָנגעקומען אין קאָזשעניץ, איז געווען פּורים, און דער מגיד איז געשטאַנען אין זיין בית־מדרש און געליינט די מגילה מיט זיין זיסער שטימע און גרויס התלהבות, ווי זיין שטייגער איז געווען. — אָבער מאָדנע, אָנשטאָט דעם, וואָס ער פלעגט שטענדיק לייענען וואָרט אין וואָרט, פּסוק אין פּסוק, האָט ער איצטער געלייענט זייער שנעל, זיך נישט אָפּשטעלנדיק, נייערט אָן אָפּשטעל האָט ער געלייענט וואָרט נאָך וואָרט, פּסוק נאָך פּסוק, אַ פּרשה נאָך אַ פּרשה, און אַזוי כסדר.

און מיטאַמאָל האָט דער מגיד אַ געשריי געטאָן מיט אַ פעסטן טאָן:

„נפל תפל! ועסט פאַלן! ועסט פאַלן! (דאָס, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער מגילה, ווען זרש, המנס ווייב, זאָגט־פאַר איר מאַן, המנען, אויף זיין ערשטער מפּלה: האָסטו שוין אָנגעהויבן פאַלן (פאַר די יידן), וועסטו שוין פאַלן און פאַלן „נפל תפּל"). און ווידער איז זיין שטימע געוואָרן ווייך, מילד און אנגענעם און ער האָט איצט געליינט וואָרט ביי וואָרט, זיך אָפּגעשטעלט. ווו מען דאַרף, ווי זיין שטייגער. די מענטשן אין שול האָבן זיך געחידושט: וואָס איז דאָס מיט אים?

זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז אַ סאָלדאַט איז אַריינגעקומען אין שול. אָבער זיי האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, עס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיליטערלייט און גוים קומען זען און הערן זייער מגיד, וועלכער האָט געשמט מיט זיינע וווּנדער, מיט זיינע זיסע תפילות און דרשות. האָבן זיי זיך ווייטער צוגעהערט צו דער מגילה און אויפן פּרעמדן קיין שום אַכט נישט

געלייגט. אָבער ווי נאָר דער מגיד האָט געענדיקט די מגילה, האָט ער אויסגעדרייט זיין פּנים צום פרעמדן סאָלדאַט און אויפן קול אויסגערופן:

— ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם! — די ברכה, וואָס מען מאַכט, ווען מען דערזעט אַ קעניג.

די פּאַרזאַמלטע האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן; זיי האָבן פאַר־שטאַנען, אַז דער פרעמדער איז אַ קעניג; זיי האָבן נישט געוווּסט, איבער וועלכער מדינה ער קעניגט. אפשר איז ער דער קעניג פון פראַנקרייך, וואָס געוועלטיקט איבער אַ סך לענדער, אָדער אַן אַנדער קעניג; יעדנפאַלס האָבן זיי אים געדאַרפט אָפּגעבן כבוד ווי אַ קעניג, און זיי האָבן אויף אים אַפילו זיך נישט אומגעקוקט. וועט ער נישט זוכן נקמה נעמען אין זיי?

אָבער אָט איז צו אים צוגעקומען דער מגיד: ער האָט אים אַ ווונק געטאָן מיטן פינגער, אַז ער זאָל זיך זעצן אויף דער באַנק, וואָס הינטערן ארון־קודש, און ער מיט די פאַרזאַמלטע האָבן גע־ענדיקט דאַווענען שחרית, ווי דער דין איז. דערנאָך האָט דער מגיד געבעטן דעם פרעמדן, אַז ער זאָל מיט אים אַריין אין זיין צימער. דער פרעמדער האָט איינגעשטימט און איז אים נאָכגעגאַנגען. דער מגיד האָט מיט גרויס כבוד אים געזעצט אויף זיין שטול און ער איז פאַר אים געשטאַנען ממש ווי אַ קנעכט פאַרן מלך.

און דער פרעמדער האָט געפרעגט דעם מגיד צוויי פראַגעס: פון וואַנעט ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ קייסער. און אויב ער האָט שוין יאָ געוווּסט, איז פאַרוואָס האָט ער אים נישט צוגע־טיילט דעם געהעריקן כבוד גלייך ווי ער איז אַריין אין שול, — פאַרוואָס האָט ער נישט אויפגעהערט לייענען?

דער מגיד האָט אים געענטפערט:

— דו, קייסער, ביסט דען אַריינגעקומען אַליין? דער מלאך, וואָס גייט פאָרויס יעדן קעניג, איז מיט דיר געקומען. (אַזוי שרייבט

זיך אין די אַמאָליקע ספרים, אַז פאַר יעדן קעניג גייט אַ מלאך אין היט אים).

האָט דער פרעמדער ווייטער געפרעגט:

— פון וואַנעט האָסטו געוווסט, אַז איך בין אַ קייסער און נישט סתם אַ קעניג?

און דער מגיד האָט אים געענטפערט:

— דיין מלאך, וואָס גייט פאַר דיר, איז שטאַרקער פון די אַנדערע מלאכים, און ער האָט איינגענומען אַ סך אַנדערע. איך האָב אים דערזען און פאַרשטאַנען, אַז דו ביסט דער קייסער נפּול...

דער מגיד האָט זיך פאַרטראַכט אייניקע סעקונדן און דערנאָך געזאָגט:

— שטאַרק און מעכטיק איז דער האַר, וואָס גייט פאַר דיר, דיין מלאך; אָבער ווען דו ביסט אַריין אין שול, בין איך דאַן געשטאַנען פאַרן האַר איבער האַרן און מלאכים, פאַר דעם, וועלכער שטעלט אויף האַרן, דערהייבט זיי און דערנידעריקט זיי און ער וואַרפט זיי אויך אַריין אין גרוב.

דער מגיד האָט אויפגעהויבן זיינע הענט און מיט אַ הויכער שטימע אויסגערופן:

— און דו, ג־ט, ביסט דאָך דערהויבן אויף אייביקע אייביקייטן. און געוועלטיקסט איבער אַלע האַרן!

נאַפּאָלעאָן האָט זיך אַ שטעל־אויף געטאָן פאַרן מגיד און זיך געבעטן:

— רבי, בענטש מיך, אַז איך זאָל אַרויס דער זיגער אין דער מלחמה.

אַז דער מגיד האָט דערהערט זיין בעטן, איז ער רויט געוואָרן ווי פייער. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, ווי זוכנדיק אַן עצה, ווי אזוי צו אַרויסקומען פון דער פאַרלעגנהייט. ער איז

געווען ווי פאַרלאָרן. אָבער מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט און אַ זאָג געטאָן:

— זאָל זיין דער ווילן, אַז דו זאָלסט שלאָגן דיינע פיינט!

אָבער „באַזיגן" זיי — דאָס האָט דער מגיד נישט געזאָגט.

***

און איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז נאַ־פּאָלעאָנס מיליטער שטויסט אָפּ צוריק דאָס רוסישע מיליטער; אַז ער גייט און פאַרנעמט; ער גייט און מאַכט וויסט; איינער פון נאַ־פּאָלעאָנס סאָלדאַטן פאַריאָגט טויזנט רוסישע סאָלדאַטן.

אַז דער מגיד האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט און אויס־געשריגן:

— שלאָג! שלאָג! נעם איין! נעם איין! יאָג נאָך! יאָג נאָך! מאַך וויסט! מאַך וויסט!

ער האָט זיך צוריקגעקערט, זיך געזעצט אויף זיין שטול און זיך פאַרטראַכט אין זיינע מחשבות. ער האָט צוריקגעבויגן זיין קאָפּ מיט די אויגן אין דער הויך און פון זיין מויל זענען אַרויס אָט־די ווערטער:

— זיי שלאָגן ייִדן און יאָגן זיי נאָך מיט צאָרן; מדינות האָבן פאַרוויסט די רשעים, מדינות פול מיט ייִדן, פאַרוויסט זייערע הייזער, צוגענומען זייער פּראַצע, זיי געהרגעט, געממיתט זיי. זיי האָבן געמיינט, אַז עס איז נישטאָ קיין דין און קיין ריכטער. זאָלן זיי דער־פאַר געשלאָגן און געיאָגט ווערן; זייערע הייזער זאָלן ווערן וויסט און זייערע שטעט — באַזיגט.

דער מגיד איז ווידער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול, צוגעגאַנ־גען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט און געזאָגט:

— און דו, גרויסהאַלטער, עגאָיסט, וואָס טראַכסטו דיר? מיינסט, אַז די גאַנצע וועלט איז הפקר און דו וועסט איינגעמען די גאַנצע וועלט?! וועסט צעטומלען פעלקער, צונישט מאַכן רעליגיעס? ג־ט איז אין הימל און דו — אויף דער ערד! „על דאטפת אטפוך!" דער, וועלכער האָט דערטרונקען, וועט אויך דערטרונקען ווערן! — דו האָסט אַ סך פעלקער צעשלאָגן און דו וועסט אויך געשלאָגן ווערן; דו האָסט קעניגן אַראָפּגעוואָרפן, און דו וועסט אויך פאַלן!... „נפל תפלו!" פאַלן וועסטו!

דער מגיד האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין שטול און ער האָט זיך געווענדט צו די חסידים, וועלכע זענען לעבן אים געשטאַנען, געשמייכלט און גערעדט:

— אָט דאָס איז עס, וואָס איך האָב אויסגעשריגן, ווען ער איז אַריין אין שול.

„נפול תפול" — נפ"ל... נפולאין — נאַפּאָלעאָן, וועט פאַלן!

עס האָט לאַנג נישט געדויערט ווי עס איז געקומען די ניעס, אַז נאַפּאָלעאָנס מיליטער ווערט צעקלאַפּט; אַז נאַפּאָלעאָן אַליין איז אַנטלאָפן!

עס איז מקוים געוואָרן דעם מגידס ברכה: זיינע פיינט האָט ער געשלאָגן. אָבער זיין נבואה איז אויך מקוים געוואָרן: — געפאַלן איז נאַפּאָלעאָן (נפל) און מער איז ער שוין נישט אויפגעשטאַנען.

# זיך געשטאַרקט קעגן יצר־הרע

די שטאָט קראַסניבראָד רוישט און קאָכט:

אַ תכשיט, אַ צירונג, איז אַראָפּגעקומען אין שטאָט; די ייִדן פון שטאָט וועלן מיט אים זיך גרויסן און עס וועט זיין מיט וואָס.

ר׳ יעקב דער גביר האָט דעם תכשיט אַראָפּגעבראַכט; נישט געזשאַלעוועט קיין געלט און אים געבראַכט צו זיך.

עס גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז ער איז דער גרעסטער לערנער פון שטאָט שעבערשין, אַן עלוי; ער איז דער זון פון רב, רבי אליעזר הלוי, און ר׳ יעקב דער גביר האָט אים געבראַכט פאַר א חתן צו זיין טאָכטער.

ר׳ יעקב האָט באַשטעלט צוויי רבנים, וועלכע זענען מיט אים געפאָרן קיין שעבערשין און אים פאַרהערט. און עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער קען אַ סך מער לערנען ווי מען האָט געזאָגט אויף אים.

דער גביר ר׳ יעקב האָט געשאָנקען רייכע מתנות די עלטערן און די שוועסטער פון חתן־בחור און זיי געזאָגט:

— מיין גאַנץ פאַרמעגן וועט זיין פאַרן בחור, מיט עסן טרינ־קען און אַ שיינע דירה. איך וועל אייך אויך שטיצן מיט אַלעם נוי־טיקן, אַבי ער זאָל ווערן אַ חתן פאַר מיין איינציקער טאָכטער.

די רבנים, וואָס ר׳ יעקב האָט מיטגענומען קיין שעבערשין, האָבן אויך איינגעשטימט צו ר׳ יעקבס רייד, פאַרזיכערט, אַז ר׳ יעקב

איז אַ מענטש, וואָס גיט אַ סך צדקה, האַלט נישט פון זיך און אַז ער איז אַן אָנגעזעענער שטאָט־בעל־הבית.

דער מחותן, דער רב ר׳ אברהם אליעזר, האָט איינגעשטימט צום שידוך; עס איז אַ גוטער שידוך; אַ רייכער מחותן, אַן איידע־לער מענטש; ער האָט ליב די תורה און שטיצט אירע לערנער; ער איז גרייט אָוועקצוגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, אַבי זיין זון זאָל ווערן זיין איידעם. — אָבער אויף ר׳ יעקבס טאָכטער, אויף דער כלה, האָט ער זיך גאָרנישט נאָכגעפרעגט.

די יידישע טעכטער זענען דאָך אַלע שיינע און באַשיידענע; זיי זענען דאָך צנועות, — האָט ער ביי זיך געטראַכט. — איז וועט דען ר׳ יעקבס טאָכטער זיין אַנדערש פון אַלע?

האָט מען געשריבן תנאים און באַשטימט די צייט פון חתונה.

דער רייכער מחותן האָט אויסגעקליידט דעם חתן און דעם חתנס גאַנצע משפחה מיטן רייכסטן און שענסטן; מיט זאַכן און צירונג. און אָט איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה און די שטאָט קראָסניבראָד רוישט און קאָכט.

אַלע מענטשן פון שטאָט, גרויס און קליין, זענען אַרויס באַ־געגענען דעם חתן און די מחותנים. די קלעזמאָרים זענען אַרויס מיט פויקן, פידלען און באַנדורעס, און די בדחנים אַפּריער. זיי זענען אַרויס, געזונגען און געטומלט: אַ גרויסע ליכטיקייט איז געקומען אין שטאָט!

גבירים האָבן אַרומגערינגלט דעם מחותן, דעם רב און זיין בחיר און געזאָגט:

— ר׳ יעקב איז ווערט אַזאַ חתן.

די פרויען האָבן אַרומגערינגלט די רביצין, די מחותנתטע מיט אירע טעכטער, און געזאָגט:

— זי האָט די ווערט, די איינציקע טאָכטער ר׳ יעקבס, צו האָבן אַזאַ חתן.

די מחותנתטע איז אַרייַן אין דער כלהס צימער, געזען די כלה און געזאָגט צו איר מאַן:

— אַ שיינע חסידישע כלה; די צניעות ליגט איר אויפן שיינעם פנים!

דער רב ר׳ אברהם אליעזר האָט זיך צו זאַט נישט געקאָנט אָפּקוקן פון דער גרויסער רייכקייט, וואָס ער האָט געזען ביי זיין גבירישן מחותן: אַ שטוב פול מיט זילבער, גאָלד און קרישטאָל; די טייערסטע מאכלים אין זילבערנע כלים, הונדערטער ליכט האָבן געברענט אין זילבערנע לייכטער, באַפּוצט מיט גאָלד. און די טייערסטע וויינען האָבן שעמירירט אין קרישטאָלענע גראַפּינקעס און פלעשער, אַלץ צוגעגרייט אין כבוד פון די געסט.

און אָט האָט איינער פון די בדחנים אויסגערופן צום גראַם אַ לויב־געזאַנג צו די מחותנים און פאַר חתן־כלה.

און אַ צווייטער בדחן האָט אויסגערופן, אַז דעם חתנס פאָטער און דער חתן זאָלן גיין באַדעקן די כלה, ווי עס פירט זיך ביי ייִדן.

דער מחותן, דער רב, האָט אַוועקגערופן זיין זון אין אַ ווינקל און אים געזאָגט אין דער שטיל:

— דו זאָלסט זיך נישט שעמען. קוק אָן דייַן כלה, אַזוי האָבן פאַרזאָגט אונדזערע רבנים זכרונם לברכה: אַ מאַן טאָר נישט מקדש זיין אַ פרוי איידער ער זעט זי.

און דער מאַן, וואָס איז דאַן אַלט געווען פערצן יאָר, האָט זיך שטאַרק געשעמט. ער האָט זיך געשעמט אָנקוקן אַ מיידל, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און באַשלאָסן אָנקוקן די כלה, וועלכע דאַרף באַלד ווערן זיין ווייב. זיין פליכט איז איר אָנצוקוקן. ער וועט דאָך זיין איר מאַן.

ער האָט באַשטימט איר זען, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. ער איז אַרייַנגעפירט געוואָרן אין דער כלהס צימער, אָבער איר האָט ער ניט געזען. אַ שוואַרצן וואָלקן האָט ער באַמערקט אין צימער און

אין וואָלקן, — עפּעס אַזוינס, ווי שדים־מלאכי־חבלה מיט צלמים אין זייערע הענט. זיי האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום אַ שוואַרצן שטול, וואָס אויף אים איז געזעסן אַ שוואַרצע געשטאַלט, — אָט האָבן זיי טאַנצנדיק אויסגעשטרעקט צו אים זייערע שוואַרצע הענט, ווי זיי וואָלטן אים וועלן אַריינשלעפּן אין טאַנץ און צוזאַמען טאַנצן מיט אים.

דער חתן האָט זיך זייער שטאַרק דערשראָקן; ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון צימער און אַנטלאָפן פון שטוב. ווען מען האָט דערזען, אַז דער חתן איז אין שטוב נישטאָ, איז מען אים אַרויס זוכן און אים געפונען אין אַ ווינקל פון הויף, כליפּענדיק און ציטערנדיק.

מען האָט געמיינט, אַז ער איז נערוועזיש, אויפגערעגט — ווי עס טרעפט מיט חתנים; ער איז נערוועזיש פאַר דער חופה און דער־פאַר וויינט ער און איז אויפגערעגט, דער יונגער חתן.

מען האָט אים אָנגענומען פאַר די הענט און אַריינגעפירט אין שטוב און אים געזוכט צו באַרויקן.

אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

איז צוגעגאַנגען צו אים זיין פאָטער און אים אָנגעהויבן שטראָפן; גערעדט צו אים מיט גוטן, אָבער דער בחור הערט נישט אויף צו וויינען.

עס איז געקומען די צייט צו גיין צו דער חופה און דער חתן שטייט פון ווייטן און וויינט און כליפּעט.

זיין פאָטער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער און אים אָנגעהויבן שטאַרק מוסר זאָגן:

אָבער דער בחור האָט מיט אַ זיכערן טאָן געענטפערט:

— איך וועל נישט גיין צו דער חופה!

אָבער וועגן בילד, וואָס ער האָט געזען אין דער כלהס צימער, האָט ער דעם פאָטער נישט דערציילט, כדי ער זאָל אים נישט האַלטן פאַר משוגע.

ווען דער פאָטער האָט דערהערט, אַז ער וויל נישט גיין צו־דער חופּה האָט ער אים אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש און אויסגערופן:

— וואָס מיינסטו, זשוליק! וועסט פאַרשעמען אַ יידישע טאָכטער, ווי עס איז די מאָדע פון צעלאָזענע בחורים! אַזאַ כלה און זי איז דיר נישט געפעלן געוואָרן!

און דער חתן מיט איין וואָרט:

— איך וועל נישט גיין צו דער חופּה!

דער פאָטער האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן בעטן:

— דו וועסט דאָך אונדז אַלעמען פאַרשעמען! ווי צו מיר! וואָס וועט זאָגן די וועלט? דעם רבס זון פון שעבערשין, דער גרויסער עלוי, האָט פאַרשעמט אַ יידישע טאָכטער און אַנטלאָפן פון דער חופּה! ווי צו מיינע יאָר! דו באַגרייפסט כאָטש, וואָס דו זאָגסט?!

אַז דער רב האָט געזען, אַז זיינע רייד ווירקן נישט, האָט ער אים אָנגעהויבן פאָרשטעלן דאָס גליק אין זיין שווערס שטוב און דאָס שלעכטס, וואָס עס קאָן אַרויסקומען פון דעם, וואָס ער דענקט טאָן.

— דאָס גאַנצע רייכקייט וועט דאָך געהערן צו דיר. וועסט קאָנען רויק לערנען תורה און העלפן אָרעמע מענטשן וויפל דו וועסט וועלן. גוט וועט דיר זיין אויף דער וועלט און אויף יענער. און אויך מיר, דיין אָרעמען טאַטן, וואָלט דאָך געוואָרן גרינגער דאָס לעבן צוליב דיר; איך וואָלט זיך געקענט מער אָפּגעבן מיט תורה און מעשים־טובים. און אויב דו וועסט אַנטלויפן, איז דאָך ווי צו דיר און ווי צו מיר! די שאַנד, די אָרעמקייט, מען וועט דאָך פון אונדז אַראָפּציִען די קליידער, אַרויסנעמען די זאַכן פון שטוב, ווייל ער, דיין מחותן, האָט דאָך דאָס אונדז אַלץ געגעבן. מיר וועלן בלייבן נאַקעט און באָרוועס און אויס מיט לערנען תורה!

און דער יצר־הרע איז אויך צוגעקומען און געטענהט:

דו ביסט דאָך אַזויפיל מאָל געווען הונגעריק, אָן אַ שטיקל

## דאָס לעבן פון בעל־שם־טוב

בּרויט! דיין טאַטע איז דאָך אַזוי אָרעם, אַז ער האָט גאָרנישט! דו האָסט דאָך אַפילו נישט קיין בעט צום שלאָפן; אויף דער ערד פלעגסטו דאָך שלאָפן... און דאָ האָסטו פאַר זיך אַזויפיל רייכקייט און גוטס, דו שוטה איינער, ווילסטו פאַרלאָזן דאָס גוטס און אויס־קלייבן בעסער שלעכטס?

אָבער ווידער האָט דער חתן פאַר זיך געזען יענץ בילד, — טאַנצנדיקע שדים מיט צלמים אין די הענט.

דער בחור האָט זיך באַרויִקט און אויפגעהערט וויינען.

דער פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז אים איז געלונגען איינצו־רעדן זיין זון. ער האָט זיך מיט אים אומגעקערט אין זאַל, וווּ עס האָבן זיך געפונען די געסט, און עס איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה, ווי דער גביר האָט זיך פאַרגענומען.

עס זענען אַוועק די זיבן טעג פון דער חתונה־פייערונג; דעם חתנס עלטערן האָבן צופרידענע זיך אומגעקערט אַהיים, אָבער זיי האָבן באַמערקט, אַז זייער זון איז אומעטיק און ער רעדט נישט אויס מיט זיין ווייבל קיין איין וואָרט. אויך דער כלהס עלטערן האָבן דאָס באַמערקט, אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזוי ווי דער יונ־גערמאַן איז אַ שעמעוודיקער און ער איז נאָך זייער יונג איז ער נישט צוגעוווינט צום לעבן. ער וועט זיך בייטן.

עס איז אַוועק אַ חודש און צוויי און דאָס „יִנגל" זיצט און לערנט, דאַוונט, זיפצט און רעדט נישט אויס קיין וואָרט.

זיין ווייבל גייט אָנגעטאָן אין די שענסטע און טייערסטע קליי־דער און צירונג; זי טראָגט אים צו די בעסטע עסנס און געטראַנקען, אָבער ער קוקט נישט אויף איר, ער עסט נאָר צו דערהאַלטן זיין נשמה; ער זיפצט, קרעכצט און שווייגט.

די באַלעבאַטים פון שטאָט פלעגן קומען צו אים און אים אָפּגעבן כבוד; ער פלעגט זיך צו זיי נישט אומקוקן,* נאָר אַריינקוקן אין אַ ספר, זיפצן און טרויערן.

דער יצר־הרע איז געקומען צו אים און אים איינגערעדט:

— דו נאַר, שוטה! וואָס פּאַרמיאוסטו און שטופּסט אָפּ אַזאַ גוטס, אַזאַ גליק! דאָס גרעסטע און בעסטע פון דער וועלט שטייט גרייט פאַר דיר, וואָס נאָר געציילטע אין דער גאַנצער וועלט קענען זיך דאָס פאַרגינען, און דו זיצט און טרויערסט! און ווילסט דערפון נישט געניסן, דו שוטה פון דער וועלט!

און ווידער האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט דאָס בילד, וואָס ער האָט געזען.

— ניין, ניין! איך דאַרף נישט דאָס גאַנצע גוטס! — האָט ער ביי זיך געטראַכט און זיך ווידער אַזוי געפירט ווי ביז אַהער. און ווען זיין פרוי פלעגט אַריין צו אים אין צימער אויסגעפּוצט ווי נאָר אַ רייכע דאַמע קאָן, פלעגט ער מיט זיינע הענט פאַרשטעלן די אויגן, כדי זי נישט אָנצוקוקן. און אַזוי ווי ער איז אין משך פון דער גאַנ־צער צייט נישט אַנדערש געוואָרן אין זיין אויפפירונג, האָבן דער גביר און זיין משפחה געמיינט, אַז ער איז גערירט פון די געדאַנקען. האָבן זיי זיך גענומען אָפּצוגטן דאָס פּאָרל, ביז ער האָט זי טאַקע אָפּגעגט.

דעמאָלט האָט דער יונגער יעקב־יצחק אַראָפּגענומען פון זיך די טייערע קליידער און שיך, איבערגעלאָזט אַלע מתנות, וואָס זיין רייכער שווער האָט אים געגעבן, און מיט אַלטע פאַרלאַכ'עטע קליי־דער און שיך איז ער שנעל אַרויס פון דער שטאָט.

**
*

דאָס איז געווען אין סאַמע ווינטער; די קעלט איז געווען זייער שטאַרק. עס איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי; גאַנצע בערג זענען אַראָפּ, און איידער דער שניי האָט דערגרייכט די ערד, זענען אָנגעקומען די ווינטן פון אַלע פיר זייטן און געשמיסן די שניי־טיכער

אָהין און צוריק, צעשטויבנדיק זיי אין געדיכטע, פּוכיקע שניי־פּלי־טערלעך. ווערלכע זענען געדיכט געפאַלן צו דער ערד און אַלץ פאַר־שיט. — גריבער, טייכן און טאָלן. דער ווינט האָט מיטן שניי אַזוי מייסטעריש באַדעקט און אויסגעגלייכט די ערד, אַז עס איז נישט געווען צו מערקן, ווו עס איז געווען אַ גרוב, אַ טאָל אָדער אַ בערגל. — אַ ווייסע אָנגעצויגענע דעקע האָט פאַרדעקט די גאַנצע ערד.

אין אַזאַ וועטער איז געגאַנגען אַ יונגער ייִד אין צעריסענע מלבושים און צעלעכערטע שיך און שווער געטאָפּטשעט אין שניי, פּילנדיק, אַז עס גייען אים אויס די כוחות פון הונגער און קעלט.

ווהין גייט ער?

ער אַליין האָט אויך נישט געוווסט, וווהין ער גייט. שוין באַלד צוויי טעג, אַז ער וואַנדערט אַזוי: אָט קומט אָן די נאַכט און ער האָפּט אַפילו נישט צו קענען געפינען ווו איבערצונעכטיקן.

עס ציטערן אים די קני און זיין גאַנצער קערפּער איז דורכ־געפרוירן.

מיטאַמאָל האָט ער פון דערווייטנס באַמערקט ליכט און שטראַלן פון ליכט, וואָס שפּרייטן זיך אויס אויף אַ היפשן שטח, באַלייכטנ־דיק די פאַרשנייטע ערד אַרום און אַרום. דער יונגער וואַנדערער האָט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפטן.

ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צום ליכט און אין עטלע־כע מינוט אַרום איז ער געשטאַנען פאַר אַ קליין אָרעם שטיבל, פון וועמעס קליינעם פענצטערל עס האָט אַרויסגעשפּאַרט אין דרויסן די ליכטיקייט.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין שויב פון פענצטער און שנעל האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און אַ געדיכטע וואַרעמע פּאַרע האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פאַרפרוירענעם פּנים:

ביי דער טיר איז געשטאַנען אַן אַלטער קריסט און אים פריינט־לעך געבעטן אַריינצוגיין אין שטוב.

ער איז אַריינגעגאַנגען. אין שטוב איז וואַרעם ווי אין זומער; די ליכט, וואָס ברענען אין לייכטער אויפן טיש, פאַרשפּרייטן אַ לויטערע ליכטיקייט איבערן גאַנצן צימער, אין וועלכן עס שטייען גרייט דריי אויסגעבעטע בעטן, ווי ספּעציעל אַוועקגעשטעלט אויפ־צונעמען געסט, דורכגייער, וועלכע האָבן זיך אָנגעפּייניקט און אָנ־געפרוירן פון קעלט און שניי, בכדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו די כוחות, זיך דערוואַרעמען און דערקוויקן.

ווען דער וואַנדערער איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז ביי אים אויסגעקומען, אַז ער איז אַנטלאָפן פון גהינום און אַריין אין גן־עדן. די וואַרעמקייט האָט דורכגענומען אַלע זיינע גלידער און די קלאָרע ליכטיקייט האָט געוואַרעמט זיין געמיט.

דער אַלטער קריסט רעדט צו אים אַזוי איידל, פריינטלעך:

— נעכטיק דאָ איבער די נאַכט און דו וועסט זיך אויסרוען; טו אויס דיינע פּייכטע שיך, זעץ דיך דאָ לעבן דער הרובע, וועסטו זיך דערוואַרעמען און אויסטריקענען דיינע פּייכטע קליידער.

דער וואַנדערער האָט אַזוי געטאָן, ווי דער באַלעבאָס האָט אים געהייסן, בעת דער לעצטער האָט ווייטער גערעדט צו אים:

— אָט וועל איך דיר ברענגען אַ שטיקל ברויט מיט וואַרעמס, דערנאָך וועסטו דיך לייגן אין איינעם פון די בעטן, וועסט זיך אויס־שלאָפן, זיך אויסרוען און זיך מחיה זיין...

איז דער וואַנדערער געזעסן לעבן דער הרובע און זיך אַרומ־געקוקט; ער זעט, אַז אויף די ווענט הענגען מאָדנע בילדער און צלמים, בילדער מיט וווּנדערשיינע צייכענונגען, וואָס ציִען פאַר דער נשמה און בעטן, מ׳זאָל קניִען פאַר זיי...

פון דרויסן הערט זיך דער וואָיען פונעם ווינט, בעת אין שטוב איז ליכטיק און וואַרעם; און דאָס ווייך־אויסגעבעטע בעט ווינקט, אַז מען זאָל אין אים אַריינלייגן דעם אויסגעמאַטערטן קער־פּער.

און דער אַלטער שטייט און רעדט אַזוי זיס:
— אַט וועל איך דיר געבן ברויט און וועסט טרינקען וואַרעמס און זיך לייגן אָפּרוען.
אין בויך פונעם וואַנדערער פּייפּן די געדערים פון הונגער ווי פּייפלעך.
דער אַלטער גוי איז אַוועק צום שפּייזאַלמער ברענגען ברויט בעת דער וואַנדערער באַטראַכט די צלמים און די בילדער אויף די ווענט און דער יצר־הרע רוקט זיך אונטער צו אים און זאָגט אים אונטער:
— נו, דאַנק ג־ט, וואָס ער האָט דיך אַהערגעבראַכט און דיך אַרויסגעראַטעוועט פון דיינע צרות; עס פונעם ברויט, וואָס דער גוטער מאַן גיט דיר, און טרינק עפּעס וואַרעמס, וועסטו ראַטעווען דיין נשמה פון טויט. און דערנאָך וועסטו דיך אַריינלייגן אינעם וואַרעמען בעט, וועסטו קומען צו דיינע כוחות. און טאָמער וועסטו דיך אַ קני־טאָן צו די בילדער, איז וואָס מאַכט דאָס אויס! וואָס איז דאָס פאַר אַן עבירה, וואָס דו וועסט באַגיין?
דער וואַנדערער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף פון זיין אָרט און איידער דער אַלטער האָט באַוויזן אים צוצוטראָגן דאָס ברויט, איז ער אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן, איבערלאָזנדיק זיינע טראַנ־טעס־שיך לעבן דער הרובע.

**
*

זיצט אַזוי רבי אלימלך אין זיין הויז, וואָס אין שטאָט לי־זשענסק, פאַרזונקען און פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.
זיינע מענטשן און זיינע תלמידים, וועלכע לערנען שטענדיק ביי אים, זענען אַריין אין זיין צימער און ער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיי נישט געזען. זיין פּנים, וואָס לייכט

שטענדיק ווי די ליכטיקייט פון דער זון, דריקט אויס טיפן צער, רחמנות און דערבאַרעמקייט; מיט זיינע הענט מאַכט ער פאַרשיי־דענע באַוועגונגען; אַט מאַכט עס דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט עפּעס אויפגעהויבן אַ שווערע משא, און אַט שטרעקט ער אויס די האַנט, ווי ער וואָלט אויף עפּעס אָנגעוויזן, און אַט לייגט ער צוזאַמען די הענט אויפן האַרצן, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— לאָמיר זען, וואָס דאָ וועט זיין די ענדע פון דעם.

אין אַזאַ צושטאַנד איז ער געזעסן צוויי טעג און צוויי נעכט.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ און אויסגע־שריגן אויפן קול:

— שפּאַנט איין די פערד! שנעל, שנעל! פאַרזאַמט נישט!

זיינע תלמידים האָבן געהייסן דעם בעל־עגלה שנעל שפּאַנען די פערד, אָבער דער רבי האָט זיך צו זיי אָנגערופן:

— נעמט מיט וואַרעמע מלבושים: אַ פּעלץ און שיך! שנעל נעמט דאָס אַלץ מיט און אויך אַ פלאַש בראָנפן און קיכלעך, מען זאָל קענען עסן, כדי נישט מוזן זיך וואַשן די הענט.

די תלמידים האָבן אויף שנעל אַלץ אַריינגעפּאַקט אין שליטן און דער רבי מיט אייניקע פון זיינע תלמידים זענען אויף גיך אַוועק־געפאָרן.

קאַלטע ווינטן האָבן געבלאָזן פון אַלע זייטן; גאַנצע סטויגעס שניי טאַנצן און צעשיטן זיך אין דער לופט דער וועג איז גליטשיק, און די פערד לויפן און גליטשן זיך; דער רבי שרייט צום בעל־עגלה:

— שנעל! שנעל! אייל דיך! טרייב שנעל!

— ווהין? — פרעגט דער בעל־עגלה.

— אייל! אייל שנעל! זאָלן די פערד גייך, וווהין זיי גייען, אַבי שנעל!

זיי זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג; ערשט אין אַ האַרבע שניי שטייט אַ יידישער בחור, אַ באָרוועסער, אין לייכטע צעריסענע קליידער. לעבן אים שטייט אַן אַלטער קריסט און שלעפּט אים און ציט אים, בעת דער בחור ראַנגלט זיך מיט אַלע זיינע כוחות אַרויס־צודרייען זיך פון זיינע הענט.

דער רב איז געגעבן אַ שפּרונג־אַראָפּ פון שליטן, איז צוגע־גאַנגען צום אַלטן גוי און אים געבעטן, אַז ער זאָל אָפּלאָזן דעם יידישן בחור.

— ניין, איך וועל אים גישט אָפּלאָזן! — האָט דער גוי גע־ענטפערט, — איך האָב נישט די דערלויבעניש אים אָפּצולאָזן.

דער רבי אלימלך האָט ווייטער געבעטן:

— לאָז אים, לאָז אים אָפּ!

און אַז דער רבי האָט געזען, אַז זיין בעטן וועט נישט העלפן, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— צו וואָס דאַרפסטו, אַז דער אומשולדיקער בחור זאָל שטאַרבן פון קעלט? איך וועל אים אָנטאָן קליידער און שיך און אים געבן אַ טרונק בראָנפן און דערנאָך וועסטו מיט אים טאָן, וואָס דו ווילסט!

דער קריסט האָט איינגעשטימט און דעם רבינס תלמידים האָבן שנעל אָנגעטאָן דעם בחור אין די וואַרעמע קליידער און שיך, אַרויס־גענומען די פלאַש בראָנפן, וואָס זיי האָבן געבראַכט, און דער רבי האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל און געגעבן דעם בחור, גלייך אָנגעגאָסן אַ צווייטס און געגעבן דעם גוי. דערנאָך אָנגעגאָסן אַ דריטס, אַ פערטס און דערלאַנגט דעם קריסט.

אין אַז דער בראָנפן גייט אַריין, קומט אַרויס דער סוד.

דער גוי האָט אָנגעהויבן אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן:

— איך בין שוין געווען זיכער, אַז דער עלטסטער פון די גלחים וועט טאָפּלט הנאה האָבן: נאָך האַלבער נאַכט וועט די עלט־סטע פון די מאָנאַשקעס ברענגען צו מיר די שיינע יידישקע פון

קראַסניבראָד און דער פויגל, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן בחור, — אָט דער פויגל, איז פון זיך אַליין אַריינגעקומען אין מיין נעץ. ווען איר וואָלט איצטער נישט געקומען אַהער, וואָלטן מיר מאָרגן געהאַט אַ טאָפּלטן יום טוב: אַ ייִדישקע און אַ ייִד וואָלטן צוזאַמען אָנגענו־מען אונדזער גלויבן!

דער רב האָט אָנגענומען דעם בחור און געוואָלט אים אַריינ־זעצן אין שליטן, אָבער דער גוי האָט אים אַ נעם געטאָן און אויס־געשריגן:

— ניין, איך וועל אים נישט אָפּלאָזן! איך האָב נישט קיין דערלויבעניש! מען וועט מיך הרגענען! צוליב דעם האָט מיך דער גלח אַוועקגעזעצט אין דער שטוב, בכדי יעדער ייִד און ייִדישקע, וואָס ווילן זיך שמדן, זאָלן פריִער געבראַכט ווערן אַהער אין מיין שטוב, כדי אויסבאַהאַלטן זיי פון די ייִדעלעך, וואָס לויערן און זוכן זיי, און אַ ייִד, וואָס קומט אַריין אין מיין שטוב, טאָר נישט אַנטלויפן פון דאָרטן, ביז וואַנעט ער ווערט נישט אָפּגעשמדט, כדי אומבייטן זיין גלויבן. און איצטער, אַז דער עלטסטער פון די גלחים וועט קומען מאָרגן צו מיר און זען מענטשלעכע טריט אויפן שניי, וועט ער וויסן, אַז עמעצער איז ביי מיר געווען, און אויב ער וועט קיינעם נישט געפינען, וועט ער מיר דערהרגענען.

דער רב האָט אים אָנגעגאָסן נאָך עטלעכע גלעזלעך און אים ביסלעכווייז איבערצייגט, אַז קיינער וועט נישט וויסן וועגן בחור, וואָס איז געווען ביי אים אין שטוב, ווייל די ווינטן וועלן פאַרבלאָזן די פיס־טריט אויפן שניי.

— אָבער ווער און וואָס האָט אייך אַהער געבראַכט אין אַזאַ פאַרוואָרפן פלאַץ, אין אַ וויסטעניש, וואָס האָט אַפילו קיין וועג נישט און אין אַזאַ קאַלטער נאַכט? — האָט דער אַלטער גוי געפרעגט די ייִדן.

— איך האָב דערזען דעם אומגליקלעכן בחור, ווי ער אַנטלויפט באָרוועס און כמעט נאַקעט אין אַ פּלאַץ, וואָס איז פאַר אים סכנה־דיק פאַר זיין גוף און אויך אַ געפאַר פאַר זיין נשמה, בין איך אַרויס אים ראַטעווען.

— דו האָסט דאָס געזען! אַזש פון דיין שטוב האָסטו עס געזען?! — האָט דער גוי אויסגעשריגן.

דער גוי האָט געבענטשט און געדאַנקט דעם יידישן ג־ט און זיינע הייליקע און איז אַוועק.

דער רב האָט אַרומגענומען דעם בחור, דעם וואַנדערער, האָט אים געהאַלדזט און געקושט, אים איינגעדעקט לעבן זיך אין שליטן און אים געבראַכט אין זיין שטוב.

מיט צוויי שווערע נסיונות איז דער בחור יעקב־יצחק אויס־געפּרווט געוואָרן, — האָט דער רב געזאָגט צו זיינע תלמידים, ווען ער איז מיטן בחור אַריין אין זיין הויז, — און ער האָט פאַר זיי נתגלה געווען:

— ער וועט זיין אַ גרויסער רב ביי יידן. אַ שווערע אַרבעט האָב איך געהאַט פאַר מיר, זייער אַ שווערע! איך האָב אים איבער־געטראָגן איבער די האַרבעס שניי, אים געוויזן דעם וועג, ביז ער איז דערגאַנגען צו יענער שטוב; זיין מלאך, דער קטרוג, — דער אַנ־דערער פון שלעכטס, איז געווען שטאַרק אין הימל; ער האָט פאַר מיאוסט אַ יידישע טאָכטער: האָט ער געטענהט: זאָל זיין, אַז ער האָט געזען, וואָס ער האָט דאָרטן געזען. נו, איז וואָס? ער האָט געדאַרפט פּרווון. אפשר וואָלט זיך אים איינגעגעבן זי אָפּצוקערן פונעם שלעכטן וועג; ווען ער שטרענגט זיך אָן, וואָלט עס אים אפשר געלונגען. זיינען אונטערגעקומען די גוטע מלאכים און געזאָגט: זי איז שוין געווען פאַרזונקען אין אַלע מיני אומריינקייט, איז דערפאַר האָט ער זי פאַרמיאוסט און ער האָט אויסגעקליבן בעסער ליידן יסורים און שרעקלעכע פּיין, אַבי זיך דערווייטערן פון טומאה, פון

אומריינקייט. און די שלעכטע מלאכים טענהן זייערס: ער האָט דאָך אַפילו נישט געפּרוּווט אַרויסנעמען אַ ייִדישע טאָכטער פון טיפער טומאה. דער דין איז פאַרענדיקט געוואָרן מיטן פסק: זאָל ער נאָכ־אַמאָל געפּרוּווט ווערן, וועלן מיר זען: צי ער וועט ביישטיין דעם צווייטן נסיון. אַז ער איז אַריין אין יענעם הויז, האָב איך זיך איינ־געקוקט: וועט ער קענען ביישטיין דעם נסיון, די שווערע פּראָבע? און ער איז בייגעשטאַנען, אויסגעהאַלטן! און אָט האָט איר דעם בעל־נסיון פאַר אונדז! — האָט דער רבי פאַרענדיקט די רייד צו זיינע תלמידים.

צו מאָרגנס האָבן זיך אַלע גוים געטשעפּעט און געררייצט מיט די ייִדן פון שטאָט ליזשענסק:

אַ שיינע, רייכע ייִדישקע, די איינציקע טאָכטער פון רייכן ייִדן פון קראָסניבראָד און די שנור פון ר׳ אברהם־אליעזר פון שטאָט שעבערשין, האָט אָנגענומען אונדזער גלויבן. שוין אַ לאַנגע צייט, ווי זי האָט דערקענט די גרויסקייט פון אונדזער ג־ט און איצטער איז זי אַנטלאָפן פון איר טאַטע־מאַמעס שטוב.

די ייִדן האָבן זייערע פּנימער אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און געשוויגן.

פאַרזונקען איז די משומדתטע געווען אין אַלע סאָרטן זינד, אַז אַפילו יענער היילקער, ר׳ יעקב־יצחק, האָט זי נישט געקענט ראַטעווען, אַזוי שטאַרק איז אין איר אַריין די קליפּה, דער אומריי־נער גייסט, וועלכער האָט זי אַזוי שטאַרק און שרעקלעך באַהערשט. ווי, ווי!...

# רבי יעקב־יצחק, דער לובלינער צדיק

אין דער צייט, וואָס רבי יעקב־יצחק איז נתגלה געוואָרן, האָט ער די שטאָט לובלין געמאַכט פאַר זיין היים.

עס זענען דאַן געווען שלעכטע צייטן פון מלחמות און בלוט־פאַרגיסונג; מלוכות האָבן זיך געקריגט איינע מיט דער אַנדערער און פאַרפירט מלחמות. די סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן גיין איבער שטעט און גרענעצן, פלעגן שלאָגן און באַרויבן ייִדן, ווו נאָר זיי זענען אָנגעקומען.

וואָס האָט אין אַזאַ צייט געטאָן דער רבי?

ער איז געזעסן אין זיין צימער מיט זיינע אויגן און זיינע הענט אויפגעהויבן צום הימל; ער האָט זיך געקערט צו רעכטס און צו לינקס; ער האָט זיך געווענדט אין אַלע פיר זייטן און עס איז געווען קענטיק, אַז ער זוכט עפּעס אַן עצה, אַ מיטל.

צום סוף האָט ער זיך געריכן די באָרד און פאות, האָט אויפ־געהויבן און אַראָפּגעלאָזט זיינע אַקסל, ווי ער וואָלט זאָגן:

— נישטאָ קיין עצה.

די חסידים האָבן צו אים געשריגן:

— רבי, אַן ענדע קומט אויף אונדז! די ייִדן ווערן אויסגע־מאָרדעט, אויסגעשאָכטן!

דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און געוואָלט אַרויסגיין אין דרויסן, אָבער זיינע חסידים האָבן אים פאַרהאַלטן.

— רבי, די רשעימס שווערד פאָכעט אינדרויסן! אַלע האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן, פאַרשטעקט, עס איז אַ געפאַר פאַרן לעבן!

דער רבי האָט זיי נישט געהערט און אַרויס אינדרויסן.

ער איז געגאַנגען און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט.

די סאָלדאַטן האָבן דערזען ווי ער גייט אַזוי און קוקט זיך כסדר אַרום, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט זייער געווער צו דער ערד און זיך אויסגעשטעלט אין רייען, פּונקט ווי דער רבי וואָלט זיי אַזוי געהייסן טאָן.

ווען די אויסגעבאַהאַלטענע ייִדן האָבן געזען פון זייער באַהעל־טעניש, ווי זייער רבי גייט און קיינער טוט אים נישט קיין שלעכטס, זענען זיי אַלע אַרויס אין דרויסן און אויך זיי האָט קיינער נישט אָנגערירט.

האָבן יענע ייִדן, וועלכע האָבן נישט געגלייבט אין רבין, גע־מיינט, אַז דאָס איז אַ צופאַל; מסתמא איז איינער פון די עלטסטע מיליטערלייט אַ בעסערער פּערזאָן, און ער דערלויבט נישט זיינע סאָלדאַטן שלעכטס טאָן די ייִדן.

אָבער דעם רבינס חסידים האָבן שוין גוט געוווּסט, צוליב וועמען דאָס איז אַזוי.

דער רבי און די חסידים האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, אָבער די ייִדן, וועלכע האָבן נישט געגלויבט אין רבין, זענען געבליבן אין דרויסן. זענען די סאָלדאַטן זיי באַפאַלן און זיי צעשלאָגן. אַזוי ווי די געשלאָגענע האָבן געשריגן און געגוואַלדעוועט, האָט דער רבי אין שטוב דערהערט זייערע קולות, איז ער אַרויס אין דרויסן און ווי־דער האָבן די סאָלדאַטן אַראָפּגעלאָזט זייער געווער און זיך אויס־געשטעלט אין רייען, זיך נישט רירנדיק פון זייערע פּלעצער.

איז דער גענעראַל פון די סאָלדאַטן אין כעס געוואָרן און אויס־געשריגן:

— די יידישער מכשף! איך וועל איצטער פון אייך נקמה נע־מען פאַר מיין כבוד! מיר וועלן אין אַלע שטעט אויסקוילן די יידן!

דערהערנדיק דאָס, האָט דער רבי גאָרנישט געזאָגט.



**חתימתו של החוזה מלובלין**

דאָס איז דער אונטערשריפט פון גרויסן חוזה רבי יעקב יצחק הלוי הורוויטץ פון לובלין זצ"ל.

דער גענעראַל האָט באַפוילן זיינע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין פון שטאָט, און ער איז געגאַנגען פאָרויס.

אַז דער רבי האָט דאָס דערזען איז ער אַרויס הינטער זיי. ער איז אַרויס און געקוקט אויף די גראָזן, געקוקט און געשעפטשעט; געקוקט אויף די סאָלדאַטן, וואָס גייען פאַר אים. געגאַנגען הינטער זיי און געשעפטשעט.

פלוצלונג האָט דער גענעראַל אָנגעהויבן שפּרינגען ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף ברענענדיקע קוילן און זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן קערפּער, שרייענדיק:

— געוואַלד! ראַטעוועט! דאָס גראָז שטעכט ווי ברענענדיקע שפּיזן; די בלעטער פאַלן פון די ביימער און שטעכן ווי נאָדלען! ווי, ווי!

און פון די ביימער פון אויבן און פונעם גראָז אונטן הערט זיך אַ שטאַרקע שטימע, וואָס שרייט:

— נקמה פאַר די ייִדן! נקמה פאַר זיי! פונקט אַזוי ווי דו האָסט געטאָן צו ייִדן, אַזוי וועט געטאָן ווערן צו דיר!

אין דער גענעראַל שפּרינגט, וואַרפט זיך, און שרייט:

— ווײ, ווײ איז צו מיר! איך און מײַנע סאָלדאַטן וועלן מער די ייִדן נישט אָנרירן! אויך דעם קעניג וועל איך בעטן פאַר די ייִדן! ווײ, ווײ איז מיר! איך וועל די ייִדן טאָן גוטס! ווײ, ווײ איז מיר!

אַז דער רבי האָט עס דערהערט, האָט ער זיך אומגעקערט אין שטאָט און די סאָלדאַטן און דער גענעראַל האָבן זיך אומגעקערט הינטער אים. דער רבי איז געגאַנגען פאָרויס און די סאָלדאַטן און דער גענעראַל הינטער אים. זיי האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט און מער קיין ייִדן נישט געטשעפּעט; פאַרקערט: זיי האָבן זיי געטאָן אַ סך טובות.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען לויפער אויף פערד אַרויס פון קעניגס פּאַלאַץ איילנדיק אין יאָגנדיק, און אויסגעשריגן איבערן גאַנצן לאַנד:

— אין נאָמען פון קעניג איז שטרענג פאַרבאָטן אָנרירן די ייִדן און טאָן זיי שלעכטס! ווער ס׳וועט באַלעסטיקן אַ ייִדן, וועט גע־טייט ווערן!

# דער לובלינער האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף פון גלות

זיצט דער רבי אויף זיין כסא הרבנות און ערגערט זיך שטאַרק: אַ סך חסידים שטייען פאַר אים מיט אויגן, וואָס בעטן רחמנות.

איינער איז געקומען בעטן פאַר זיין פרוי, וועלכע איז געפערלעך קראַנק און די דאָקטוירים האָבן איר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

אַ צווייטער איז געקומען בעטן אויף פרנסה. דאָס רעדל האָט זיך ביי אים אַ דריי געטאָן און ער האָט נישט מיט וואָס צו שפּייזן זיי פרוי און קינדער.

און דאָ שטייט אַ ייִד און וויינט: מען האָט אויף אים געמאַכט אַן אומזיסטן בלבול.

יעדער איינער איז געקומען מיט אַ וווּנד אין דער נשמה, די שטוב איז פול מיט קרעכצן און געוויין.

און דער רבי, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט. ער קוקט איצט אויס די צוקונפט. און ווי ביטער איז זי, די צוקונפט! איין גזירה נאָך דער צווייטער, און די צווייטע איז ערגער פון דער ערשטער. און די גאולה איז ווייט.

קוקט דער רבי אין ערגעץ ווייט און זיין געזיכט בייט זיך. אָט ווערט עס פאַרקרימט, ווי פון גרויסע ווייטיקן.

די חסידים זעען דאָס און זיי ווערן פאַרציטערט.

מיטאַמאָל איז דעם רבינס פּנים ווי אויפגעלויכטן און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט גרויס פרייד.

אין אַ ווײַלע אַרום, — און דער רבי נעמט פּאַטשן מיט די הענט, שאָקלען מיטן קאָפּ און שפּרינגט־אונטער מיט זיינע פיס,— הייבט זיי אויף און לאָזט זיי אַראָפּ, אַלץ אַזוי ווי ער וואָלט מיטגע־האַלטן דעם טאַקט פון אַ שיינעם ניגון, וואָס ער כאַפּט־אויף פון ערגעץ.

— רופט אים שנעלער! ברענגט מיר אים אַהער! — האָט ער מיטאַמאָל אויסגערופן צו די מענטשן, וועלכע זענען מיט אים געווען אין שטוב.

— וועמען זאָלן מיר ברענגען? — האָבן די עלטסטע חסידים געפרעגט.

— גייט שנעל אין יענער און יענער גאַס און ברענגט אַהער־צופירן דעם ייִדן, וואָס טאַנצט דאָרטן!...

איבערראַשטע האָבן די חסידים זיך אַוועקגעלאָזט צו יענעם פּלאַץ, וואָס דער רבי האָט זיי געזאָגט, און דערזען דאָרטן אַ המון מיט מענטשן, — קינדער און פרויען, ווי זיי שטייען אין אַ ראָד און אין דעם ראָד הערט מען שפּילן אַ גאַרמאָשקע, און אַ מענטש, וואָס האַלט אין איין האַנט אַ בייטש און אין דער צווייטער אַ פלאַש בראָנפן, טאַנצט און וואַרפט זיך און דרייט זיך, און אַלע ווײַלע גיט ער אַ זופּ פון פלאַש, און גיט דערפון דעם קלעזמער, גיט אַ שמיץ מיט דער בייטש, הייבט זי אויף, גיט אַ הייב אין דער הייך די פלאַש און טאַנצט ווידער.

די חסידים האָבן אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— קום מיט אונדז צום רבין!

און דער מענטש וויל נישט גיין.

— צו וואָס דאַרף איך די חסידים און דעם רבין?

און אַז די חסידים האָבן אים שטאַרק געבעטן, האָט ער זיי צוגעטראָגן די פלאַש און געזאָגט:

— טרינקט און פרייט אײַך אויך; דאָס איז אַ פרייד פון חתן־כלה; טרינקט, פרייט אײַך. צו וואָס דאַרפט איר דעם רבין?

דער מענטש האָט זיך געדרייט, געוואָרפן און דערציילט:

— אַלץ איז שוין געווען גרייט צו דער חתונה... אַ חתונה פון אַ יתומה; נאָר אַ טלית האָט געפעלט! און צוליב אַ טלית האָבן זיי געוואָלט פאַרשעמען אַ יתומה! זיי האָבן געוואָלט צונעמען דעם חתן און אַוועקגיין ... ניין, ניין! איך, ראובן דער בעל־עגלה, לעב! איך וועל דאָס נישט דערלאָזן. ניין! בין איך געקומען און געגעבן געלט צו קויפן אַ טלית. איך האָב געגעבן! נאַ דיר אויך, קלעזמער! נאַט אײַך, קינדערלעך, געלט, משקה!... טרינקט און פרייט אײַך מיט אַ מצוה!...

און דער האַלב־שכורער האָט אַרומגענומען דעם קלעזמער און אים אין מויל געשטופּט די פלאַש, דערנאָך האָט ער די פלאַש געגעבן די חסידים און צו זיי אויך אויסגעשריגן:

— לחיים! טרינקט, פרייט אײַך!

די חסידים האָבן געטרונקען און ווען זיי האָבן געזען, אַז ער איז שוין שיכור, האָבן זיי אים איבערגערעדט, ער זאָל גיין צום רבין.

— דאָרטן וועלן מיר זיך פרייען! דאָרטן וועלן מיר טאַנצן!

דער מאַן האָט, וואַקלענדיק זיך, געלאָזט פון די חסידים פירן צום רבין, און אין וועג אויך געטאַנצט און געהויבן מיט דער פלאַש.

— פרייט זיך! — האָט ער אויסגעשריגן, ווי נאָר ער איז אַרײַן צום רבין. — גיט אַהער בראָנפן, ווי איר האָט צוגעזאָגט!

דער רבי האָט פאַרן שיכור אָנגעגאָסן אַ גרויס גלאָז משקה און ער האָט אים דערלאַנגט. נאָר איידער ער האָט דאָס גלאָז אַריינ־געגעבן אין זיין האַנט, האָט ער צו אים געזאָגט:

— די יידן זענען אין ביטערן און פינצטערן גלות און אַ סך שרעקלעכע גזירות קומען אָן אויף אונדז. בכן, בענטש אונדז, גיב אונדז אַ ברכה!

אָבער דער מאַן האָט דעם רבינס רייד נישט געהערט; זיין האַרץ און מוח זענען געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק:

— אַן אָרעמע, אומגליקלעכע יתומה האָט געדאַרפט חתונה האָבן; אַלץ איז געווען גרייט צו דער חתונה און צוליב אַ טלית האָבן זיי געוואָלט מאַכן אויס חתונה, און נאָר איך, מיט מיין געלט, האָב געראַטעוועט די אָרעמע יתומה פון שאַנדע און בלוט־צאַפּע־ניש און אַ דאַנק מיר האָט זי חתונה פאַר אַ מאַן, ווי אַלע יידישע טעכטער בישראל. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט מישן, נאָר איך, איך!

— גיב אַ ברכה, איך בעט דיך! — האָט אים אונטערגעאיילט דער רבי.

— הלוואי זאָלן אייערע טעכטער נישט ווערן קיין יתומות; איר זאָלט זיי חתונה מאַכן מיט מענער און צו זייערע חתנים זאָלט איר געבן טליתים! — האָט דער מאַן אויסגערופן און אַ כאַפּ־געטאָן פון רבינס האַנט דאָס גלאָז בראָנפן.

— דאָס איז די ברכה. וואָס איך גיב אייך אַלעמען! — האָט אויסגערופן דער מאַן, אײַפהייבנדיק די בייטש, — לחיים!

— לחיים! — האָבן אים די מענטשן פון דאָרט געענטפערט.

דער רבי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין שטול, אַ קרעכץ געטאָן, און זיינע אייגן האָבן ווידער אויסגעדריקט ווייטיק און צער.

— מיר האָבן נישט זוכה געווען! — האָט ער ווי צו זיך אַליין

גערעדט, — נאָך נישט געקומען די צייט. איך האָב געמיינט, אַז די ענדע פון לײַדן איז געקומען... עס האָט זיך געווענדט אָן אים... ער האָט זיך געפרייט מיט אַ גרויסער מצוה, וואָס ער האָט גע־טאָן, און די גאַנצע אויבערשטע וועלט האָט זיך מיטגעפרייט... ער האָט געטאַנצט און אַלע מלאכים מיט אים... און אין הימל איז באַ־



**הסכמת רבי יעקב יצחק הלוי הורביץ**
**החוזה מלובלין לספר „דגל מחנה אפרים"**

דאָס ווייזט דעם כתב־יד (האַנטשריפט) פון דעם גרויסן חוזה רבי יעקב יצחק הלוי הורוויטץ פון לובלין זצ"ל. די הסכמה וואָס ער האָט געגעבן צום ספר „דגל מחנה אפרים" וואָס דער מחבר דערפון איז אַן אייניקל פון בעל שם הקדוש זי"ע.

שטימען געוואָרן, אַז זיין ברכה און זיין שמחה זאָלן מקוים ווערן. נו, זוען ער וואָלט אונדז געוועז געגעבן די געהעריקע ברכה, אַז עס זאָל שוין נעמען אַ סוף פון אונדזער גלות!... וואָלט זי מקוים געוואָרן. אָבער ער האָט אונדז געגעבן אַ ברכה פון אַ שוטה, — האָט דער רבי אויסגערופן, זיך ווענדנדיק צו זיינע חסידים, און אַ ביטערער קרעכץ איז אַרויס פון זיין האַרץ.

# אַ דין תורה מיטן אייבערשטן

איינער אַ מענטש איז אַריין צום רבין און מיט היסטערישע קולות געשריגן:

— איך דאַרף נישט קיין מיצוות! איך דאַרף נישט די תורה!

דער מענטש איז געווען אַ באָרוועסער; זיינע קליידער זענען געווען צעריסענע און זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ שטריק. זיין אויסזען איז געווען פון אַ פּראָסטן מענטשן.

אַז די חסידים האָבן דערהערט זיינע קולות, האָבן זיי זיך פאַרוווּנדערט:

— ווי וואַגט דאָס אַ מענטש אַזוי צו רעדן און שרייען אין שטוב פון רבין?!

און דער מענטש שרייט און הערט נישט אויף:

— איר, צדיקים און חסידים, זאָגט, אַז עס איז אַ מצוה צו געבן צדקה. אוי, האָב איך געגעבן צדקה! אַפילו דעם רבין האָב איך געגעבן; אַ סך צדקה האָב איך צעטיילט. איר זאָגט, אַז ג־ט פאַרלאַנג איז, אַז יידן זאָלן נישט עסן קיין טרפות, זיי זאָלן נישט פאַרשטערן דעם שבת און אַז ג־ט צאָלט שכר פאַר די, וואָס גיבן צדקה און היטן אָפּ די דינים. און איך האָב אַלץ געטאָן ווי איר האָט געהייסן און זעט, וואָס ג־ט האָט צו מיר געטאָן. איך בין

געוועזן רייך, האָב איך פאַרלאָרן מיין עשירות, און איך און מיין פאַמיליע ליידן איצט נויט. ווען איך בין געוועזן רייך, פלעגט יעדער אָרעמאַן קריגן ביי מיר עסן און טרינקען און אַן אָרט צום שלאָפן; און אַ באָרוועסן פלעג איך געבן שיך. דער רבי פלעגט מיר שטענ־דיק זאָגן: אַזוי איז גוט און וויל; אַז ג־טס תורה הייסט דעם ייִדן אַזוי טאָן. און איך האָב אַזוי שטענדיק געטאָן. דער נאַר, דער טיפּש, וואָס איך בין געווען! די אַנדערע ייִדן, זענען נישט קיין נאַראָנים. איך גיי אַרום באָרוועס, נאַקעט און הונגעריק און קיין איין ייִד גיט מיר גאָרנישט... גאָרנישט...

איינער פון רבינס שמשים האָבן אים אַ נעם־געטאָן און אים געוואָלט אַרויסוואַרפן אין דרויסן. אָבער דער רבי האָט אים אָפּגע־האַלטן:

— לאָזט אים אָפּ! — האָט ער געזאָגט, — זאָל ער רעדן, וואָס ער וויל.

— איך דאַרף איך נישט האָבן! איך דאַרף נישט אייער תורה, אירע מצוות, איך דאַרף נישט, — האָט דער מענטש געגוואַלדעוועט.

דער רבי האָט צוגערופן דעם מענטשן צו זיך און מיט אַ רויִקן אין שטילן קיל צו אים געזאָגט:

— דו דאַרפסט נישט? דו ווילסט נישט? ג־ט און זיין תורה זענען אייביק, אייביק, צי דו ווילסט יאָ אָדער נישט. נאַר וואָס דען? האָסט אַ טענה צו ג־ט, פאַרוואָס ער האָט דיר אַזוי געטאָן? ווילסט מיט אים האָבן אַ דין־תורה?

— יאָ, יאָ! איך וויל מיט אים האָבן אַ דין־תורה! אָבער ער וועט מיר אומקערן מיין פאַרמעגן, טאָמער וועט ער אַרויס דער שולדיקער?

— געוויס וועט ער אומקערן, — האָט דער רבי געענטפערט.
— ג־ט האָט אונדז געגעבן די תורה און ער דאַרף אויך דערפילן

אונדזער פסק־דין, — האט דער רבי געזאָגט צו די חסידים, וועלכע זענען געשטאַנען לעבן אים.

— וועגן דעם ענין צו איינלאַדן ג־ט צו אַ דין־תורה, — האָט דערציילט דער רבי — האָב איך געהערט פון רבי יהושע־העשל פון אַפּטאָ און ער אַליין, דער רבי פון לובלין, איז געווען דער דיין אין אַזאַ דין־תורה.

און די מעשה איז געווען אַזוי:

איינמאָל האָט אַ רעגירונג אַרויסגעגעבן אויף יידן אַ שלעכטע גזירה און דער רבי פון ליזשענסק האָט גאָרנישט געקענט טאָן, כדי זי אָפּצונעמען. זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין ליזשענסק דער רבי פון אַפּטאָ, דער קאָזשעניצער מגיד און דער רבי פון לובלין און צוזאַמען האָבן זיי אויסגעטייטשט, אַז לויט דער תורה האָבן די יידן נישט געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון יענער רע־גירונג.

האָט זיך אויפגעהויבן דער רבי פון אַפּטאָ און אויסגערופן:

— מיר זענען אַ בית־דין פון דריי און מיר האָבן דאָס רעכט צו אורטיילן. און אין דין זענען נישטאָ קיין אויסדערוויילטע. די תורה האָט אונדז געגעבן דער אויבערשטער און לויט זיין תורה וועלן מיר אים משפטן!

האָבן זיי זיך געזעצט משפטן און אַרויסגעטראָגן זייער אור־טייל, אַז עס איז נישט געווען קיין שום רעכט צו איבערגעבן די יידן צו דער שלעכטער רעגירונג. און אויב זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן, איז נישטאָ קיין שום רעכט צו אַרויסגעבן אויף זיי שלעכטע גזירות.

און ווי נאָר זיי האָבן אַרויסגעטראָגן זייער אורטייל, אַזוי איז באַלד צונישט געוואָרן די גזירה. און אויך אָט דער פשוט־פּראָסטער ייד, וועלכער ווייסט נישט פון קיין שום חכמות, האָט דער רבי פאַר־ענדיקט זיינע רייד — ער האָט ערלעך אָפּגעהיט איניקע מצוות און

זיך אָפּגעהיט פון עבירות, און, אַזוי ווי ער מיינט, אַז ער האָט נישט געזינדיקט און די געבאָטן האָט ער אויסגעפירט געטריי, — איז ער איצטער געקומען מיט טענות צום אויבערשטן: — סטייטש?! — בכן, קענען מיר דאָ צוזאַמענשטעלן אַ בית־דין און אורטיילן זיין דין און אַזוי ווי דער בית־דין וועט משפטן, אַזוי וועט עס זיין.

און גלייך האָט דער רבי פאַרופן צו זיך צוויי רבנים פון צווישן זיינע חסידים; ער האָט זיי געזעצט צו זיין רעכטער און לינקער האַנט און דעם אָנקלאָגער האָט ער געשטעלט פאַר זיי און צו אים געזאָגט:

—דערצייל־אויס די עוולה, וואָס עס איז צו דיר געטאָן גע־וואָרן.

האָט דער מענטש אויף אַ שרייענדיקן אופן דערציילט וועגן די פיל צרות, וואָס האָבן אים געטראָפן ביז צום טאָג, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין פאַמיליע צו הונגערן, געבליבן אָן אַ ביסן ברויט אין שטוב, כאָטש ער האָט דערפילט אַזוי פיל מצוות.

דער רבי זיצט און הערט זיך צו, שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט שטילערהייט:

— אַזוי, אַזוי!

ווען דער ייִד האָט געענדיקט רעדן, האָט זיך דערהערט עפּעס אַ מאָדנע שטימע, ווי נישט פון קיין מענטשן, וועלכע האָט אים געענטפערט:

— אין יענעם טאָג, אין דער און אין דער שעה און אין יענעם פלאַץ האָסטו געטאָן דאָס און דאָס, און ביסט באַגאַנגען אַ זינד; דו האָסט זיך פאַרשולדיקט און נישט באַצאָלט דעם אָרעמאַנס חוב! און אין יענעם טאָג האָסטו דאָס און דאָס געטאָן. וואָס האָסטו צוגעזאָגט און נישט דערפילט לגבי יענעם און יענעם נויטבאַדערפטיקן מאַן?!

אַז די חסידים האָבן דערהערט דאָס קול, האָבן זיי זיך דער־שראָקן, אָבער דער ייִד, דער בעל־דין, האָט זיך גאָרנישט פאַרלאָרן;

בײַ אים איז דאָס אויסגעקומען זייער איינפאַך. ער האָט זיך גע־שטעלט פאַר אַ דין־תורה מיט ג־ט, ב״ה. ער טענהט און באַרעכ־טיקט זיין דין; דעריבער האָט ער אַפילו נישט אַ שטאַמל געטאָן מיט דער צונג, און ער האָט באַלד געענטפערט אויף די רייד פון דער שטים:

— וויפל, אַ שטייגער, מענטשן באַגייען אַזוינע און נאָך גרע־סערע עבירות? זיי עסן טריפות; זיי פאַרשטערן די שבתים; זיי גיבן נישט קיין עסן דעם אָרעמאַן; זיי לאָזן אים אַפילו אין שטוב נישט אַריין; און פון צדקה איז אָפּגערעדט; אַפילו דעם רבין גיבן זיי אויך גאָרנישט, און אַפילו מיר, וואָס איך גיי אַרום טויט־הונגעריק, באָר־וועס און נאַקעט, גיבן זיי גאָרנישט און קענען מיך נישט אָנקוקן. און צווישן זיי זענען פאַראַן אַזוינע גרויסע גבירים. אוי גבירים! איך פלעג געבן; אַלעמען האָב איך געגעבן! דעם רבין, די אָרעמע, אוי האָב איך געגעבן!

און דאָס קול האָט ווייטער געענטפערט און דער ייִד האָט אים אָפּגעענטפערט און נאָך זייער אויסטענהן זיך האָט זיך דער רבי אַן עצה געהאַלטן מיט זיינע צוויי רבנים און אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין: אַז אָט דעם מענטשנס זינד האָבן עס פאַראורזאַכט, אַז זיין געלט זאָל פון אים אָוועקגענומען ווערן און ער זאָל ווערן אַן אָרע־מאַן, אָבער אַזוי ווי אין דער תורה שטייט געשריבן: „זאָלסט טאָן דאָס גוטס רעכטפאַרטיקערהייט“, און אונדזערע חכמים ז״ל האָבן פאַר־טייטשט די ווערטער, אַז מען דאַרף זיך פירן לויטן ריכטיקן דין, דערפאַר איז דער אויבערשטער מחויב אומצוקערן אָט דעם ייִדן זיין פאַרמעגן.

אַז דער רבי האָט פאַרענדיקט אויסרופן דעם פּסק־דין, האָט די שטים אויסגערופן:

— גוט האָסטו, רבי, געאורטיילט!

— שיין האָסטו געאורטיילט, רבי, זייער שיין! נו, און ווו איז מיין פאַרמעגן? — האָט דער אָרעמאַן געפרעגט.

דער רבי האָט אַ ווונק־געטאָן זיין שמש און מען האָט דעם יידן אַרויסגעשטופּט אין דרויסן, אָבער ער האָט זיך געראַנגלט, נישט געוואָלט אַרויסגיין און געשריגן:

— איר האָט מיך אויסגעלאַכט! איר האָט אָפּגעלאַכט פון אַן אָרעמאַן!

און אַזוי ווי ער שטייט אַזוי און שרייט, קומט צו אים אַ מענטש און גיט אים איבער אַ בייטעלע פול מיט גאָלדענע רענדלעך.

— נאַ דיר! — האָט דער מענטש געזאָגט, און איז נעלם געוואָרן.

דער ייד האָט איבערגעציילט דאָס געלט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען דער זעלבער פאַרמעגן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט פריִער.

* *
*

דער רבי זיצט אין זיין צימער און זיין פּנים ווערט אַלע ווייַלע פאַרענדערט; עס איז געקומען די צייט, ווען דער רבי איז שטענדיק געווינט צו דאַווענען בציבור, אָבער ער איז נאָך אַלץ נישט אַרויס פון זיין צימער, און זיך אַפילו נישט גערירט פון זיין שטול. דער ספר־הזהר ליגט פאַר אים אָפן און ער קוקט נישט אין אים.

אַז די נאָענטע פון זיינע חסידים האָבן דערזען, אַז אין דער באַשטימטער צייט פון דאַווענען בציבור איז זייער רבי נישטאָ אין שול, האָבן זיי זיך דערשראָקן און געגאַנגען זען, וואָס עס האָט פּאַסירט.

זיי זענען אַריין אין זיין צימער און האָבן באַמערקט ווי זיין פּנים דריקט אויס צער אָדער כעס און אַז זיינע הענט זענען אָנגעשטעלט אַזוי, ווי ווען אַ מענטש וווּנדערט זיך, ווען ער דערהערט רעדן מאָדנע נישט געשטויגענע רייד. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָבן

זיי באַמערקט, ווי אויף זיינע ליפּן איז געלעגן אַ שמייכל, און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זאָגנדיק: — יאָ, יאָ! און אין אַ מאָמענט שפּעטער איז זיין געזיכט מיטאַמאָל געוואָרן פול מיט אויפרעגונג; ער הייבט זיינע הענט אַרויף און איז שטאַרק אין כעס; און אין נאָך אַ ווײַלע שפּעטער, — און פון זיינע אויגן נעמען רינען טרערן און ער באַוועגט זיך ווי ער וואָלט זיך געבעטן; און אַ מאָמענט שפּעטער, און זיין פּנים נעמט שיינען פון גליק און פריידי.

די חסידים קוקן אים אָן דערשראָקן און איבערראַשט:

— וואָס איז אים?

מיטאַמאָל איז דער רבי אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און אַריין אין בית־מדרש.

געמיינט האָבן די חסידים, אַז איצטער וועט מען גלייך זיך שטעלן דאַווענען און זיי האָבן גענומען זייערע טליתים און תפילין און געוואָלט אָנפאַנגען די תפילה.

אָבער דער רבי האָט זיי געזאָגט:

— מיר וועלן וואַרטן אויף ר׳ ישראלן, וועלכער דאַרף קומען.

ישראלן האָבן אַלע חסידים געקענט; דאָס איז געווען אַ הויכער שיינער מענטש, מיט אַ שיינער באָרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ הדרת־פּנים־דיקייט; און רייך איז ער געווען אין לשער. ער האָט זילבערנע און גאָלדענע כלים און אַ סך געלט; אין זיין באַקוועמען רייכן הויז, וואָס אין ראָג גאַס, האָט ער געהאַט די שענסטע צירונג, פון די בעסטע בריליאַנטן, פּערל, און דימענטן. דערפאַר האָבן זיך די חסידים שטאַרק געוווּנדערט, ווען זיי האָבן דערהערט פון זייער רבין, וואָס ער האָט געזאָגט: מירן וואַרטן ביז ר׳ ישראל וועט קומען; קיינמאָל נאָך האָט דער רבי זיך אַזוי נישט געפירט צו וואַרטן אויף עמעצן מיטן דאַווענען, עס זאָל זיך אַפילו געווען האַנדלען וועגן איינעם פון די פּרומסטע יידן פון שטאָט, וועלכע קומען אָפט מיט באַזוכן צום רבין. און איצטער, וואַרט ער אויפן גביר!

און דער רבי זאָגט נאָך אַמאָל:

— מירן וואַרטן אויף ר׳ ישראלן, מירן וואַרטן! ער גייט שוין; נאָך אַ ווײַלע וועלן מיר וואַרטן.

עס זענען אַריבער עטלעכע מינוט און ר׳ ישראל איז אַרײַן אין בית־מדרש.

אײַלנדיק זיך איז ער צוגעגאַנגען צום רבין. עס איז געווען קענטיק אין אים, אַז ער וויל עפּעס דערציילן, אָבער דער רבי האָט זיך אָנגערופן:

— איצטער וועלן מיר דאַוונען, און דו, ר׳ ישראל, דאַוון צו־זאַמען מיט אונדז.

נאָכן דאַווענען איז ר׳ ישראל ווידער צוגעקומען צום רבין, געעפנט דאָס מויל און אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

עס איז געווען קענטיק, אַז ער וויל דערציילן זייער אַ וויכטיקע זאַך. אָבער דער רבי האָט אים אויך איצטער געשטערט צו דער־ציילן און געזאָגט:

— שווייַג, איך וועל דערציילן; איך וועל דערציילן מער ווי דו ווייסט; אַ סך מערער.

אין בית־מדרש איז שטיל געוואָרן. ר׳ ישראל האָט ווידער געעפנט דאָס מויל און אויסגעשטרעקט אַ האַנט; ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און אויסגערופן:

— די געפאַר! די סכנה!

אָבער דער רבי האָט אויפגעהויבן די האַנט און אים אָנגע־וויזן צו שווייגן.

— דו ווילסט זיך אויסבאַרימען! — האָט אים דער רבי געזאָגט, — זייער אַ גרויסע זאַך האָסטו געטאָן! דו ווילסט אונדז דערציילן; אַז די גאַנצע שטאָט האָט זיך געראַטעוועט פון טויט אַ דאַנק דיר; אַז מיט דײַן געלט, מיט דײַן צירונג און מיט דײַן גאַנצן פאַרמעגן האָסטו אונדז אַלעמען געראַטעוועט. אַלץ איז אמת; אָבער דו ווייסט

נישט, ווי גרויס עס איז געווען דער קטרוג, דיין אָנקלאָגער אין הימל, צוליב דער גרעסטער זאַך, וואָס דו האָסט אויפגעטאָן. דער שטן סמאל אַליין האָט זיך געשטעלט פאַרן כסא־הכבוד און גע־זוכט דיך צו באַשולדיקן.

אַז די חסידים, וואָס זענען געווען אין שול, האָבן דערהערט, וואָס דער רבי האָט דערציילט, זענען זיי געוואָרן שטאַרק איבער־ראַשט; אָבער דער רבי האָט זיך געווענדט צו ר׳ ישראלן און אים געזאָגט:

— איצטער, אויב דו ווילסט דערציילן, דערצייל! און איך וועל דערציילן נאָך דיר, וואָס דו האָסט נישט געזען און נישט געהערט.

און ישראל האָט מיט איבערראַשונג אָנגעהויבן דערציילן:

— מיט אַ גרויסן באַטאַליאָן סאָלדאַטן איז אָנגעקומען איינער אַן עלטסטער, אַ שונא ישראל, און ער איז געקומען אין שטאָט, כדי צו הרגענען און באַרויבן די ייִדן. מיטן בלויזן שווערד אין האַנט האָט ער זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין און הינטער אים זיינע סאָלדאַטן מיט ביקסן און שווערדן, גרייט צום מאָרדן און אומברענ־גען. איך בין אומגעפאַלן פון גרויס שרעק אויף דער ערד. איך האָב זיך געבעטן ביים עלטסטן: האָב אויף מיר רחמנות! נעם אַלץ פון דאַנעט, וואָס דו ווילסט, אַבי לאָז מיך לעבן! אָבער ער האָט געענטפערט: ניין, איך וועל אייך אַלעמען אויסקוילען! האָב איך אים געזאָגט: וואָס וועסטו האָבן פון אונדזער בלוט־פאַרגיסונג? איך האָב אַ סך געלט און אויב דו וועסט אונדז לאָזן לעבן און נישט טויטן קיין איינציקן ייִדן, נישט אָנרירן אַ ייִדן צו טאָן אים שלעכטס, וועל איך דיר אָװעקגעבן מיין געלט; מיין גאַנץ פאַרמעגן וועט דיר געהערן, און אויך מיינע באַהאַלטענע צירונג.

אַז דער עלטסטער האָט דאָס דערהערט, איז ער „ווייך" גע־וואָרן און געענטפערט: גוט, איך וועל די ייִדן לאָזן לעבן! און גלייך

האָט ער זיך גענומען צו אַרויסטראָגן פון מיין שטוב אַלץ, וואָס אים איז געפעלן געוואָרן: זילבער, גאָלד, די צירונג, די רייכע קליי־דער און ערשט דערנאָך האָב איך אים געדאַרפט אָפּצײלן וויפל געלט איך האָב פאַרמאָגט; ער האָט עס אַלץ פאַרנומען און צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער האָט ער פאַרלאָזט די שטאָט.

ר׳ ישראל האָט געענדיקט דערציילן און דער רבי האָט אָנ־געהויבן:

— ווען ר׳ ישראל האָט צוגעזאָגט דעם עלטסטן פון די כולי־גאַנעס אָוועקצוגעבן זיין פאַרמעגן, האָט זיך דער שטן געשטעלט אַנטקעגן:

— זיין רייכן פאַרמעגן גיט ישראל אַוועק דעם מערדער!

האָבן די גוטע מלאכים פאַרטיידיקט און געענטפערט:

— פקוח נפשות!

און סמאל, דער שטן, רעדט ווייטער:

— וויפל אָרעמעלייט, וועלכע קומען־אום פון הונגער און קעלט, האָט דער גביר געקאָנט ראַטעווען פון טויט מיט אַזאַ פאַרמעגן, און ער האָט דאָס נישט געטאָן, און איצטער, ווען די געפאַר פון טויט איז אויף אים געקומען, נעמט ער שוין זיין געלט און גיט עס אַוועק דעם רשע!

און די גוטע מלאכים ענטפערן:

— ווען ער וואָלט זיין געלט נישט געגעבן, וואָלט ער באַגאַנ־גען אַ זינד; ער וואָלט נישט אויסגעפאָלגט דעם געבאָט אָפּצוהיטן דאָס לעבן, דעם „ונשמרתם מאד לנפשותיכם״, — עס וואָלטן אַ סך לעבנס אומגעקומען, ווען ר׳ ישראל קויפט זיי נישט אויס פאַרן געלט, און אויפהאַלטן איין נשמה, איין לעבן ראַטעווען איז דאָך ווי ראַטעווען אַ גאַנצע וועלט! אַזוי גרויס איז די מצוה פון ראַ־טעווען אַפילו איין איינציקע נשמה!

סמאל איז אַ רגע שטיל געבליבן, אָבער גלייך ווידער אָנגע־הויבן מסרן:

— קוק צו, דו האַר פון דער גאַנצער וועלט, זע נאָר אַליין: ער ציט זיך אויס פאַרן רשע, און דיך, רבונו של עולם, האָט ער פאַרגעסן. נישט ער דאַוונט צו דיר, נישט ער האָט אַ נדר געטאָן, נישט צוגעזאָגט מיטן האַרצן צו טיילן צדקה צו אָרעמע, נאָר צום רשע רעדט ער אַזוי אונטערטעניק־זיס און גיט אים אַוועק אַזאַ פאַרמעגן. אַן ענדע! אַן ענדע זאָל קומען דורך שווערד און בלוט!

אַ גרויסער טומל איז געוואָרן אין די הימלען; מלאכים, שרפים און אופנים זענען אַרומגעלאָפן מיט שרעק; זיי האָבן אויפגעוועקט די אָבות; עס האָט זיך געהערט אַ פאָכען פון מלאכים־פליגלען און אַ מעכטיקע שטימע איז אויפגעגאַנגען און אויסגעשריגן:

— מאַכט פלאַץ! מאַכט אַ וואַרע!

דער זכות פון אָפּראַטעווען אַזויפיל לעבנס, ישראלס זכות, האָט זיך אַריינגעדרייט!

דער מסור, דער קטגור, האָט אָפּגעטראָטן אַהינטער און די אָבות זענען פול געוואָרן מיט פרייד.

— אַ יידישער מענטש האָט אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנצע גע־מיינדע, די גאַנצע יידישע קהילה, פון טויט און אַליין איז ער פאַר־אָרעמט געוואָרן, און דער קטיגור, דער מסור, קומט גאָר אַהער בעטן אַ פאַרניכטונג, אַן ענדע אויף אונדזערע קינדער, דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן אַזאַ גרויסע זאַך, אַזאַ חסד! — האָבן געזאָגט די אָבות.

אָבער דער קטיגור לאָזט נישט נאָך:

— קערפּערס האָט ער געראַטעוועט און די נשמות האָט ער פאַרניכטעט!

אָט איז ישראל, אַ ייִד, סתם אַ מענטש. ווער איז ער אַזוינס? איז ער ביי די ייִדן שטאַרק חשוב און אָנגעזען, דער לובלינער

רב גיט אים אָפּ כּבוד. מען בלאָזט אָפּ דעם שטויב פֿאַר אים, מען ציטערט פֿאַר אים און אַזוי טוען זיי אַלע!

— אַדרבה, זאָלן זיי טאָן! — האָבן געענטפֿערט די אָבות, — זאָלן זיי געבן זייער געלט און ראַטעווען אונדזערע קינדער פֿון טויט!

און סמאל שטייט און טענהט:

— דיך, האַר פֿון דער וועלט, פֿאַרגעסן זיי; זיי בעטן נישט צו דיר, ווען אַן אומגליק קומט אויף זיי. נישט אויף דיר פֿאַרלאָזן זיי זיך, נאָר אויף דעם געלט, אויפֿן רייכקייט. נישט דיך ליבן זיי. נאָר דאָס גאָלד. זיי זענען נישט ווערט, מען זאָל זיי לאָזן רויִק. אַ פֿאַרניכטונג זאָל אויף זיי קומען, אַן ענדע, דורך שווערד און בלוט!...

אַז דער מלאך מיכאל האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועקגעפֿלויגן און גלייך מיט זיך געבראַכט הונדערטער און טויזנטער נשמות פֿון הייליקע און לויטערע קדושים וטהורים, זויג־קינדער און אַלטע, בחורים און מיידלעך, און זיי אויסגעשטעלט פֿאַרן כּסא־הכּבוד און געזאָגט:

— ווען אַ סך פֿון די ייִדן וואָלטן נישט געזשאַלעוועט אויף זייער געלט און זיי וואָלטן געוואָלט זיין אָרעם, אַבי ראַטעווען זייערע ברידער פֿון טויט, וואָלטן די אַלע דאָ נישט געווען דערמאָרדעט געוואָרן דורך רוצחים און מערדער דורך אַזוינע שרעקלעכע גרויל־טויטן.

און די נשמות פֿון די קדושים וטהורים האָבן געזאָגט:

— יאָ, יאָ! אַזוי איז דאָס!

און דער זכות פֿון נשמות־ראַטעווען שטייט פֿאַרן כּסא־הכּבוד און איר גאַנצער פּראַכט און דער כּביכול קוקט און קוועלט־אָן.

און סמאל רעדט אַליין:

— נו, און די תּפֿילות, די לויב־געזאַנגען, וועלן שוין מער נישט געזאָגט ווערן, זיי וועלן שוין מער נישט דאַווענען און נישט בעטן!

און דער מלאך מיכאל ענטפערט אָפּ:

— זיי וועלן נאָך דאַווענען און לויבן; זיי וועלן מתפלל זיין; זיי זענען דאָך שוין גענוג אָנגעלערנט, די ייִדן, מיט צרות, און אויסגעפּרוּווט געוואָרן אין אַלערליי אומגליקן, און זיי ווייסן גוט, אַז אָן זיין הילף וועט נישט העלפן קיין שום גאָלד אין דער וועלט זיי צו ראַטעווען פון טויט. זיי ווייסן דאָס גוט. זיי וועלן דאַווענען און אויך ר׳ ישראל אַליין וועט דאַווענען. ער וועט תיכף דאַווענען.

— מיר וועלן שוין זען! מירן זען! — האָט דער שטן סמאל געזאָגט, ווי געצוווּנגערהייט.

און דער רבי האָט פאַרענדיקט זיין דערציילן:

— מיר האָבן דאָ אויף דיר געוואַרט, ר׳ ישראל. מיר האָבן נישט געדאַוונט, מיר האָבן נישט געקאָנט דאַווענען, ביז דו וועסט קומען. און ווען דו האָסט מיט אונדז געדאַוונט, האָט דער שטן סמאל זיין מויל אַריינגעשטופּט אין דער ערד און איז פאַרשוויגן געוואָרן.

# דעם לובלינער רבינס עליה, זיין „ירידה" און זיין פּטירה

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ יאָר פון שרעקלעכע צייטן. נאַ־פּאָלעאָן, וועלכער האָט איינגענומען אַ סך לענדער און אַראָפּגע־וואָרפן רעגירונגען, איז אַליין געפאַלן, אַזוי ווי דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויף אים נביאות געזאָגט, און זיין מיליטער, פונקט ווי דאָס מיליטער פון די אַנדערע לענדער, וועלכעס איז צו אים צוגע־שטאַנען, איז אַנטלאָפן און זיך צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע וועלט־טיילן.

איז דאַן אויף די ייִדן פון פּוילן געקומען זייער שלעכטע צייטן, נאָך ערגערע ווי אין די מלחמה־יאָרן. די האַק און די שווערד זענען געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און פון שטוב צו שטוב, די האָק פון די מערדערישע פעלקער, וועלכע פלעגן העלפן די פּאָגראָמ־שטשיקעס ברעכן ייִדישע טירן און פענצטער און אויסרויִבן די ייִדישע קלייטן און הייזער און די שווערד פון די סאָלדאַטן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער מלחמה און מיט וועלכער זיי פלעגן מאָרדן, און נישט איבערקלייבן צווישן יונג און אַלט, בחורים, מיידלעך און מוטערס מיט זייערע זויג־קינדער.

די שטאָט לובלין האָבן זיי אויסגעלאָזן. דער רבי איז דאַן געזעסן אין זיין אויבערשטיבל לעבן פענצטער און געהיט.

פלוצלונג האָט ער עפּעס דערזען און אַרויסגעשיקט זיין שמש איילענדיק:

— גיי שנעלער און זאָג־אָן די ייִדן אין שטאָט, אַז זיי זאָלן זיך צעלויפן, ווו נאָר זיי קענען, און שנעל; עס איז אַרויס דער צאָרן.

דער שמש איז אַרויס און אָנגעזאָגט די לובלינער ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך צעלויפן, ווי דער רבי האָט אים געהייסן. האָבן זיי געפאָלגט און אַנטלאָפן פון שטאָט, זיך אויסבאַהאַלטנדיק אין וועלדער, אויף פעלדער, אויפן בית־עלמין. און ווו נאָר זיי האָבן זיך געפילט זיכערער.

דער רבי מיט זיין פאַמיליע איז אויך מיט זיי אַרויס פון שטאָט.

דאָס איז געווען אין די טעג פון חודש סיון. אַרום האָט געשיינט די זון ליכטיק און וואַרעם, אַרויסגעשיקט אירע גינגאָלדיקע שטראַלן און באַפּוצט דעם גאַנצן וואַלד, יעדן בוים און יעדע צווייג — אַלץ האָט זיך אָפּגעפרישט מיט אַ גרין־גאָלדיקן קאָליר, אַלץ האָט זיך אויפגעפּוצט, כדי אויפצונעמען דעם רבין, וועלכער איז אַרויס פון שטאָט און גייט צו זיי אין וואַלד אַריין.

די פייגעלעך האָבן זיך צעזונגען מיט די איידלסטע טענער פון זייערע פרימאָרגנדיקן טרילן און אַ לייכט ווינטעלע איז אָנגעקומען, גלעטנדיק יעדעס בלעטעלע און יעדעס גרעזעלע, שפּאַצירנדיק איבערן וואַלד.

די ייִדן האָבן זיך געוווּנדערט:

זייער לעבן הענגט אויף אַ האָר, אַלע זענען זיי איבערגעגעבן צום שווערד, זייערע הייזער און פאַרמעגנס — צו דער האַק פון זייערע אַלע גויִישע שכנים און די וועלט איז פול מיט שיינקייט, מיט געזאַנג!

אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָט אויפגעהערט די שיינקייט, עס

איז שטיל געוואָרן דאָס געזאַנג און אַ שוואַרצער פאָרהאַנג איז אַראָפּ פון הימל און אַלץ צוגעדעקט.

און ס׳איז ווידער געקומען דער ווינט; ער איז געקומען מיט־אַמאָל, פּלוצים; געקומען איינער פון די פיר ווינטן פון הימל און אָט שפּרינגט ער און טאַנצט מיט יעדן צווייג און מיט יעדן קוסט; ער רירט שפּילנדיק אָן די פּנימער פון די מידע אויסגעמאַטערטע ייִדן, ווי ער וואָלט זיי געטרייסט, ווי אַ מוטער, וואָס טרייסט מיט איר גלעטן אירע קינדער, און דער גוטער מלאך פון שלאָף איז געקומען און זיי געמאַכט פאַרגעסן זייער פּיין און וואַנדער.

ווען דער נייער פרימאָרגן איז ווידער אָנגעקומען און עס האָבן זיך באַנייס געהערט די געזאַנגען, פּונקט ווי נעכטן, האָט זיך אויך געהערט דאָס קראַקען פון אַ קראָ, ווי זי שרייט־אַראָפּ פון די שפּיצןביימער, שרייט און ליאַרעמט אויף די זינגענדיקע פייגל און אויף דער זון, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויספּוצן די וועלט מיטן וועבן איצטער שטראַלן פון גינגאָלד, אין צייט, ווען די ייִדן זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער האַק און דער שווערד, ווען אַפילו דער רבי און זיינע נאָענטע וואַנדערן פון אָרט צו אָרט.

די ייִדן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזען זייער רבין, ווי ער גייט אַרום אין וואַלד צווישן די ביימער, וועלכע בוקן זיך פאַר אים ממש ווי קנעכט פאַר זייער האַר, און זייערע בלעטלעך פּאַטשן, ווי עס פּאַטשן די חסידים פון גרויס פרייד, ווען זיי דער־זעען זייער רבין. און דער רבי איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען; נישט ער זעט און נישט ער הערט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים; זיינע אויגן זענען פאַרריסן צום הימל; ער שוועבט אין די אויבער־שטע וועלטן און ער הערט נישט, וואָס עס טוט זיך אונטן.

די ייִדן באַמערקן אין זיין געזיכט, אַז אַ פרייד נידערט אַראָפּ פון אויבן און באַהערשט זיין פּנים; זי באַהערשט זיין געזיכט און דרינגט אַריין אין אַלע זיינע גלידער. און פּלוצלונג, קומט־אַרויס

פון זיין מויל אַ געזאַנג, אַ געזאַנג פון זיך אַליין, אַ געזאַנג, אָן ווער־טער, נאָר אַ ניגון.

און דער וואַלד כאַפּט זיך אויף און זינגט צוזאַמען מיט אים. די צווייגן פון דיביימער טאַנצן און זייערע בלעטער פּאַטשן און די גאַנצע וועלט ווערט פול מיט אַ שטאַרקן געזאַנג צום וועלט־באַשעפער.

ווען דער רבי הערט־אויף זינגען, ווערט אויך דער וואַלד שטיל; דער רבי שעפּטשעט אַ תפילה און שאָקלט זיך און באַלד דאַוונט אַלץ צוזאַמען מיט מיט אים; ס׳שאָקלען זיך די ביימער, די קוסטעס און דאָס גראָז, און עס הערט זיך אַ שטאַרק, מיט טרויער דורכגענומען געבעט צום באַשעפער, אַז די שווערד זאָל ווערן אַ שניידאייזן, און די האַק אַ גראָבאייזן און דער מלך־המשיח זאָל קו־מען און אויסלייזן די ייִדן פון פינצטערן גלות.

אַלע זעען, ווי די זון וועבט־אויס הויכע לייטערס פון ריינעם גאָלד און זי שיקט זיי אַראָפּ פון הימל אין וואַלד. און אויף די גאָלדענע לייטערס גייען אַראָפּ און אַרויף מלאכים און די נשמות פון צדיקים און זיי נעמען אַרויף מיט זיך די תפילות צום כסא־הכבוד.

און דער רבי שטייט און זיינע ליפּן שעפּטשען אַ תפילה. און פּלוצלונג ווערט אַלץ ווידער שטיל! אויס קולות און אויס באַוועגונג. די תפילה האָט זיך פאַרענדיקט.

דאָס איז געווען די שעה פון „דערהויבונג", די „עליה" פאַרן רבין. ער איז אַרויף אין די אויבערשטע וועלטן, אין די פּאַלאַצן פון גן־עדן, און דאָרטן איבערגעשראָקן אויף זייערע בענקלעך די אָבות, די צדיקים און קדושים, די מלאכים און די שרפים.

— די ייִדן ווערן געשלאָגן און אויסגעהרגעט צוזאַמען מיט זייערע זקנים, מיט זייערע פרויען און קינדער; זייערע היימען ווערן צעשטערט, זייער פאַרמעגן — אַוועקגערויבט און איר שווייגט!

און דעם רבינס געבעט און די תפילות פון די ייִדן און פון אַלע, וואָס אַרום זיי זענען אָנגעקומען ביזן כסא־הכבוד און זיי זע־נען צוגעשטאַנען צו די תפילות פון די אָבות און צדיקים, און גאָט האָט אָנגעשריגן אויף די פֿאַרדאַרבער־משחיתים און זיי מער נישט געלאָזט פֿאַרטיליקן די ייִדן.

## לאֵל אֲשֶׁר שָׁבַת

לרבי יעקב יצחק, החוזה מלובלין




דאָס איז אַ ניגון פון הייליקן חוזה רבי יעקב־יצחק הלוי הורוויטש פון לובלין זי״ע

האָט זיך דאַן דער רבי צוריקגעקערט אין שטאָט און צוזאַמען מיט אים די ייִדן. די האַק איז איצט באַנוצט געוואָרן צום האַקן האָלץ און די שווערד — בלויז נאָר פאַר אַ צירונג. עס האָבן אויפ־געהערט די הריגות, אָבער דער רבי האָט זיך מיט דעם נישט באַ־נוגנט. אַלע ייִדן זענען אין גלות און דער גלות איז פינצטער און ביטער!

אמת, איצטער האָט מען אויפגעהערט מאָרדן און רויבן, אָבער מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן זיך די מערדער ווידער אומקערן, כדי צו טאָן דאָס זעלבע מיט די ייִדן. איז ביי אים געבליבן, אַז פונקט אַזוי ווי ער איז איינמאָל אַרויף, עולה געווען, און געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן, וועט ער אויך אַ צווייטן מאָל אַרויפגיין אין די אויי־

בערשטע וועלטן. ער וועט אַרויפגיין נאָך העכער; דער סוד פון אַרויפגיין איז פאַר אים שוין אַנטדעקט געוואָרן; ער וועט אַרויפ־גייך און דאָרט קיינעם נישט לאָזן רוען, ביז ער וועט מיט זיך אַראָפּברענגען משיחן.

דער רבי איז טאַקע אַרויף, יעדן טאָג אַלץ העכער און העכער, און אין די שבתים און ימים־טובים איז ער אַרויף נאָך העכער. אַלע האָבן געזען, אַז הגם זיין קערפּער איז דאָ, אונטן, איז אָבער זיין נשמה דאָרטן, אויבן, אין דער הויך...

**
*

ס'זענען אַריבער וואָכן און חדשים; דער רבי גייט אַלץ העכער אין העכער; די תלמידים האָבן זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים און געזאָגט:

— די אויסלייזונג איז נאָענט!

אַז דער רבי האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט:

יאָ, יאָ, די גאולה, איז נאָענט!

עס איז אַריבער דער זומער, דער חודש אלול; עס זענען שוין פאַרביי די ימים־נוראים און דער יום־טוב סוכות, און דעם רבינס נשמה ווערט אַלץ מער דערהויבן, גייט פון טרעפּל צו טרעפּל, פון וועלט צו וועלט. און אָט איז געקומען שמיני־עצרת, דער נאָענטסטער טאָג צו שמחת־תורה, אין דער רבי, ווי זיין שטייגער איז געווען אין אַזוינע צייטן, פלעגט נאָך מער דערהויבן ווערן. ער האָט זיך נישט באַנוגנט נאָר מיטן דערהויבן זיין אייגענע נשמה, נאָר אויך די נשמות פון אַלע חסידים וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיין אויבערשטיבל, האָט ער זיך געמיט צו דערהויבן צוזאַמען מיט אים. ער האָט זיך געשטאַרקט און ס'איז אים געלונגען. אין דער וועלט

פון צופרידנקייט האָט ער זיי געבראַכט, מיט אַ קלייניקייט, מיטן
נאַטירלעכן וועג, האָט ער אָנגעהויבן. לכבוד יום־טוב האָט ער
אַליין אָנגעגאָסן אַ גלעזל וויין פאַר יעדן חסיד, און די אויסגעליי־
דיקטע פלעשער געשטעלט אויפן פענצטער, ווי ער וואָלט געוואָלט,
אַז זיי זאָלן זיין עדות און היטער קעגן די מזיקים, וואָס לויערן און
שטרענגען זיך אָן צו טאָן שלעכטס די אַלע, וועלכע ווילן ברענגען
די דערלייזונג אויף דער וועלט, עדות אויף דער פרייד, וואָס הערשט
דאָ היינט אין דעם טאָפּלטן שמחה־טאָג פון זמן שמחתנו און שמחת־
תורה; און סייווי וועלן די מזיקים, די שאַדן־טוערס, גאָרנישט קאָ־
נען מאַכן; זיי וועלן נישט קענען אַריין דורכן פענצטער.

און ווי נאָר יעדער איינער פון די חסידים האָט אויסגעטרונקען
זיין גלעזל משקה, איז דער גאַנצער צימער פול געוואָרן מיט געז־
זאַנג און טאַנץ; דער רבי האָט אָנגעהויבן, און די חסידים נאָך אים.
יעדנס מויל האָט געזונגען און יעדנס פוס האָט געהאָפּקעט; די
מיילער האָבן פון זיך אַליין זיך געעפנט און געזונגען האָבן זיי אָן
ווערטער און אויך אָן אַ ניגון. די פיס האָבן זיך אויך פון זיך אַליין
געהויבן און געהאָפּקעט; עס האָט געהאָפּקעט דער רבי און יעדער
חסיד באַזונדער. מיטאַמאָל האָבן זיי אויסגעפאָרעמט אַ ראָד. דער
רבי האָט געטאַנצט אינמיטן און די חסידים אַרום אים; פון זיך
אַליין האָבן געהאָפּעט די פיס, די מיילער האָבן געזונגען און די
גאַנצע וועלט מיט זיי צוזאַמען. זיי זענען אַרויף אין דער צופרידע־
נער וועלט און זי אַראָפּגעבראַכט אונטן, און אַלץ מיטן רבינס כוח.

אָבער דער רבי האָט זיך מיט דעם נאָך אַלץ נישט באַנוגנט;
ער איז גרייט צו שטייגן ווייטער; ער וועט אַריינדרינגען אין משיחס
פּאַלאַץ; ער וועט אויך זיינע חסידים מיטנעמען און אַלע צוזאַמען
וועלן זיי מאַכן אַראָפּנידערן דעם פּאַלאַץ מיט משיח צוזאַמען; אינעם
עולם התחתון וועלן זיי אים אַראָפּברענגען!...

ס'איז געקומען די צייט פון הקפות; די טענץ און געזאַנגע

האָבן אויף אַ שטיקל צייט אויפגעהערט. דער רבי און זיינע חסי־דים האָבן דאָך געמוזט צוגרייטן די הקפות, וואָס נאָך זיי קומט די גרויסע דערהויבונג.

האָבן זיך די חסידים צעשפּרייט איבערן הויף; זיי האָבן גע־רייניקט זייערע געדאַנקען און אַרויסגענומען פון זייער האַרצן און מחשבות אַלע פאַרלאַנגען און גלוסטונגען נאָך די נאַרישע וועלט־לעכע זאַכן. דער רבי איז געבליבן אין זיין אויבערשטיבל און געטאָן וואָס ער האָט געטאָן.

און דער הימל פון אויבן איז אַזוי ריין און די שטערן גלאַנצן אַזוי פּרעכטיק; זיי ווינקען מיט זייער בלישטש צו די חסידים אין הויף, אַז זיי זאָלן אַרויפקוקן צו זיי, זיך אויפהייבן אין דער הויך, ווּ זיי וועלן זיי פיין אויפנעמען, מיט אַ סך ליבשאַפט און פרייד.

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק כאָרכלען. האָבן זיך די חסידים שטאַרק דערשראָקן און זענען נאָכגעלאָפן דעם קלאַנג. זיי זענען צוגעלאָפן און דערזען, אין שיין פון די שטערן, ווייסע מלבושים. זיי זענען צוגעקומען צו די מלבושים, און אוי וויי! ווי איז צו זיי! דער רבי אין זיינע ווייסע יום־טובדיקע מלבושים ליגט אויף דער ערד!

ווי אַזוי איז ער אַהער געקומען? — דורך וועלכען וועג? — קיינער ווייסט עס נישט. קיינער קאָן זיך עס נישט דערקלערן.

דורכן טיר איז ער נישט אַרויס, ווייל די חסידים זענען דאָרטן געשטאַנען די גאַנצע צייט, און ווען ער וואָלט געווען אַרויס, וואָלטן זיי אים געווען געזען; דורכן פענצטער איז ער אויך נישט אַרויס, ווייל דאָרטן שטייען אויסגעשטעלט די ליידיקע פלעשער אין אַ שורה און קיין איין פלאַש איז נישט גערירט געוואָרן פון דער שורה.

און די נענטערע חסידים, וועלכע זענען דאָרטן געווען, האָבן געזאָגט:

## דאָס לעבן פון בעל־שם־טוב

ער איז אַרויף און דערגרייכט ביז משיחס פּאַלאַץ; ער איז שוין גרייט געווען אַריינצוגיין. אָבער דער דור איז עס נאָך נישט ווערט געווען, — איז געקומען דאָס „פּאַלן״...

פון דעמאָלט אָן איז דער רבי געלעגן אויף זיין בעט אין משך פון וואָכן און מאָנאַטן, ביז עס זענען אָנגעקומען די ניין טעג אין אָב, תשעה באָב, דאָס איז דער טאָג, וועלכן דער רבי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרוואַנדלען אין אַ טאָג פון יום־טוב און פרייד. אין דעם טאָג איז ער נפטר געוואָרן. ווייל דער דור איז נאָך נישט ווערט געווען צו דער גאולה, נישט ווערט געווען צו משיחן.

ס ו ף